STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03623

OYSGEKLIBENE SHRIFTN

Moshe Broderzon

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משה בראָדערזאָן

אויסגעקליבענע שריפטן

★

בוענאָס-איירעס
ליטעראַטור-געזעלשאַפט ביים ייווא אין אַרגענטינע

Moishe Broderzon — Oisgeklibene Shriftn

Moisés Broderzon — Poesía, Teatro

Copyright 1972, by
ATENEO LITERARIO EN EL IWO
Pasteur 633
Buenos Aires

Impreso en la Argentina
Printed in Argentina
Queda hecho el depósito que previene la ley 11.723

Se terminó de imprimir en el mes de octubre de 1972, en los Talleres Gráficos Dulau S.R.L., Rauch 1849, Buenos Aires

משה בראָדערזאָן

אויסגעקליבענע שריפטן

לידער, דראַמאַלעטן, מעשהלעך

מיט ניגונים צו 18 לידער

פראַגמענטן פון פאָרשאַרבעטן
צו דער כאַראַקטעריסטיק
און זכרונות

2טע אויפלאַגע

אַריינפיר און רעדאַקציע
פון
שמואל ראָזשאַנסקי

7טער באַנד פון ציקל

מוסטערווערק פון דער יידישער ליטעראַטור

אַרויסגעגעבן פון

יוסף ליפשיץ־פאַנד

פון דער

ליטעראַטור־געזעלשאַפט ביים ייוואָ
אין אַרגענטינע

אונטער דער רעדאַקציע
פון
שמואל ראָזשאַנסקי

קאָרעקטור: קהת קליגער

יאָר: ה'תשל"ב — 1972

ליטעראַטור־געזעלשאַפט ביים ייוואָ אין אַרגענטינע

תוכן

זייט

ביאָגראַפֿישע שטריכן 8

משה בראָדערזאָן, קויל־צייכענונג פֿון פֿעליציע פּאַצאַנאָווסקי . 9

משה בראָדערזאָנס שריפֿטן אין בוכפֿאָרעם 30

שמואל ראָזשאַנסקי — משה בראָדערזאָן, דער שפּילמאַן
פֿון יונג־ייִדיש 11

Per Aspera ad Astra 31

אַנשי שלומינו, לייב ביידוס .. 32
צו די שטערן 33
בראַנד און פֿייער 34
ס'האָט מיט דונערן 35
זאָל אויפֿפּלאַצן 36

יונג בין איך און דאָך — פֿאַרטרויערט 37

שוואַרצע פֿליטערלעך, אומרו,
קדוש 38
יונג בין איך!... פּערל וועל
איך זוכן 39
Nocturne, Nature morte . 40
אַקאָמפּאַניאַמענט, ווי אַ מאַמע 41
סקערצאָ, זשאַסמין 42

שׂנאה קאָן אַ וועלט פֿאַרברענען 43

פֿון צייט צו צייט 44
שפּילו! 45
דער שטן — דער שעפּער ... 46
איצט, בייַנאַכט 50
חורבן 51
שוואַרץ־שבת 53
פֿון צער 57
צאָרן 58
די מגפֿה פֿון שׂנאה 60
תּענית־ציבור 61

מיר זייַנען — מיר 63

דער שופֿר של משיח 64
אליהו הנביאס כּוס 66
מיט אליהו הנביא 68
אַ למדן־וואָווניק 69
צו פּרצן 70

זייט

גאַטס מענטשן בענטשן! ... 71

בענטשונג ... 72
פיר־שורהדיקע: קדושה ... 73
קרבן מנחה, אַ שמייכל, אַ כוס, בועז ... 74
די קעניגלעכע רות ... 75
איך, אַ פורים־שפּילער ... 76
פּורים־שיכרות ... 78
הבדלה ... 80
צער־ליליען ... 81
טוי ... 83
נסתרות ... 84

זינגען איז דער עיקר ... 85

יידן שמידן ... 86
הירש־דוד ... 87
וואַסערטרעגערס ... 88
ווער לייענט אונדז? (פּאַלעמיק) 90
צו וואָס? ... 92

גייען מיר אַרומגענומען (לידער פאַר קינדער) ... 95

שבת־צו־נאַכטס ... 96
בלומען ... 97
אַ ליד פון אַ נאַריש ייִנגעלע ... 98
ציפּעלע ... 99
אַ יתומל ... 100
אַכט אַ זייגער ... 101
טייבעלע ... 102
זומער־פייגעלעך ... 103
דער האָן ... 104
דריי שלייען ... 105
פישעלע לויפער ... 106
אַ בהמהלע ... 107
מע־ע־ע ... 108
אַ ליגן ... 109
מייזעלע ... 110

י. (50 לידער) ... 111

כ׳וויל אַנטלויפן פונעם גרויל ... 147

ווי צו זיין! ... 148
וווּ אַנטלויפן? ... 149
ווער ווייסט? ... 150
מיין פאָלק, די שרעק, ווענדונג 151
באַרויקונג ... 152

דראַמאַלעטן ... 153

אויטאָ־דאַ־פע ... 154
שיילאָק לאַכט ... 163
ביי די טויערן פון ירושלים ... 171
זיין הויקער ... 183
די קוקאַווקע ... 194

אוי, עס טרעפט, עס טרעפט אַ מאָל ... 199

באָבע יאַכנע ... 200
בושל ... 206
לעקעשל דער בער ... 212
דאָס ציגעלבערדל ... 220
הייזעלע־בריזעלע ... 225

זייט

צו דער כאַראַקטעריסטיק 233

טרונק — משה בראָדערזאָן אין דער ספערע פון לאָדזש 234

לעאָ קעניג — די תקופה פון יונג יידיש 237

ש. ניגער — משה בראָדערזאָנס ברויזנדיקע יוגנטלעכקייט . 240

מלך ראַוויטש — אין דער לאַבאָראַטאָריע פון יידישע דורות 243

איציק מאַנגער — משה בראָדערזאָנס לירישֿ־מוזי־קאַלישע שפּילעוודיקייט .. 245

מ. ניימאַן — דער עקספּאַנענט פון וועלטלעכער יידישקייט .. 247

יעפים ישורין — משה בראָדערזאָן־ביבליאָגראַפיע 250

נאָכבאַמערקונגען 269

●

מ ו ז י ק :

פון דוד ביגעלמאַן צו יידן שמידן 86

" " " הירש־דוד 87

פון קליינקונסט־טעאַטער צו וואַסערטרעגערס 89

פון ישראל גלאַדשטיין צו אַלע 15 לידער פאַר קינדער (פון ציקל גייען מיר אַרומגענומען)................96—110

●

בילדער און רעפּראָדוקציעס:

משה בראָדערזאָן, געצייכנט פון אַרטור שיק 31

אַ בלאַט פון „שיחת־חולין", געכתיבהט פון אפרים ליסיצקי .. 43

אַ סצענע פון דער אָפּערע „דוד און בת־שבע" 85

6 אילוסטראַציעס פון אַרטור שיק צו די קינדער־מעשהלעך 200—231

בילד פון משה בראָדערזאָן מיט זיין פרוי און טאָכטער 232

ביאָגראַפישע שטריכן

משה בראָדערזאָן, געבוירן אין מאָסקווע דעם 23סטן נאָוועמבער 1890 ביי באַלעבאַטישע עלטערן, האָט זייער פרי דערפילט דעם טעם פון פאַרפאָלגונגען, פון גלות. זיין פאָטער, אַ שקלאָווער, אַן אייניקל פון גוטן יידן ר' איצעלע ראַסקין, האָט נאָך גירוש מאָסקווע (1891) זיך באַזעצט אין לאָדזש און ס'קינד אַוועקגעשיקט צום זיידן ר' שמואל־לייב טוראָוו. ביז די 9 יאָר אויפגעהאַלטן אין נעסוויזש, ווייסרוסלאַנד, געלערנט אין חדרים. נאָך דעם, געבראַכט אין לאָדזש, אַריינגעטראָטן אין אַ האַנדלשול. געוואָרן בוכהאַלטער. גלייכצייטיק אָנגעהויבן דרוקן לידער אין לאָדזשער טאַגעבלאַט. אַ טייל פון די לידער איז דערשינען אין זיין ערשטער אויסגאַבע, שוואַרצע פליטערלעך (1913).

באַלד ברעכט אָבער אויס די ערשטע וועלט־מלחמה. דער יונגער דיכטער ווערט ווידער אַרויסגעריסן פון זיין היים און — פאַרטראָגן קיין מאָסקווע.

*

פון ערשטן וועלטקריג לאָזן זיך אויס אין רוסלאַנד אויפשטאַנדן. בירגערקריג, פּאָגראָמען, וועלכע צעטרייסלען דאָס לעבן און די ליטעראַטור. בראָדערזאָן ווערט מיטגעריסן פון צייטגייסט, פון די נייע קינסטלערישע עקספּערימענטן און זוכט זיי צו געבן אויך אַ יידישן תיקון, אַרויסווייזנדיק פריע מייסטערשאַפט פון שפּראַך און פערזנבוי. גיט אַרויס אין 1917 מעשהלעך, לעגענדעס, פון וועלכע עס טיילט זיך אַרויס שיחת חולין און שוין דאָ זעט מען זיין טענדענץ צו נעמען פאַר שותּפים מאָלערס און צייכענערס. אפרים ליסיצקי און יוסף טשייקאָוו, אילוסטרירנדיק זיינע אויסגאַבעס, האָבן געזוכט אַריינצוברענגען יידישן סטיל, נוסח.

שוין אין מאָסקווע, אין 1918, מערקט זיך ביי ב. די טענדענץ צו שאַפן ליטעראַרישע גרופּעס, אַפילו ווען די שותּפות איז נישט קיין גלייכע. אַזוי דערשיינט דעמאָלט די לידער־זאַמלונג זאַלבעפערט (בראָדערזאָן, ברוידאָ, מנשה האַלפערן, דניאל טשאַרני).

ער ווייזט אויך, מיט דער איבערזעצונג פון אַלעקסאַנדער בלאָקס פּאָעמע „צוועלף“, וואָס האָט דעמאָלט מרעיש עולם געווען, ווי מען קען אַפילו עכט־רוסישע דיכטונג איבערגעבן עכט־יידיש. פּונקט ווי ער באַניצט די יאַפּאַנישע פערזן־פאָרעם פון טאַנקעס און דערגרייכט ווירטואָזישקייט מיט יידישן טעם. און מיט די דערגרייכונגען און אומרוען פאַרלאָזט ב. מאָסקווע און קערט זיך אום אין 1918 צוריק קיין לאָדזש.

*

צוריקגעקומען אין לאָדזש איז עלטער פון 28 יאָר, האָט ב. איינס און צוויי „איינגענומען“ נישט בלויז די שטאָט, נאָר געוואָרן אַ שם דבר איבער גאַנץ פּוילן. ער ווערט דער פּרינץ פון יונג־יידיש.

צילנדיק צו פאַראייניקן אין איין משפחה אַלע מינים קינסטלערס, שרייבערס, מאָלערס, מוזיקערס, זינגערס, שוישפּילערס, ווערט ב. מיטגרינדער פון קונסט־צענטער „שמיר“ און רעד' פון יונג־יידיש, העפטן פאַר שרייבערס און פּלאַסטיקערס — 6 נומערן זיינען אַרויס אין 1919, אַ טעטיקייט וועלכע איז אויסגעברייטערט געוואָרן דורכן גרינדן אַ פאַרלאַג מיט דעם זעלביקן נאָמען, וואָס האָט אין 1920—1921 אַרויסגעגעבן אַ ריי טעאַטער־עטיודן מיט אַ נייעם טאָן, אינהאַלט און סטיל, ווי אויך שפּראַך: דראַמאַלעטן האָט זיי ב. אָנגערופן. גלייכצייטיק דערשיינען זיינע ביכער און ביכלעך באַגייסטערונג, פּערל אויפן ברוק, איבערגאַנג,

משה בראָדערזאָן, קויל־צייכענונג פון פעליציע פּאַצאַנאָווסקי,
נאָך די טרויעריקע געשעענישן, פאַר זיין טויט

װעלכע שטעלן אים פּאָר װי אַ טאַנ־
געבער פון דער מאָדערנער דיכטונג.
פון ב. אימפּולסן הייבט זיך אָבער
באַזונדער אַרויס זיין דראַנג צו
טעאַטער מיט נייע נוסחאות.

*

אין 1922 — דער ערשטער עקס־
פּערימענט. צוזאַמען מיט י. מ. נייי־
מאַן, סקולפּטאָר יצחק ברויגער און
מוזיקער הענעך קאָן שאַפט ב. אַ מאַ־
ריאָנעטן־טעאַטער, „חד־גדיאָ”, װאָס
קיבעצט די ליטעראַרישע, געזעל־
שאַפטלעכע און קולטור־גאַס, שפּילט
מיט דערפאָלג אין װאַרשע, לאָדזש
און װילנע. בראָדערזאָן רעגט־אָן צו
שאַפן יידיש אָפּערע־טעאַטער: שאַפט
דוד און בת־שבע, װאָס װערט מיט
דער מוזיק פון הענעך קאָן גע־
שפּילט אין 1924 אין װאַרשע. זעצט־
איבער עלעגאַנטע װינער אָפּערעטעס,
װעלכע מאַכן פוראָר אויף אַלע איי־
ראָפּעישע בינעס, װי „באַיאַדעראַ”,
„דאָס האָלענדיש מיידל”, „דאַלי”, און
זיי װערן געשפּילט אויף יידיש. אין
1924 געשאַפן אין לאָדזש אַ װאַריע־
טע־טעאַטער, ישור הבור, װאָס אויב
ער האָט נישט לאַנג אָנגעהאַלטן, האָט
ער געפירט צו אַ צװייטן טיפּ טעאַ־
טער, מיט װעלכן ב. האָט טריומ־
פירט און געשאַפן אַ נייע טעאַטער־
טראַדיציע — אַ קליינקונסט־טעאַטער,
אַררט, געגרינדעט אין 1926. אַ גרוי־
סער טייל פון זיין רעפּערטואַר און
נוסח איז שפּעטער צעטראָגן און פּאָ־
פּולאַריזירט געװאָרן איבער דער גאַנ־
צער װעלט דורך זיינע אייגנאַרטיקע
שױשפּילערס שמעון דזשיגאַן און
ישראל שומאַכער, װאָס װערן אָנ־
גערופן בנשימה אַחת דזשיגאַן־שו־
מאַכער.

ב. שאַפט אַ גרויסע צאָל לידער
פאַר קינדער, באַגלייט מיט מוזיק
פון פאַרשיידענע קאָמפּאָזיטאָרן, װי
אויך קינדער־מעשהלעך אין פערזן,
געדרוקטע אין ביכער און ביכעלעך,
װעלכע װערן געלייענט אָדער גע־
לערנט אין קינדערגאָרטנס און שולן
פון דער גאַנצער יידישער װעלט.

ב. איז אויך זייער פּראָדוקטיװ
אין דער טעגלעכער פּרעסע, װי
מיטרעדאַקטאָר פון לאָדזשער פאָלקס־
בלאַט, ו ער דרוקט פּובליציסטישע
אַרטיקלען, פעליעטאָנען, הומאָריס־
טישע פערזן און רעאַגירט אויף ליי־
טעראַטור־פּראָבלעמען, אונטער זיין
נאָמען, װי אונטער די פּסעװדאָנימען
אָמן, בראָדער זינגער, דער רבי ר'
אלימלך, ר' זאַנװועלע א"אַ. שרייבט
לידער צו אויפפירונגען אין פאַר־
שיידענע טעאַטערס װי צו גאָלדפאַדנס
צענטע געבאָט. זעצט־איבער פון פאַר־
שיידענע ליטעראַטורן, דערהויפּט פון
די גייסטע רוסישע שרייבערס.

אַן אָפּקלייב פון ב. דראַמאַטישע
עטיודן דערשיינט אין 1936 א"נ
פאַרשטעלונגען; פון לידער מיט מו־
זיק פון הענעך־קאָן און יעקב שיי־
פער — בראַנד און פייער און זיין
בוך י (50 לידער), דערשינען אין
1939, איז דער אָנזאָג פון דער צװיי־
טער װעלט־מלחמה און חורבן.

ב. אַליין, הגם געראַטעװעט פון
דער נאַצישער אינװאַזיע און אַרי־
בער מיט דער פרוי און משפחה אין
ראַטנפאַרבאַנד, און װידער געקומען
אין מאָסקװע, װו עס װערט אין
1947 געשפּילט אין יידי קאַמער־
טעאַטער זיין פּיעסע ערב יום־טוב,
דערפילט דעם ביטערן טעם פון
גלות... ער איז אין 1948 פאַרשיקט
געװאָרן אין אַ שקלאַפן־לאַגער אין
סיביר, פון װאַנען ער איז באַפרייט
געװאָרן אין סעפּטעמבער 1955 און
מ'האָט אים דערלויבט צוריקצופאָרן
קיין פּוילן. נאָר װען ער איז אָנגעקו־
מען אין װאַרשע און שטילערהייט
זיך געגרייט קיין מדינת ישראל, איז
ער, פּלוצלינג, געשטאָרבן דעם 17טן
אויגוסט 1956.

משה בראָדערזאָן, דער שפּילמאַן פון יונג־ייִדיש

אין די וועגן פון י. ל. פּרץ און לייב נײַדוס

משה בראָדערזאָן איז אַרײַנגעקומען אין דער ייִדישער ליטעראַטור — ווי ער זינגט אין זײַן הימען צו די שטערן — „אין טיפֿע, מרה־שחורהדיקע טעג, אין נעכט פון שרעק". אויף זײַנע קינדער־יאָרן האָט געהויערט גירוש מאָסקווע. ער איז דער דיכטער צווישן צוויי וועלט־מלחמות, צווישן כאַאָס און רעוואָלוציע. ער האָט געזען אונדזער שוואַרץ שבת און אונדזערע פּערל אויפֿן ברוק. ער זעט, ווי „ס'הייליקט זיך אין קאַמף די ערד" און „יונג דער מענטש — אַ נײַער ווערט". ער הערט אָבער אויך דעם וויי־געשריי, פּונקט ווי דעם וויי־געשווײַג... און דאָך, בײַ דער גאַנצער פֿאַרפֿלייצונג פון מרה־שחורה און שרעק, האָט ער אַרײַנגעבראַכט אָן אַ שיעור פֿרייד אין דער ייִדישער וואָרטקונסט, אין דעם ייִדישן טעאַטער, אין דעם ייִדישן לעבן. און דאָס איז דערפֿאַר, ווײַל ער איז געגאַנגען אין די וועגן פון י. ל. פּרץ און לייב נײַדוס.

זינגט ער צו פּרצן, באַגײַסטערט אים „דער גײַסט פון משהן און פון דיכטער". זינגט ער פֿאַר לייב נײַדוס, באַגײַסטערט אים, וואָס „בלויע הימלען האָט געהאַט מײַן חבר־פּרינץ". ער חלומט פון פּירער, פּאָעט, פּרינץ. ער האָט באַשטימט דאָס „געפֿיל, אַז די קולטור פון אַ פֿאָלק ווערט געמאָסטן מיט דער צאָל לידער, וואָס די יוגנט קען אויף אויסווייניק"[1]. ער באַציט זיך „מיט ליבשאַפֿט צו כּל השיינקייט" און האָט די איבערצײַגונג, אַז „אויף צו האָבן ליב און ליב האָבן דאַרף מען זען גאָט אין יעדער דערשײַנונג"[2].

---

[1] חיים גרינבערג — „דער דיכטער און דער לייענער", ייִדישער קעמפּער, נ' 1003, נ"י 1953.

[2] משה בראָדערזאָן — „מײַן באַליבטסטער שרײַבער", ליט"בל, נ' 312, וואַרשע 1930.

מיט אַזאַ ליבשאַפֿט איז משה בראָדערזאָן בײַם סוף פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה אַראָפּגעקומען פֿון מאָסקווע קיין לאָדזש. אין אַ צײַט, ווען אומעטום האָט געלויערט האַס, איז בראָדערזאָן געקומען אַ פֿאַרפֿלייצטער מיט ליבשאַפֿט. די וועלט האָט נאָך גערויבערט פֿון די קריגס־פֿלאַמען און בראָדערזאָן איז געקומען מיט חלומות פֿון אַ... רענעסאַנס.

רענעסאַנס — פֿאַר אַלע צווײַגן פֿון דער יידישער קונסט: אין דער ליטעראַטור, ווי אין טעאַטער, אין מאָלערײַ, ווי אין שוישפּיל.

פּוילן, וואָס האָט אָקערשט, נאָכן ערשטן וועלטקריג, איר אומאָפּהענגיקייט צוריקגעקראָגן, איז געווען צעטרייסלט ביז די טיפֿסטע טיפֿענישן. יידן האָט מען פֿון די באַנען, דורך די פֿענצטער, אין מיטן פֿאָרן אַרויסגעוואָרפֿן. געשניטן בערד. באַפֿאַלן אין די גאַסן פֿון די גרויסע שטעט און געממיתט. האָבן יינגערע, מוטיקערע, אומגעדולדיקע, זיך אַ וואָרף געטאָן צו נײַע היימען, אַנדערע קאָנטינענטן. ווער קיין ארץ־ישראל און ווער אין די אַמעריקעס. בפֿרט נאָך, אַז הונגער האָט אַ ריזיקע מאַסע צעפּרעסן. פֿון דעסטוועגן, אין דער מיט פֿון די אַלע זאָרגן, צער און צאָרן, איז אויפֿגעשטיגן אַ גרויס יידיש שולוועזן, אַ קאָלאָסאַלע טעגלעכע פּרעסע, אַן אָרגאַניזירטע יידישע אַרבעטער־באַוועגונג און אַ פֿאַרצווײַגטע נאַציאָנאַלע פּאָליטישע באַוועגונג פֿון אַלע שיטות. ווי בראָדערזאָן האָט געזונגען: Per aspera ad astra. מען האָט זיך נישט געשראָקן פֿאַר די שטערונגען און שוועריקייטן.

מען האָט געגלויבט.

דער באַוווּסטזײַן און די ליבשאַפֿט האָבן אין אנשי שלומינו מוט אַרײַנגעגעבן — ווי מ׳האָט נאָך מיט צענדליקער יאָרן צוריק געננמען חלומען, אָבער נישט געפּרוווט רעאַליזירן — אַז „אַ יידישער ראָמאַנטיזם וועט די יידישע ליטעראַטור אייגנאַרטיק מאַכן, צוריק צום אורקוואַל ברענגען" און דעמאָלט „וועט זי ווערן היילונגברונעם פֿונעם מידן, איבערגעזעטיקטן אינטעליגענט און די ליבעאַלטע, מיט מאָד באַוואַקסענע, קרעניצע פֿונעם פּשוטן דאָרף־

מענטשן"[3]. בראָדערזאָן האָט אויף דעם אויסגעפּרוּווט זײַנע כּוחות. אויב נישט אויף צונויפֿזאַמלען די קינסטלערס פֿון גאַנץ פּוילן, איז ווייניקסטנס פֿון זײַן היימשטאָט, לאָדזש.

אַזוי האָט „אין אַ שיינעם, העלן ווינטערטאָג זיך באַוויזן אויף די לאָדזשער גאַסן אַ יונגערמאַן, וועלכער האָט געצויגן אויף זיך די אויפֿמערקזאַמקייט פֿמעט פֿון אַלע דורכגייערס. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ ברייטן פּעלץ מיט אַ שטרײַמל. ער האָט געמאַכט דעם אײַנדרוק פֿון אַ רבין אָדער פֿון אַ באַיאַר. דער דאָזיקער „סוחר" האָט מיט זײַן אײַסזען אַרויסגערופֿן אַזאַ פֿאַרוווּנדערונג, אַז גרויס און קליין זײַנען געבליבן שטיין און אים נאָכגעקוקט. אַפֿילו דער פּאָליציי־מאַן, וואָס רעגולירט די באַוועגונג... איז פּלוצלינג שטיין געבליבן מיט זײַן טײַטהעלצל און זיך פֿאַרגאַפֿט אויף דעם אומבאַקאַנטן. נאָך אַ גרעסערע סענסאַציע האָט ער אַרויסגערופֿן מיט זײַן באַווײַזן זיך אין קאַפֿע. בײַ אַ טישל האָט זיך פּלוצלינג באַוויזן אַ יונגערמאַן אין אַ בלוי העמדל אויסגענייט מיט געלע בלומען, מיט צוויי ברענענדיקע שוואַרצע אויגן, שוואַרצע האָר און לאַנגע באַקנבערד. אויף זײַן מיטלסטן פֿינגער האָט ער געטראָגן אַ גרויסן רינג. פֿון צײַט צו צײַט האָט ער אַרויסגענומען אַ גרויסן לאָרניאָ און באַטראַכט דעם עולם, וואָס האָט זיך נײַגעריק צוגעקוקט, געשושקעט און געפֿרעגט איינער בײַם צווייטן, ווער איז דער אומבאַקאַנטער ייִדישער פּרינץ"[4].

בראָדערזאָן האָט איבערגענומען די עקסטראַוואַגאַנץ און ליבשאַפֿט פֿון י. ל. פּרצן, די עלעגאַנץ און ווירטואָזישקייט פֿון לייב נײַדוסן און צו זיי נאָך צוגעגעבן אַבֿרהם גאָלדפֿאַדנס־טעאַטראַלישקייט...

אויסערלעך און אינערלעך.

---

[3] יואל ענטין — „אַ יידישער ראָמאַנטיזם", טרוימען און ווירקלעכקייט, זאַמלבוך, נ"י 1909, ז' 24.

[4] הענעך קאָן — „משה בראָדערזאָן", ליט"בל, נ' 505, וואַרשע 1934.

און אַזוי ווי ער פֿאַרבינדט די אַלע דרײַ טראַדיציעס, איז משה בראָדערזאָן דער מאָדערנער שפּילמאַן, וואָס גיט צו זינגען און צו זאָגן.

דער אומצוטרוי צו די שפּראַך־ווירטואָזן

אַ סך מיינען, אַז דער שפּילמאַן איז אין תּוך אַ פּרימיטיווער קינסטלער און — דאָס איז אַ טעות. דער שפּילמאַן איז אפֿשר דער קאָמפּליצירטסטער טיפּ קינסטלער, אויב ער איז עכט. „אין אַלגע־מיין — איז שווין אַפֿילו פֿאַר דער ווײַטער געשיכטע פֿעסטגעשטעלט געוואָרן — כאַראַקטעריזירט דעם ייִדישן שפּילמאַן אַ סאָלידער גײַסטיקער באַגאַזש"[5]. דאָס, וואָס דער שפּילמאַן האָט קיין מאָל נישט פֿאַרגעסן, אַז ער דאַרף פֿאַראינטערעסירן דעם עולם, אויב ער וויל צום עולם דערגיין, ווײַל אויב ניט, האָט קיין זין ניט צו קומען צו אים, קען טאַקע אָראָפּשלעפּן שוואַכזיניקע און אומפֿאַר־אַנטוואָרטלעכע פֿאַר זיך אַליין פֿון דער הייך, אויף וועלכער זיי דאַרפֿן זיך געפֿינען, אָבער דיסציפּלינירט אַפֿילו די גרעסטע קינסט־לערס. „צום גליק איז אַ טייל פֿון ייִדישן פֿאָלק, דער געזונטער און קערנדיקער, געבליבן בײַ זײַנע חושים און איז מיט לײַטן גלײַך. פֿאַר אַלע דורות פֿון לומדות און דיאַלעקטיק האָט דאָס פּראָסטע פֿאָלק געוואָלט געניס. אַפֿילו אין די געטאָס זײַנען געשאַפֿן געוואָרן פּורים־שפּילערײַען, מעשיות און ליבע־געזאַנגען. קינסטלערס פֿון באַרוף, ווי שווער עס זאָל נישט זײַן פֿאַר זיי, בלײַבן זיי טרײַ זיך אַליין. זיי טוען דאָס, צו וואָס זיי זײַנען באַרופֿן פֿון דער נאַטור"[6].

אין משה בראָדערזאָנס דיכטערישער נאַטור האָט אימפּראָווי־זאַציע פֿאַרנומען דעם אויבנאָן.

בײַם ייִדן אָבער, אַז מ'רעדט פֿון אימפּראָוויזאַציע, דערמאָנט

[5] מאַקס עריק — די געשיכטע פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור, וואַרשע 1928, ז' 84.

[6] י. י. זינגער — „ליטעראַטור דאַרף פֿאַרשאַפֿן געניס", סביבה, נ' 1, נ"י 1943.

מען זיך צופּיל בדחנות... און בדחנות איז אַ לאַנגע צײַט אַנגעגאַנגען פאַר אַ זידלוואָרט, בעת אין אמתן וואָלט זי נישט באַדאַרפט פאַררעכנט ווערן צו פּאָעזיע, אַפילו ווען זי איז אין פערזן און מיט גראַמען.

און וויבאַלד עס איז אַזוי לײַכט אין פּאָעזיע, וואָס טראָגט אויף זיך דעם חותם פון אימפּראָוויזאַציע, זיך טועה זײַן און זי אָננעמען פאַר בדחנות, איז פאַראַן אַ פאָראורטייל און אַן אומצוטרוי צו די, וועלכע ס'קומט־אָן גרינג צו שרײַבן פערזן.

נישט אײן טעות איז אין דעם זין געמאַכט געוואָרן וועגן משה בראָדערזאָנס דיכטונג; ווײַל ס'ליגט אויף זיי דער חותם פון אימפּראָוויזאַציע, האָבן טייל נישט דערזען אין זיי עטאָס... ס'הייסט: צופּיל עסטעטיק און צו־ווייניק עטיק...

און קריטיקערס האָבן אין פאַרשיידענע פּעריאָדן פון בראָדערזאָנס שאַפן געהאַט טענות און דערבײַ זיך פאַרענטפערט, אַז זיי וואָלטן אייגנטלעך קיין טענות נישט געהאַט, ווען ייִדן וואָלטן געווען אַ פאָלק מיט אַלע פעלקער און געקענט זיך פאַרגינען, אַז אַ גרויסער פּאָעט זייערער זאָל בלויז עסטעטיזירן און נישט האָבן אין זינען אין זײַנע לידער קיין אידייען...

דאָס איז אַן אומצוטרוי, וואָס ווערט אַרויסגעוויזן צו אַלע שפּראַך־ווירטואָזן. וואָס גרינגער עס קומט אים אָן אַרויסצוברענגען דאָס וואָרט, וואָס שפּילעוודיקער עס איז, וואָס רײַכער עס איז, זײַנען טייל חושד, אַז הינטער דעם איז נישטאָ דער צער פון יצירה, די איבערלעבונג, די פאַרטיפונג. „צופּיל ווערטערשפּיל"...

עס זײַנען אָבער דאָ אַזעלכע, וואָס קענען מיט רעכט זאָגן: „אַלע קענען בראָדערזאָנען דעם באַהערשטן פון דער פּאָעטישער סטיכיע; איך אָבער קען בראָדערזאָנען דעם קלאָרן, נעטן דענקער, דעם וואָרטקאָרגן... דעם קינסטלער פון חכמת־הצימצום, בײַ וועלכן ס'איז ממש אַ רענדל אַ וואָרט"[7]. אדרבה, פאַרקערט: אין „י" האָט

---

[7] שמעון שפּיגעל — „שטריכן צו דער בראָדערזאָן־געשטאַלט", ליט"בל, נ' 509, וואַרשע 1934.

בראָדערזאָן צופיל זיך פאַרענגט אין דער פאָרעם; װעלנדיק דווקא אין 16 שורות אויסדריקן אַלץ, װאָס ער האָט געװאָלט זאָגן, האָט ער דעם געדאַנק צופיל אונטערגעװאָרפן און געמאַכט משועבד צו דער שורה; בעת עס בעטן זיך ערטערװײַז נאָך עטלעכע װערטער צו מאַכן לײַכטער און קלאָרער דעם פערז.

פאַר בראָדערזאָנען איז טאַקע לייב נײַדוס דער, װאָס זײַן װירטואָזיטעט האָט בײַ אייניקע אַרויסגערופן צו אים אומצוטרוי. דאָס איז זיכער די סיבה, װאָס מ׳האָט נישט דערזען, װי דווקא אין בראָדערזאָנס צעפלאָסענע אימפּראָװיזאַציעס פון נאָך דער ערשטער װעלט־מלחמה איז גראָד פאַראַן אַן איבערפלוס פון אינהאַלט, טעמע, אידייע, עטיק, די אַלע עלעמענטן, װעלכע זײַנען צוליב דער שפּראַך־עשירות נישט דערזען געװאָרן פון אייניקע...

מיט װיטמאַנישער סטיכיע האָט בראָדערזאָן זיך פּאַטעטיש צערעדט אין זײַנע ביכער באַגײַסטערונג און איבערגאַנג װעגן דער צעװוילדעװעטער װעלט. דאָס זײַנען בילדער און שטימונגען, װעלכע געהערן גיכער צו דער אַטאָמישער עפּאָכע װי צום פּעריאָד פון נאָכן ערשטן װעלטקריג. אָט, למשל, אינעם ליד ערב האַרבסט:

„און אומעטיק און װייט איז אָפּגעשניטן הוילע פעלד,
װען ס׳זיינען שוין אַראָפּגערוימט די בערגלעך גאַרבן,
און אומעטיק איז אין דעם ערב האַרבסט די װייטע װעלט,
און ס׳זיינען טונקעלע און אָפּגעליאַקירטע אַלע פריערדיקע פאַרבן
און טרוימען פיל — אַ, גאָט — אַזוי פיל זון־חלומות װעלן
מוזן שטאַרבן!״

די סימבאָלן רײדן דאָ אַרויס הויך און מ׳זעט זיי קלאָר, די סימבאָלן פון „ערב־האַרבסט״. דער מוח צינדט זיך אָן, װען מ׳גיט אַ טראַכט, װיפל „זון־חלומות װעלן מוזן שטאַרבן״...

נביאישע פאַרגעפילן

אין זײַנע ברייט־צעכװאַליעטע פערזן גיט בראָדערזאָן איבער די שװערע פאַרגעפילן פון שװידערלעכע צײַטן, װאָס קלאַפּן אין

אונדזערע טירן. דאָס זײַנען די אַנגסטן פון 20סטן יאָרהונדערט, דער שוידער וואָס עס וואַרפט־אָן די גרויסע ציוויליזאַציע און מאָדערנע טעכניק, וועלכע באַדראָעט אָפּצווישן לענדער און פעלקער מיט איין פּלאַם... דאָס זײַנען אַנגסטן, וועלכע געהערן גיכער צו דער דריטער וועלט־מלחמה, פאַר וועלכער עס קלינגען ווי אַ הויכע וואָרע־נונג בראָדערזאָנס פערזן פון נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה...

אַ סך אַזעלכע אויסערגעוויינטלעכע שפּירונגען רופן־אַרויס בראָדערזאָנס פערזן, וואָס זײַנען נאָך זיין טויט אפשר מער אַקטועל ווי דעמאָלט, ווען ער האָט זיי געשריבן.

דאָס זײַנען נביאישע פאַרגעפילן פון אמתע פּאָעטן, גרויסע פּאָעטן. „ווײַל אַ גרויסער פּאָעט איז אַ פירשפּרעכער, אַ סך־הכל, אַ הויכער פונקט פון זײַן עפּאָכע", אַ חוץ וואָס „ער איז דער אָנ־זאָגער און דער בײַשפּיל פאַר אַ נײַער קינסטלערישער קאָנצעפּציע. ער שאַפט אַ נײַעם שפּראַכמעדיום און ווערט אַזוי נאָך זײַן מײַס־טער, זײַן מאַטעריאַל, ווי אויך דער אופן, ווי ער באַהאַנדלט אים, איז ספּעציפיש זײַנער" [8].

בראָדערזאָן האָט דאָס געוויזן נאָך אין 1917, אין זײַן פּאָעמע שׂיחת חולין, וואָס איז דערשינען אין מאָסקווע, ווי אַ דיכטער קען אינטויטיוו דערשפּירן און אַנטפּלעקן אַ טראַנסצענדענטאַלע אידיי אין אַ קינסטלערישן לבוש — אַן אידייע וואָס גרענעצט זיך מיט נביאות. ס'איז אַ מעשׂה פון פּראָג, וועגן דער קהילה, וועגן דער סביבה פון „לויטער רבנים", וועגן „קלויזן־פּאַלאַצן", ווו עס זײַנען „מיליאָסן פיל אוצרות באַגראָבן", ווײַל די „גאַנצע קולטור איז פאַר דאָרטיקע תּושבים אַ מאָדנע לעגענדע", מחמת „פאַר טראָפּנס קול־טור וועט מען דאָרטן באַשיטן מיט אוצרות דעם פרעמדן, פאַר־וואָגלטן יידן". אַפילו אין אַזאַ מקום קדוש האָט זיך געפונען אַ ייִד, ר' יונה, וועלכער האָט זיך געלאָזט פאַרטשעפּען דורך אַשמדאַיס טאָכטער. וואָס איז? ער האָט אַ טראַכט געטאָן: איין מאָל... ער איז

---

[8] נ. ב. מינקאָוו — יידישע קלאַסיקער פּאָעטן, ב"י 1937, ז' 7.

מיד געווען פון וואגלען און וואנדערן — און דא האט אים אשמדאיס טאכטער אויפגענומען מיט אפענע ארעמס...

„צו יונהן נאר האט זי א קליינע בקשה:
הגם ס'איז אן תנאים, אן חופה קידושין,
פון דעסטוועגן בעט זי, ער זאל זיך דערלויבן
פון איר זיך נאר איין מאל, נאר איין מאל צעקושן".

האט טאקע ר' יונה מורא, נאר ער גיט א טראכט:

„נאר איין מאל צעקושן?
נו, מילא, פארפאלן!
— — — — — — —
נאר איין מאל א קוש טאן?
דער חטא איז ניט שרעקלעך"...

אבער אז מ'זינדיקט איין מאל, איז שווער שוין פון זינד זיך צו באפרייען! אבי ס'ערשטע מאל ביי זיך געפועלט צו זינקען, זינקט מען שוין און מ'זינקט!

„און דאס איז דער סוף פון דער פראגער געשיכטע:
עס ליגן איצט שביינען, פארחלשטע, ווייסע,
איר זעט, ווי עס שיטן איצט שביינען געדיכטע,
זיי שיטן אן אויפהער אויף הייזער, אויף קברים,
אויף אלטע מצבות, אויף בייאינקע שולן
— — — — — — — — — — — — — — —
זי האט אים א קוש נאר געגעבן, נאר איינעם,
„עד פרחת בשמתו און ער איז געשטארבן,
ווי אונטער א חלף אן ווידוי אנטרונען
ר' יונה, פון שדישער ליבע א קרבן"...

מיר האבן דא א היינטצייטיקן וואריאנט פון פרצעס „מאניש" מיט א מוסר־השכל וואס גיט צו פארשטיין, הלמאי בראדערזאן איז גלייך ביים אנהייב פון דער רעוואלוציע אוועק פון מאסקווע קיין לאדזש. חוץ דער אידייע, זשאנער און סביבה קען דינען ווי אן דער הידור פון דער אויסגאבע: אן אלבאם ווי א מגילה, בלע־ עדות

טער ווי פֿון פּאַרמעט, אותיות געכתיבהטע, מיט אָרנאַמענטן ביי יעדן דף, ביים שער פֿון אַ ספר, אפֿרים ליסיצקיס האַלצשניטן אין פֿרום־יידישן נוסח.

שוין דאָס אַליין שטעלט אונטער אַ פֿרעגצייכן, צי זיינען גע־רעכט יענע, וועלכע האָבן אַזוי פֿיל געזאָגט אויף ב., אַז ער איז שיעור נישט „אַ גוי", באַשר געווען אַ מאָסקוויטש, אַ באַהעם פֿון גרויסוועלטישן פֿאַרנעם. אין אמתן איז ער געווען גרונטיק יידיש, כאָטש ער האָט געגראַמט לאַטיין מיט העברעיש און די מערקווער־דיקסטע גראַמען אויסגעפֿונען פֿאַר יידיש. אַפֿילו אין דער רעוואָלו־ציאָנערער מאָסקווע איז ער געווען גרונטיק יידישלעך. בעת מ'שטו־רעמט קעגן אַלע עלטערע טראַעיציעס, וואָס האָבן „אַ ריח פֿון קלע־ריקאַליזם", שרעקט ער זיך נישט צו שעפּן פֿון טראַדיציאָנעלסטן פֿאָלקסקוואַל, פֿון לעגענדעס, פֿון לומדים, וועלכע קריגן אַ פֿינצטערן פּסק פֿאַר כאַפּן אַ הנאהלע „פֿון שדישער ליבע"...

איז שוין גאָר נישט צו חידושן, וואָס בראָדערזאָן האָט אין 1939 אויסגעמאָלן, אין זיין בוך „י", דורך 50 לידער, דאָס בילד פֿון יידישן חורבן אונטער דער סוואַסטיקאַ, ווי אַ דערגאַנצונג צום שטורמישן ליד אין ניו־יאָרק „אַ גוטע נאַכט, וועלט!". ווי דאַרף מען קוקן אויף די־אָ לידער — „דיכטונג אָדער נבֿואה?". די תשובֿה איז: „דער עיקר זיינען זיי נבֿואה"[9]. וואָלטן דאָס די יידן אין אייראָפּע באַ־צייטנס פֿאַרשטאַנען, וואָלטן זיי אין אַזאַ בוך לידער געזען חוץ אַ גרויסן אויפֿטו פֿון אַ ווירטואָז, אַ מאָלער, אויך דעם פֿאַרויסזעער פֿון יידישן פֿאָלקסאומגליק — וואָלטן זיכער הונדערטער טויזנטער יידן אַנטלאָפֿן פֿון די נאַציס איידער מ'האָט זיי געפֿירט אין די גאַז־קאַמערן. דעמאָלט וואָלטן זיי באַגריפֿן דעם טיפֿן זין, וואָס איז נאָך מיט צענדליקער יאָרן צוריק אויסגעדריקט געוואָרן, אַז „מיט דער ליטעראַטור לעבט דאָס פֿאָלק. אויף איר ווערט דערצויגן די יוגנט.

[9] יעקבֿ גלאַטשטיין — „אין תוך גענומען" (משה בראָדערזאָן), יידישער קעמפֿער, נ' 1019, אויגוסט 1953.

פון איר שעפּט יעדער דור זײַן קראַפט, זײַן ליבע צום פאָלק, צו זײַן פאַרגאַנגענהייט. מיט איר אָטעמט ער אַרײַן אין זיך די נשמה פון פאָלק, איר אידלקייט און שיינקייט, דעם גלויבן און האָפענונג". דע־מאָלט וואָלטן אַלע פאַרשטאַנען, אַז „אַ פאָלק אָן אַ ליטעראַטור איז אַ ווילדע סטאַדע. אָן איר איז עס קיין פאָלק נישט. די ליטעראַטור איז די גײַסטיקע מלוכה פון אַ פאָלק"[10]. בראָדערזאָנס „י" געהערט צו דעם מין ליטעראַטור, וואָס איז די גײַסטיקע מלוכה פון אַ פאָלק.

אַז משה בראָדערזאָן האָט אַזאַ הויכע אויפגאַבע זיך געשטעלט ־ לײַך בײַם אָנהייב פון זײַנע שרײַבערישע זוכענישן, זאָגן עדות די צוויי מאָטאָס אין רוסיש, וואָס ער האָט אָוועקגעשטעלט סאַמע פאָרנט פון זײַן ערשטן ביכל לידער, „שוואַרצע פליטערלעך": פון ק. ד. באַלמאָנט — לעבן איז דאָס גליק פון געזאַנג און פון אַלעקסאַנדער בענואַ — דורך קונסט וועט געבוירן ווערן אַ גלויבן.

משה בראָדערזאָנס אָרט צווישן „די יונגע"

אָנגענומען איז: משה בראָדערזאָן געהערט צו „די יונגע", וועלכע זײַנען אויפגעשטיגן אין פּוילן גלײַך נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, נאָך די פּאָגראָמען אויף אוקראַינע, נאָכן צוריקגעבן פּוילן איר פּאָליטישע אומאָפּ־ הענגיקייט. די אַלע פאַקטאָרן האָבן געפונען אויסדרוק אויף פאַר־ שיידענע אופנים און אין פאַרשיידענע מדרגות בײַ די שרײַבערס, וועלכע האָבן אויפגעשטעלט זייערע געצעלטן אין וואַרשע, לאָדזש און ווילנע. די קעמפערישסטע צווישן זיי, פּרץ מאַרקיש, משה בראָ־ דערזאָן, מלך ראַוויטש, אורי צבֿי גרינבערג, האָבן גיך זיך צעשיידט, אויף וויפל יעדער איינער פון זיי האָט אויסקריסטאַליזירט זײַן פּער־ זענלעכקייט. פון זיי איז דער ערשטער אַוועק אויף זײַן אייגענעם וועג משה בראָדערזאָן. און ער האָט צום גיכסטן געפונען זײַן ציל:

---

[10] ד״ר י. לוריע — „פּאָליטיק און ליטעראַטור", דאָס יודישע פאָלק, נ׳ 20, ווילנע 1906.

יונג־יידיש. זײַן פּאַן האָט צונויפגענומען אַרום ייִדיש זוכערס און קינסטלערס מכּל המינים, כּדי צו פֿאַרשותּפן זיך דורך צײַטן, דורך דורות, דורך אַלערליי פֿאָרמען פֿון אויסדרוק, מיט דעם אינהאַלט און אידייען, וואָס האָבן אויפגעהאַלטן דאָס ייִדישע לעבן. גענומען צום ווייניקסטן — פּרומקייט, פּונקט ווי צום ווייניקסטן — פּראָלע־טאַרישקייט, אָבער דערפֿאַר צום מערסטן — פֿאָלקסטימלעכקייט. בראָדערזאָן, דער מאָדערניסט אין שפּראַכקולטור און פֿערזן־מײַס־טערשאַפֿט, זוכט די שותּפֿות מיט פֿאָלקלאָר, אין ליד און אין טעאַטער־קונסט. און כּדי צו קענען וואָס מערער עקספּערימענטירן, באַניצט ער זיך מיט מיניאַטור. אַזוי אַרום דערגרייכט ער מערער קינסטלע־רישע קאָנצענטרירקייט — אין מיניאַטור. דערפֿאַר האָט ער זיך אײַנגעקלאָמערט אין קליינקונסט, וואָס בײַ דעם „ווערן אונדזערע ייִדישיסטישע אינטעלעקטואַליסטן שטענדיק געשטרויכלט". ווײַל „ס'איז נישטאָ קיין קליינע קונסט און קיין גרויסע — זאָגט ער — ס'איז פֿאַראַן נאָר איין באַגריף: קונסט און קינסטלערישע פּאָטענץ... דער עיקר איז, אַז די סצענישע מיניאַטור זאָל זײַן קינסטלעריש קאָנדענסירט און זאָל עמאַנציפּאַנירן די חושים פֿונעם טעאַטער־באַזו־כער, אַז ס'זאָל אים מאַכן אומרויִק" [11].

פֿון איין זײַט — געשאַפֿן אַ טראַדיציע, ווי צו פֿאַראינטערעסירן די גאַס, דעם עולם וואָס האָט נישט קיין איבעריק געפֿיל פֿאַר קונסט. „איז אין לאָדזש באַנײַט געוואָרן אַ נײַע בראָדער־זינגעריאַדע אויף אַ לאָדזשער אופֿן. אין די קאַפֿעען האָבן זיך די שרײַבערס געשאַפֿן זייער אָרט און אונטער אַ גלעזל ווײַן און מוזיק איז אײַנגעפֿירט געוואָרן צו מאַכן אימפּראָוויזאַציעס אויף פֿאַרשיידענע טעמעס. די אַטראַקציע איז געווען, ווער עס וועט שנעלער פֿאַרטיק מאַכן זײַן ליד אויף דער טעמע. דער געווינער פֿלעגט געקרוינט ווערן אַלס „פּרינץ פֿון ליד" פֿון לויפֿנדיקן אָוונט און באַקומען אַ פּרעמיע — אַ פֿלאַש ווײַן. פֿון די אימפּראָוויזאַציעס איז שפּעטער דערשינען אַ

---

[11] משה בראָדערזאָן — וועגן „אררט" לױט"בל, נ' 303, וואַרשע 1930.

בוך מיט 50 לידער — 25 פון יצחק קאַצענעלסאָן און 25 פון משה בראָדערזאָן"[12]. דאָס איז געווען איינע פון אַ ריי איניציאַטיוועס, וועלכע האָבן פאַראינטערעסירט ברייטערע קרייזן מיט ליטעראַטן און ליטעראַטור. געזעלשאַפטלעך. עמכדיק.

פון בראָדער זינגער איז געוואָרן בראָדערזאָן־זינגער־יאַדע.

עקספּערימענטירנדיק אין זיינע מיניאַטור־טעאַטערס, האָט בראָ־דערזאָן דערהויבן זיין זשאַנער פון דראַמאַלעטן, ווו דער פּאָעט האָט דערגרייכט די ראַפינירטסטע טענער, און דער דראַמאַטיקער האָט אַריינגעפירט ברענענדיקע פּראָבלעמען פון יידישן זיין און קאַמף פאַר עקסיסטענץ. מאָטיוון פון יידישער געשיכטע און אַנטיסעמיטיזם, געטאָ און אוניווערסאַליזם ווערן קינסטלעריש אַרויסגעפירט, ווי דאָס איז קיינעם פריער נישט געלונגען. דער אוניווערסאַלער שוישפּילער קין גיט צו פאַרשטיין, ווי מ'דאַרף זען דעם געטאָ־יידן שיילאָק, ווע־מען אַלע האַסן. בראָדערזאָן מאַכט טעאַטראַליש אַ פּירוש אויף דער אומענדלעכער דיסקוסיע וועגן שעקספּירס קלאַסישן טיפּ, פאַרוואָס שיילאָק איז אַזוי געלטגייציק. ווייל:

„דאָס גאָלד און זילבער
דאָס אייביקע געווער,
וואָס קאָן מיך שיצן
אינעם ווילד־וואַלד פון אייערע צדיקים און גזלנים".

אַנטקעגן דער שלאָגלערישקייט פון פּרץ מאַרקיש, הומאַניסטי־שער פילאָסאָפירונג פון מלך ראַוויטש זוכט בראָדערזאָן, להיפּוך, אַרויסצוזופּן בענקשאַפט נאָך שיינע פאָלקס־פירונגען, טראַדיציעס, משפּחה־שלווה, בנעימותדיקייט.

אַנטקעגן בייזקייט — ליבשאַפט.

אַנשטאָט צו זוכן רק פעלערן — געפינען מעלות.

בראָדערזאָן ווערט דער דיכטערישער יאַ־זאָגער.

---

[12] חיים לייב פוקס — „דאָס יידישע ליטעראַרישע לאָדזש", פון נאָענטן עבר, ב"י 1957, ז' 238.

ער פאַרכלינעט זיך און אַנדערע מיט דער מוזיקאַלישקייט פון פערז, מיט דער עשירות פון גראַמען און קלאַנגען, וואָס אַ סך פון זיי זײַנען צום ערשטן מאָל געהערט געוואָרן, אַזעלכע המצאהדיקע, אַז זיי רופן־אַרויס באַווונדערונג. ער מײַסטערט טריאָלעטן און טאַנקעס, פיר־שורהדיקע און הימנען, מיט אַליטעראַציעס, אַסאָנאַנסן, וואָס פאַרחידושן.

משה בראָדערזאָן האָט שטאָלצירט מיט זײַן אויסגעקעמפטער פּאָזיציע אין לאָדזש. ער זאָגט:

„אויב געטע האָט געהאַט זײַן געליבטע היימשטאָט ווײַמאַר, האָב איך מײַן ווײ־מיר — לאָדזש...“[13].

און דער דיכטער פון „ווײ־מיר“ צויבערט־אויס גראַמען, אין וועלכע ס'איז דאָ אָפט מאָל אַזוי פיל זין, אַז די פערזן באַקומען אַ ווערט שוין צוליבן זין פון די גראַמען... למשל:

אָן אַ שיעור און ערך
דערקלער איך

שעכטן
גערעכטן

חושך וצלמוות
קאַטאָוועס

ערב רב
מאַסן־אַף

האַס־שטות
ראַשט עס

פיל־געערטער חבר
אַ חוק ולא יעבור

יעבור
בראַוואָ

שעץ עס
געזעץ איז

פרומע
קרומע
טומאה

ואהבת לרעך
ויבּד פאַרפלאַכן

סטרונעס
האַרץ־שפּאַרונעס

נישט געווען בײַ בראָדערזאָנען קיין וואונדער, צו וועלכן מ'זאָל נישט קענען קריגן אַ גראַם מיט טעם. אַזוי, למשל, האָט ער צו דער מאָדערניזירטער און אַקטואַליזירטער אויפפירונג פון גאָלדפאַדענס

[13] יצחק ליכטענשטיין — משה בראָדערזאָן דער לאָדזשער, ליט"בל, נ' 502, וואַרשע 1933.

„לא תחמוד" זיך געוויצלט אין גראַמען מעניני דיומא; האָט ער באַשאַפֿן אַ בײַ וואָרט, „מ'טו כל נדריוועט, און געגראַמט לאַקאַרנאַ מיט דאנדרנא און פּאַרנע [14]... און ס'איז נישט איין מאָל שווער „פֿעסט־צושטעלן, צי בראַדערזאָן איז יידיש, רוסיש, צי גאָר פֿראַנצייזיש, בײַ די אַלע שפּראַכלעכע אויפֿטווּנגען זײַנע אינעם יידישן לשון, ווײַל ער איז פּשוט פֿאַרויסגעלאָפֿן דעם גאַנצן שפּראַכלעכן אוצר און זאַצ־בוי, ווען ס'איז נאָך נישט גרייט געווען דער באָדן פֿון דער יידישער ליטעראַטור צו קאָנען אויפֿנעמען אַזאַ באַגאַזש נײַס" [15].

די עשירות פֿון בראַדערזאָנס ריטעם און גראַמען זעט זיך באַ־זונדער אַרויס אין זײַנע קינדער־מעשיות. אמת, „פֿאַר קליינע קינדער איז די שפּראַך צו־רײַך, צו־רוישיק" [16]. אויב מ'זאָל דווקא וועלן, אַז קליינע קינדער זאָלן פֿאַרשטיין וואָרט בײַ וואָרט, וואָלט מען באַדאַרפֿט כּסדר איבעררײַסן און פֿאַרטײַטשן. בפֿרט נאָך, ווען מ'רעדט וועגן יידישע קינדער נאָך חורבן אייראָפּע, קינדער פֿון די אַמעריקאַני־זירטע סבֿיבֿות, ווו דער שפּראַכבאַגאַזש איז זייער אַ קליינער.

בראַדערזאָנס שפּראַך־אוצר איז אַ צירונג, וואָס איז נישט צום שאַצן. צווישן די מײַסטערס איז ער — גרויסמײַסטער.

דער זון פֿון מאָסקווע און דער פּאָעט פֿון לאָדזש

משה בראַדערזאָן איז אַ וווּנדערלעכער פּאַראַדאָקס פֿון יידישן לעבן. אַ בײַשפּיל פֿון דער איבערנאַטירלעכער צופּאַסונג־פֿעיִקייט. אַן אילוסטראַציע צום היסטאָרישן פֿאָלקס־טראַגיזם.

בראַדערזאָן, דאָס קינד פֿון מאָסקווע, ווערט דער פּאָעט פֿון לאָדזש.

געשטראָפֿט פֿון מאָסקווע, ווען ר'איז נאָך אַ זויגלינג געווען, טראָגט ער אויף זיך די גלעלע לאָטע פֿון 1891 און צוליב דעם ווערט

---

[14] דערציילט פֿון שוישפּילער זלמן הירשפעלד.

[15] ירחמיאל נייבערג — „משה בראַדערזאָן", ליט"בל, נ' 780, יוני 1939.

[16] ש. ניגער — „אַלדאָס גוטס", ביכער־וועלט, נ' 4—5, וואַרשע 1922.

ער ווי אַן אָראַפּגעשמיסן בלאָט פּאַרטראַגן קיין לאָדזש. דאָך האָפּט ער נאָך אַלץ צו געפינען מאָסקווע אַ רעהאַביליטירטע. אַז ער דאַרף איבער נייַע קאַטאַקליזמען אַנטלויפן, קלייַבט ער ווידער אויס מאָס־קווע. אפשר וועט זי פּאַרט זייַן אַ מקום מקלט? אפשר וועט זי פּאַרט ווערן אַ מקום. מנוחה? אפשר וועט די רעוואָלוציע פּאַרריכטן, וואָס דער צאַריזם האָט צעבראָכן? אָבער אויך אין 1918 דערשפּירט ער די לויערנדיקע סכנות און קערט זיך ווידער אום קיין לאָדזש.

די ווייַזערס דרייען זיך, די ציפערן ווערן איבערגעשטעלט, אָבער די זעלביקע ציפערן...

די צאַרישע מאָסקווע — 1891.
סאָוועטישע מאָסקווע — 1918.

מקובלים, גריבלערס אין ציפערן, גימטריאָס, קענען געפינען אין מאָסקווע די געאָמעטריע פון ייִדישן גורל אין גלות...

בראָדערזאָן האָט אויך זיך געמיינט, ווען ער האָט אין דער דראַ־מאַלעטקע „זייַן הויקער" — משה מענדלסאָנס הויקער — געשיל־דערט, ווי דאָס ייִדישע פאָלק טראָגט געדולדיק זייַן היסטאָרישן „הויקער", דעם געטלעכן בטחון, ווייַל —

„מיר זייַנען קינדער פון אַ פאָלק,
וואָס גאָט באַשאַנקען האָט אין מדבר נאָך
מיט אַ באַרג
אַ הויקער פון געדולד".

ווי אַרעסטאַנטן, וואָס הערן זיך אויף צו שרעקן פאַר טורמע, קומט דערפאַר דער זון פון מאָסקווע אויך צום דריטן מאָל קיין מאָס־קווע... אפשר פּאַרט? בראָדערזאָן, וועלכער האָט אין דער יוגנט „אויסגעזען עפּעס ווי אַ סיבירישער קניאַז און עפּעס ווי אַ חנן פון „דיבוק", עפּעס ווי אַן איטאַליעניִשער באָהעם און עפּעס ווי אַ צפתער מקובל", האָט נאָכן אַנטלויפן פון נאַצישער אינוואַזיע אויף פּוילן פּאַרט געהאָפּט, אַז ער דאַרף פּאַרט זייַן, אויב נישט קיין יחסן, לפּחות נישט קיין פּאַריער אין דער „באַפרייַטער" וועלט... אויב

נישט יחוס עצמו, האָט ער „אַ ברודער אין מאָסקווע, אַ פּראָפֿעסאָר, מיליטערישער כירורג״[17]. און סוף כּל סוף: ער האָט טאַקע באַדאַרפֿט האָבן מאָסקווע, אָנקומען צו איר, אויף צו באַשיצן זיך פֿון די היטלעריסטישע גזלנים, אָבער — אויב ער איז געווען אַזוי ניצלעך פֿאַר לאָדזש, פֿאַרוואָס זאָל ער ניט זײַן ניצלעך, פּראָסט גערעדט, אויך פֿאַר מאָסקווע?

משה בראָדערזאָנס אויפֿטו איז דאָך באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט געשאַפֿן פֿאַר ייִדן פֿון אַלע מדרגות. פֿאַר אויסדערוויילטע — דער ווירטואָז פֿון ליד; פֿאַר עמך — קליינקונסט, וווּ פּאָעזיע אין פֿאָלקס־הידור, דערגענטערט דורך די שטימבעגדער פֿון שוישפּילערס און פּלאַסטיק פֿון רעזשיסאָר, איז אַרײַן אין דער מאַסע. און פֿאַר די אויגן איז געשטאַנען די בײַע דערפֿאַרונג: „די דײַטשן האָבן געקענט צורויבן דאָס ייִדישע פֿאַרמעגן; אַרויסטרײַבן פֿון די היימען; טרײַבן דורך שיכּורע זעלנערס אין אַ געטאָ; אָבער זיי האָבן נישט באַוויזן צו צעברעכן דעם ייִדישן גײַסט — די אייביקע בענקשאַפֿט נאָך אמת און שיינקייט״[18]. פֿאַרוואָס־זשע זאָל אין דער רויטער מאָסקווע זײַן ערגער ווי אין פֿאַרשוואַרצטן לאָדזש?

עס איז אָבער גענוג געווען צו זײַן געציילטע טעג אין דער סאָוועטישער ספֿערע פֿון ביאַליסטאָק, אַז דער פֿאַרבטחונטער משה בראָדערזאָן, אָקערשט זיך אַרויסגעריסן פֿון די נאַצישע נעגל, זאָל דערשפּירן אויף זיך פֿרישע נעגל... גלײַך בײַ דער ערשטער באַגעגעניש האָט אַ רויטער יחסן אים פֿאַרמסורט בפֿני כּל עם ועדה, אַז ער איז קיינמאָל קיין קאָמוניסט נישט געווען און געהערט צו די שונאים... און אַזוי האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ בעץ פֿון ביאַליסטאָק ביז מאָסקווע, אויף וועלכער „דער באַפֿרײַטער״ בראָדערזאָן האָט

---

[17] משה גראָסמאַן — „ווײַ־געשווײַג איז שטאַרקער פֿון ווײַ־געשריי!״. היימיש, תל־אָביב, סעפּט׳ 1956.

[18] רבקה קוויאַטקאָווסקי־פּנחסיק — „דער לעבעדיקער משה בראָדערזאָן אין לאָדזשער געטאָ און דער שווייגנדיקער משה בראָדערזאָן אין מאָסקווע״, די צוקונפֿט, יאַנואַר 1959.

באַדאַרפֿט זיך קליגלען, ווי זיך נישט צו פֿאַרפּלאָנטערן — ביז עס האָט גאָר נישט געהאָלפֿן.

מיר ווייסן, אַז „בראָדערזאָן האָט אין רוסלאַנד אַ סך געשריבן. ער האָט געשריבן לידער קעגן דײַטש. ווען ער איז געקומען קיין מאָסקווע פֿון דער קאַראַ קאַלפּאַקישער רעפּובליק, האָט ער אָפּגעגעבן אין פֿאַרלאַג „עמעס" אַ בוך לידער, וואָס האָט שוין געזאָלט דערשײַנען. ביז דאָס בוך איז דערשינען איז אָבער געקומען אַ נײַער פּאָליטישער קורס. מען האָט זיך אָנגעהויבן חנדלען צו די דײַטשן און זײַן בוך איז שוין נישט דערשינען". אין אָט־דער אַטמאָספֿערע איז בראָדערזאָן גײַסטיק געבראָכן און צעפּיצלט געוואָרן. „בראָדערזאָן האָט געהערט צו די וואָס זײַנען פֿאַר דער צײַט אַלט געוואָרן. ער האָט שוין מער גאָר נישט געוואָלט ווי מנוחה. צוליב דעם האָט ער רעזיגנירט פֿון פֿאָרן קײַן פּוילן און איז געבליבן אין רוסלאַנד. אָרעמער בראָדערזאָן! ער האָט נישט געוואָלט זען, אַז דווקא דאָס, וואָס ער זוכט, וועט ער אין רוסלאַנד נישט געפֿינען"[19].

עס איז גענוג צו ברענגען איין פֿאַקט, כּדי צו פֿאַרשטיין, אין וואָס פֿאַר אַן אַטמאָספֿערע בראָדערזאָן האָט אַלץ געהאָפֿט זיך אַרײַנצופּאַסן: ער, דער דיכטער פֿון לאָדזש, דער פֿירער פֿון יונג־ייִדיש, דער בויער פֿון קלײנקונסט־טעאַטער „אַררט", מיט וועלכן ער האָט מרעיש עולם געווען פּוילן, איז אַרומגעפֿאָרן מיט דעם טעאַטער איבער אייראָפּע, גאַסטראָלירנדיק (אין 1935) אין פּאַריז, לאָנדאָן, בריסל, און מיט אַ טייל פֿון דעם אַנסאַמבל געשפּילט אין מאָסקווע (1940—1941), און דער גרעסטער טייל פֿון די ליטעראַרישע טעקסטן אין טעאַטער־פּראָגראַמען איז באַשטאַנען פֿון זײַנע שאַפֿונגען — משה בראָדערזאָן האָט זעקס יאָר צײַט (6 יאָר!) באַדאַרפֿט זיך מיִען און בעטן, אַז מ׳זאָל אים אָננעמען פֿאַר אַ מיטגליד אין „פֿאַראיין פֿון סאָוועטישע שרײַבערס"... ערשט אין 1945 האָט מאָסקווע געלאָזט

[19] יצחק יאַנאַסאָוויטש — „משה בראָדערזאָן", די פּרעסע, ב"א, 28 אָקט׳ 1953.

בראָדערזאָנען ווערן אַ מיטגליד פון שרײַבער־פּאַראיין! אַ דאַנק דעם האָט געקאָנט געמאָלט זײַן, אַז מ׳זאָל אויפנעמען זײַנע אַ פּיעסע, ערבֿ יום־טובֿ, וואָס איז פון 1947 געשפּילט געוואָרן צוויי יאָר אין מאָסקווער ייִדישן מלוכה־טעאַטער און וואָס האָט געקאָנט זיך אַרויס־ווײַזן ווי אַ נײַער ערבֿ יום־טובֿ אין בראָדערזאָנס לעבן און שאַפן...

אָבער ...„דעם 28סטן אַפּריל 1950 — ווי בראָדערזאָן האָט גע־שריבן אין נאָוועמבער 1955 אין רוסלאַנד — בין איך, ווי עס זעט־אויס, צוליב אַ מיספאַרשטענדעניש אַרעסטירט געוואָרן דורך דער עמ־גע־בע. פאַרמשפּט געוואָרן אויף 10 יאָר, ווו איך קום־אָפּ די שטראָף אין די טישעטער לאַגערן אין סיביר. נאָך דעם ווי מײַן ענין איז נאָך אַ מאָל דורכגעקוקט געוואָרן בין איך פולשטענדיק רעהאַבי־ליטירט געוואָרן און איצט, נישט קוקנדיק דערויף וואָס מײַן געזונט־צושטאַנד איז אַ שווערער און איך בין פיזיש שטאַרק אָפּגעשוואַכט, בין איך אַזוי צו זאָגן פול מיט ענערגיע“...[20].

וואָס דער אַזוי צו זאָגן קען מיינען, (אין ראַטנפאַרבאַנד דאַרף מען בײַם לייענען שטענדיק איבערקלערן, וואָס די אַנדערע מיינען), גיט צו פאַרשטיין אַ ליד, בראָדערזאָנס, וואָס איז געדרוקט אײַנגע־ראַמט אין זײַן ביאָגראַפיע (פון רוסלאַנד) — ווער ווייסט?

„ס׳איז גרויס די חרפּה, גוואַלדיק,
ס׳איז דער פאַרברעכן שווער,
ווען מענטש איז חיהש, וואַלדיק,
ווער ווייסט — ווער שולדיק מער?

די פראַגע דאַרף מען שטעלן,
ווער מער אין זינד איז גרויס:
צי דער וואָס גיט באַפעלן,
צי דער וואָס פירט זיי אויס?“

דער פערזנמײַסטער משה בראָדערזאָן, זעען מיר, איז אַפילו נאָך זײַן נײַעם מאָסקווער גיהנום אויך געווען אַ געדאַנקען־מײַסטער,

---

[20] „אויטאָביאָגראַפישע מאָמענטן“ — אונדזער לאָדזש, נ׳ 6, ב״א 1957.

וועלכער האָט פּרעכטיק אויסגעדריקט די טרויעריקע לעבנס־חכמה פון אונדזער צייט, די נייע תורה פון אונדזער מאַרטיראָלאָגיע.

בראָדערזאָן האָט אַפילו אין די פינצטערסטע יאָרן פון פאַרשיי־קונג נישט פאַרלוירן דעם שפּראַכמייסטער, גראַמען־ווירטואָז און קאַלאַמבורן־אימפּראָוויזאַטאָר, וואָס האָט אים באַרימט געמאַכט אין זיינע גליקלעכע יאָרן. אויב ער האָט דאָס נישט געקאָנט אַרויסברענ־גען אין צייטונגען, זשורנאַלן, ביכער, קליינקונסט־טעאַטער אָדער גאָר אין אָפּערע, פון וואָס ער האָט געחלומט, האָט ער עס צעוואָרפן אין בריוו. ער אַליין האָט אַפילו פון דער פאַרשיקונג אין זיי געזאָגט, „איך בין בכלל געוואָרן אַ בעל־בכי, כאָטש דעם בטחון און דעם גלויבן אין ניסים האָב איך נאָך נישט אין גאַנצן פאַרלוירן... אַז מעט לעבן — עט מען עסן, און אַז מעט עסן, וועט מען נישט פאַר־געסן. דער עיקר: נישט פאַרגעסן, וואָס די קולטורוועלט־פּראָמיסיאָן האָט מיט אונדזער פאָלק און מיט אונדז גופא אָפּגעטאָן פאַר אַ שפּיצל״ [21]...

משה בראָדערזאָן, דער גירוש־זון פון מאָסקווע, וועלכער איז געוואָרן דער פּרינץ פון יונג־יידיש, אין לאָדזש, דער דיכטער צווישן ביידע וועלט־מלחמות, האָט אין י. ל. פּרצעס שאָטן אויפגעהויבן לייב נײַדוסעס אַראָפּגעפאַלענע קרוין און ווי דער אויסזינגער פון רעוואָלוציע, כאַאָס און חורבן זיך און די ליטעראַטור סובלימירט מיטן צויבער־כוח פון יידישן לעבנשטייגער און פאָלקשאַפן, אינספּי־רירנדיק ליבשאַפט צום יידישן לעבן, פּונקט ווי ער האָט פריער דורך הימנען צו אַנשי שלומינו און צו די שטערן געצונדן מוט אין דער צעזונגענער עכט־יידישלעכער און דאָך מאָדערן־שבמאָדערנער יוגנט.

שמואל ראָזשאַנסקי

---

[21] אַברהם זאַק — „אויף די שליאַכן פון הפקר״, ב״א 1958, ב׳ 2, ז׳ 244 און 159.

משה בראָדערזאָנס שריפטן אין בוכפאָרעם

שוואַרצע פּליטערלעך, לידער, 48 זייטן, פּיעטריקאָוו 1913.
שיחת־חולין, אַ פּראָגער לעגענדע, מיט צייכענונגען פון אפרים ליר־סיצקי, 16 זז׳, מאָסקווע 1917.
תמרל, אַ באָבע־מעשהלע, מיט צייכענונגען פון יוסף טשייקאָוו, 18 זז׳, מאָסקווע 1917.
טוי, הונדערט טאַנקעס, מאָסקווע 1919.
אַ חתונהקע, פאָרשטעלונג, 16 זז׳, לאָדזש 1920.
פערל אויפן ברוק, לאָדזש 1920.
איבערגאַנג, צייטלידער מיט האָלצשניטן פון מאַרק שוואַרץ, 46 זז׳, לאָדזש 1921.
דער דויטער רייטער, פאָרשטעלונג, 28 זז׳, וואַרשע 1921.
תחית המתים, מיסטעריע, 32 זז׳, לאָדזש 1921.
די מלכה שבא, דראַמאַטישע פּאָעמע, 32 זז׳, לאָדזש 1921.
צונגענלונגען, מאַריאָנעטן־שפּיל, 32 זז׳, לאָדזש 1921.
שניי־טאַנץ, גראָטעסק־פאָרשטעלונג, 32 זז׳, לאָדזש 1921.
שוואַרץ־שבת, מיט צייכענונגען פון יעקב אַדלער, לאָדזש 1921.
באַגייסטערונג, 192 זז׳, לאָדזש 1922.
אַלדאָס גוטס, מעשהלעך פאַר קינדער, אילוסטרירט פון אַרטור שיק, 92 זז׳, וואַרשע 1922.
לעבעדיק און פריילעך, וואַרשע 1924.
האָפּ־משיק־טשאַק, וואַרשע 1924.
גאָטס ברואימלעך, וואַרשע 1924.
חי — געלעבט, וואַרשע 1924.
זאַלבעדריט, וואַרשע 1924.
צאַפּל־מענטשעלעך, פ׳ בייַע יידישע פאָלקשול, ווילנע 1928.
פאָרשטעלונגען, 132 זז׳, לאָדזש 1936.
י׳, 50 לידער מיט פּאָטאָמאַנטאַזשן פון יהודה לעווין און פנחס שוואַרץ, 56 זז׳, לאָדזש 1939.

PER ASPERA AD ASTRA

משה בראָדערזאָן אין זיין בלי־צייט,
געצייכנט פון אַרטור שיק

אַנשי שלומינו

מיר, זינגערס, פֿון דײַן מעכטיקער אומשטערבלעכקייט, אָ, גאָט!
מיר, זינגערס, פֿון דײַן יעדער רעטעניש און סוד —
מיר פֿליגלען אין דער גרענעצלאָזער וועלט אַרום
און קנײַען אין דעם פֿלײַען פֿרום.
מיר, זינגערס, פֿון די אַלע דורות ביז אַהער!
און אָפֿטערס בלײַבט מען ביזן שטאַרבן אין דעם אייגן פֿאָלק
און לאַנד — אַ גר!

מיר זינגען פֿון לײַטזעליקער התלהבות, גענאָד,
מיר זינגען פֿון אומשטערבלעכקייט, אָ, גאָט,
מיט זונען־אונטערגאַנגען, אין פֿאַרנאַכטן בלוטנד —
און שפּילנדיק אין קאַמף פֿון פֿרייד און שרעק,
מיר זינגען אין די איינזאַם־אומעטיקסטע טעג!
אָ, גאָט, דערהער אונדז — Morituri Te salutant *

לייב נײַדוס

בלויע הימלען האָט געהאַט מײַן חבֿר־פּרינץ, ווי יונג!
צווי סאַפּירן־אויגן און אין יעדערן אַ שמייכלפֿונק!
יעדער קלאַנג — אַ זונען־זינגענדיקער האַרפֿן־קלונג!
יעדער וואָרט — אַ זונג!

האָט געלעבט אין בלויע וועלטן ער, דאָס קלאַנגענקינד,
און געשטראַלט מיט טויען־ווערטער, בלומענדיק אין מײַ צעגרינט.
באַלד און בלויקייט אויסגעפֿלאַכטן מיט אַ הייסן מזרח־ווינט —
און צוואָם געשפּינט.

פֿעלדער, וועלדער — אַלעמענס! און ס׳זײַנען אונדזערע — אויך דאָ!
האָ, ווי פֿרײַ די וועלט איז, און ווי גליקלעך בלוי, האָ, האָ!
און ווי זינגענדיק, ווי קלינגענדיק איז יעדע רגע, יעדע שעה!
איצטער איז מײַן חבֿר־זינגער שוין נישטאָ!

---

* (לאַטיין: די באַגריסונג פֿון די רוימישע גלאַדיאַטאָרן צום אימ־פּעראַטאָר פֿאַרן אָנהייבן דעם קאַמף) „די וואָס וועלן שטאַרבן באַגריסן דיך".

צו די שטערן

מיר, יונגען, מיר — אַ פֿריילעכע, צעזונגענע כאַליאַסטרע,
מיר גייען אין אַן אומבאַוווּסטן וועג,
אין טיפֿע, מרה־שחורהדיקע טעג,
אין נעכט פֿון שרעק —
Per aspera ad astra!

און ס'ווערן שטערן — טרערן,
און טרערן ווערן — שטערן,
און טויבע הייבן־אָן צו הערן,
און טויטע הייבן־אָן — באַגערן,
און אַלדאָס גוטס — מקוים ווערן;

— ס'איז שווער דער וועג, וואָס פֿירט צו שטערן?!
היי, ווייניקער אַ ביסל קלערן!
וואָס ס'איז באַשערט, וועט אונדז באַוואָרן!
די פֿרייד ט'זיך פֿרוכפּערן און מערן,
און הערן וועלן הימלען גערן,
און בקדושה טרײַהייט שווערן;
כאַ־כאַ — דערוויײַלע טאַנצן בערן!

* Per aspera ad astra!
מיר גייען! גייען מיר אין אומבאַוווּסטן וועג!
אין טיפֿע, מרה־שחורהדיקע טעג,
אין נעכט פֿון שרעק —
מיר, יונגען, מיר — אַ פֿריילעכע, צעזונגענע כאַליאַסטרע!

---

* (לאַטיין: לאָזונג פֿון טריישאַפּט דורך קאַמף צום זיג) דורך די שווערסטע וועגן צו די שטערן!

בראַנד און פֿייער

בראַנד און פֿײַער, גלי דעם שווערד!
ס׳הייליקט זיך אין קאַמף די ערד,
יונג דער מענטש — אַ נײַער ווערט!

רײַטער, אויפֿן פֿערד! אין וועג!
ס׳קומען־אָן די נײַע טעג:
אַלטע — גייט־אַוועק!

שרעק און צאָרן! בלוט און מוט!
ווער עס קעמפֿט, איז יענעם גוט —
נעם־אַראָפּ דעם הוט!

פֿאַר מאַרטירער, פֿאַר דעם טויט,
זע, אַ נײַער הימל גייט,
פֿלאַמט אין פּורפּור־רויט!

דער מזבח פֿון דער וועלט
פֿלאַקערט־אויף און טרײַבט די קעלט:
אַלע הערצער — העלט!

שעלטן שעלט נאָך אַלץ די קראָ,
וואָס נבלה איז ניטאָ —
זי פֿאַרשוועכט די שעה!

היי, טרומייטן, העכער שאַלט!
וואָלקנס שמעטערט, וואָלקנס שפּאַלט!
ברעכט די חורבות אַלט!

און באַהאַלט דײַן טרויער איצט,
ווען דער פֿײַנט מיט ציינער קריצט,
ווען עס דונערט, בליצט!

זיצט אין מקדש אויף אַ טראָן —
זיצט אַ געץ, פֿון אים הייב־אָן!
העכער הייב די פֿאָן!

רײַטער, אויפֿן פערד! אין בראַנד
קעמפֿן מיט דעם מענטשנס שאַנד!
— צום געבענטשטן לאַנד!

ס׳האָט מיט דונערן

ס׳האָט מיט דונערן אַ שלאַג־געטאָן אין העכסטן טורעם,
האָט עס אויפֿגעטרייסלט אים — דעם העכסטן שפּיץ!
אוי, דו שטורעם, וווּנדערבאַרער קלאַנג פֿון די יסורים!
אוי, דו ווונד־־אַנטפּלעקטער, אומגעריכטער בליץ!

האָט מיט דונערן אַ שלאַג־געטאָן אין אַלע גלעקער,
אומגעצוימט פֿון דער כינעזישער פֿאַרשטאַרטער וואַנט!
האַקט דעם אורוואַלד־עונש אַ צעווילדעוועטער העקער,
צינדט דעם אורוואַלד אונטער — ברענט אַ בראַנד!

און עס ברעקלט זיך די וואַנט פֿון בראַנד־געפֿליגל,
שלאָס און ריגל ווערט צעגאַנגען אין דעם פֿלאַם,
און עס פֿאַלט־אַרויס אַ ציגל נאָך אַ ציגל,
און עס לײַטערט זיך אין פֿײַער יעדער שטאַם!

און אין אומגעהײַער פֿון די ווײַטע סטעפּעס
הויערט עפּעס אינעם פּורפּור־בלוט און פּײַן!
ס׳וואַקסן טרעפּ, און אויף די פֿײַערטרעפּ איז
אויסגעגאָסן אַ לײַטזעליקער, מאַרטירערישער שײַן...

זאָלן אויפפלאַצן

זאָלן אויפפלאַצן די הימלקוואַלן!
און אַ רעגן אין אַ מבול־שטראָם זאָל פאַלן
אויף דער ערד אַראָפּ
מיט אַ ניגון, מיט אַ שאַפּונגסגאָב!

אַלע שפינעכצן און נעצן פונעם האָס און טרויער
און די שימלען פון באַדויער,
זאָל דער הימל, דער פאַרוואָלקנטער, דער גרויער,
מיט די מבול־וואַסערן פאַרלענדן
אינעם כּף־הקלע פון פאַרגעסנקייט און טויט!

און צונטער־רויט —
אין בלוטן פונעם יונגן הימל הייס,
אין אַנגסטנשוויס,
אין שטורעמבייז —
וועט גלייך אַ נייע, יונגע וועלט געבוירן ווערן

מיט אויגן פריילעכע און זינגענדיקע שטערן!

און ס׳וועט דער שופר של משיח ווייט זיך לאָזן הערן
פון דונער אַרויס!
פון הויז צו הויז!
פון שטאָט צו שטאָט!
פון מענטש ביז גאָט!

און ס׳וועט אין לויטערקייט זיך גאָט אַנטפּלעקט דערקלערן,
ווען אָפן וועלן ווערן נייע בלויע קוואַלן
און ס׳וועט אַ נייער מבול זיין פון שטראַלן,
פון זון און פרייד — און מענטש און גאָט!

יונג בין איך און דאך — פארטרויערט

1913

שוואַרצע פליטערלעך

איך מאַך־צו די אויגן — פֿאַרבלענדט פֿון די שטראַלן;
איך זע, ווי פֿאַרווירטע אין גאָלדענעם ים
עס צאַפּלען אין טיפֿקייט, ווי פֿינקלענדע שטערן,
די פֿליטערלעך שוואַרצע — פֿאַרבאַרגענער סם...

זיי דרינגען־אַרײַן אין דער טיפֿקייט פֿון האַרצן,
זיי שימערן, שטיפֿן אין קראַנציקן טאַנץ;
און ביסלעכווײַז, שפּעטער, ווערט טונקל דער גאָלד־ים,
עס קריגט דאָס אַרומיקע פֿליטערלעך־גלאַנץ!

א ו מ ר ו

ס׳ווערט די אומרו טיף געבוירן מיט דעם שימער פֿון דער נאַכט;
אָוונט־שאָטנס ציִען לאַנגזאַם, ווי געמאַטערט, נאָך אַ שלאַכט...
און עס רוט די נאַכט שוין שטילער — שטום, ווי עטעמדיק מיט טויט!
דאַן — אין האַרצן ברויזט די אומרו: די נשמה בלוטיקט, ווייט...

ק ד ו ש !

די זון פֿאַרגייט. עס דוכט זיך — אין גאַמען גלאַנץ־קאָלירן:
שפּילט עמעץ אַ טרוימיקן נאָקטורן... con sordino
און אין דעם נאָענטן שולכן — איר ווערט באַלד הערן קדיש — — — —
איצט האַלט מען בײַ מנחה: קדושה — — „קדוש! קדוש!“...

יונג בין איך!

י. ל. פרצן

יונג בין איך, ווי יונג — דער פרילינג!
(פרילינג איז דאָך אייביק יונג).
הייס דאָס בלוט און קלאָר די אויגן, —
ווי אַ האַרפּעס ציטערקלונג...

יונג בין איך און דאָך — פאַרטרויערט:
בענקשאַפט זינגט פון יעדער ליד!
ווייטע, ווייטע אַלטקייט שימערט
אין מיין אַלטן ניגון: „ייד".

פערל וועל איך זוכן...

פערל וועל איך זוכן, פערל וועל איך זאַמלען,
אויף אַ שנירל קלייבן.
טראָגן וועסט עס שטרענג אויף דיין פערל-העלדזל;
וועט'ס אַ זכר בלייבן!

וועל איך פריער שטאַרבן... וועסטו ווען דערמאָנען?
וועסט געוויס געדענקען?!
און אויב דו... דו — פריער... וועל איך מיט די פערל —
נאָך דיין העלדזל בענקען.

NOCTURNE

לבנה... און נאַכט. אין אַלייע איז פֿינצטער.
עס שפּאַנט אין דעם שאָטן גאַנץ איינזאַם, אַליין,
אַ מיידל אין ראָזן, אין זײַדנס געקליידטע,
און זעצט זיך אַוועק׳עט בײַם טײַך אויף אַ שטיין.

עס רוגצלט זיך ס׳וואַסער... לבֿנה — באַזילבערט,
צעקנייטשטע די וועלכלעך: עס טראַכט איצט געוויס...
דאָס לעבעדיק וואַסער טראָגט מיט זיך, מסתּמא,
פֿון ווײַטע מקומות אַ האַרציקן גריס.

און קוקט איצט דאָס מיידל, און זוכט וואָס אין וואַסער,
און וואַכט אַ פֿאַרטראַכטע — זי וואַרט אויפֿן גליק;
און ס׳קוילערט דאָס זילבערנע טײַכל די וועלכלעך —
זיי אײַלן דאָ אומ׳עט אויף הין און צוריק...

NATURE MORTE

צײַטיקע טרויבן, ווי גאָלדענע הענגלעך,
זיי רוען אין מאַטאָון דרעמל...
און — צערטלעך, ווי סאַמעט — דאָס הײַטל פֿון פערסיק, —
געפּאַסט אין אַ פֿאַרביקן רעמל...
און — עפּל פֿאַררויטלט, ווי מיידלשע בעקלעך,
פֿון זון, ווי פֿון קושן געפּלאַמטע...
און יאַדערדיק מילגרוים... און געל־פּאָמעראַנצן,
פֿון ווײַטן, צו אונדז שוין פֿאַרזאַמטע
זיי ליגן אין איינעם, אין קאַרבן, אין פֿענצטער;
די שויב איז פֿון נעפּל פֿאַרצויגן...
עס פֿינקלט דערנעבן — געפּאַלמעסטער הערינג,
און בלעכענע קעסטלעך רויגן...

אַקאָמפּאַניאַמענט

מײַן לעבן איז אַ שפּילעכל, ווי אַלעמענס — ווער ס'לעבט!
מײַן חלום איז אַ שפּילעכל: אַ ווײַסער וואָלקן שוועבט...
און ווערט ער גלײַך פֿאַרלוירן — ווו? אין ווײַטן, ווײַטן רוים —
ווי אין דעם ווײַן, דעם קלאָרן ווײַן — דאָס ברויזנדיקע שוים.
מײַן לעבן איז אַ שפּילעכל, ווי אַלעמענס פֿון אײַך:
איין וועג! דער וועג — דער זעלביקער — פֿאַר אַלעמען אונדז גלײַך,
און בלאָנקען מיר, און זוכן מיר —
איז לויטער קלאָר דער ציל:
ווי לענגער, לאַנג צו אָטעמען —
פֿאַרגעסן זיך אין שפּיל!

***

ווי אַ מאַמע אַ געטרײַע ווײנט צוזאַמען מיטן קינד,
פּונקט אַזוי באַגלייט מײַן טרויער, פּונקט אַזוי — דער האַרבסטיק ווינט!
ווי אַ טאַטע אַ געליבטער האָט הנאה פֿון זײַן זון,
אַזוי לײַכט מיר, בעת איך פֿריי זיך, יענע הייסע גאָלדנזון!
ווי אַ פֿויגל, פֿרײַ און מונטער, פֿליט צו הימלען מיט געזאַנג,
פּונקט אַזוי פֿאַרוויגט מײַן לעבן יעדער אָטעמדיקער קלאַנג!...
ווי עס וואַרט דער צוקונפֿט־חורבן, אויף דאָס אַלץ וואָס ווערט געבויט,
לויערט נאָך אַזוי מיר שטענדיק, זוכט און יאָגט זיך נאָך דער טויט!

סקערצאָ

אין דעם וועג פון נוסן־ביימלעך,
ווו דער שאָטן איז גאָלדגרין,
שפּילן מיר זיך: פאַנטאָן־קושן;
דו פאַרלירסט און איך — געווין!

אין דעם וועג פון נוסן־ביימלעך,
ביי דעם חשובֿדיקן דוב *,
ווייט פון טאַטע־מאַמע, ברידער —
שווער איך טרייסשאַפט ביזן גרוב...

זשאַסמין

זשאַסמין שמעקט פון גאָרטן!
זשאַסמין פון דיין קלייד;
— „דאָרשטיק איז די ליבע,
און די לעבנספרייד!“

קום, איך וועל דיך פירן!
„ווו?“ — דו פרעג נישט: „ווו?“ — — —
זשאַסמין שמעקט אין גאָרטן.
„טויט — איז אונדזער רו!“

* (רוס׳) דעמב.

שנאה קאן א וועלט פארברענען!

אין דא הויבט זיך אן ערשט דער ספור המעשה:
אין פראג האט געלעבט זיך א יודעל רב יונה,
א יוד א בן שלשים מיט פעדימלאך ווייסע
אין באָרד און אין פאות פאר צרות פאר איינע,
א יוד א פאַרזאָרגטער אין ענין חיונה:
א יוד מיט א פלונית א פיינע א שיינע,
מיט קליינע צווי יורשימלאך בניםלאך קליינע,
מיט אויגעלאך יודישע שרפימלאך ריינע
מיט חשק צום לערנען, מיט חשק צום עסען
ניט קלענער א האָר ניט, און הונגעריג אפטער
און ס'טענה'ט די פלונית: מורני ר' יונה:
וואס זיין וועט דער תכלית: פרנסה פאר שלאָפט ער
מיט שטענדיגען זוכען ציקעכס אין די ספרים.
מיט שטענדיגען שמעקען אין פארמעט און בלעטער
ער שטעלט מיך בדלות דער גזלן. דער מערדער
וואס קוקט ער דער איבערשטער אויסען: [illegible]
וואס טרייבט ער ניט אפ איהם פון גראבען משניות
און שטעלט זיך ניט איין פאר די עופהלאך קליינע
א תכלית דערלעבט זיך: מען הונגערט מעת לעתן
מען זעהט ניט א ביסען: א פילה א שיינע.

און קליינע פיסקלאַמקעלאך העלפען דער מאמען
שכר לימוד ט'דער רבי. דער מאהנען געבעטען
און ס'הערט ניט ר' יונה און שאקעלט זיך פרומער,
און האלט זיך דאס ציגענע בערדעל אין גלעטען
און קומט זי מיט פעמער. און בייסט זי מיט ציינער
און צופט זי און שמאטשקעט: אי גאטעניו טאטע
און ס' יענטשעט דאס ווייבעל: עס וועלען די קינדער
פון קיין דאס בערדעל ניט ווערען קיין זאטע
וואלטסט זוכען האטש עפיס א שטיקעל מלאכה
צו פאהרען אויף מילך פאר די קינדער פארדינען
און ס'קאָפען איהר סרעהרען: ער איזניט ביים זינען
און שמייע ביי קינדער פון מילעכלאך ריינען
אהן זינען: אהן זינען: וואו וועט ער אויף אלץ דיען
א קלאהרע: דייטליכע דתשובה געפינען
און ס'האט זיך געטראפען, איר ווייסט דען די סבה,
דער יוד האט באמת געריהרט זיך פון זינען
פארפאקט זיך אין קלומעק דריי קעפעלאך קנאבעל
אפיגיצעל ברויט און זיין טלית ותפילין
און הייד'א אין וועג אויף א שיפעל געזעצט זיך
והלך ר' יונה מיט לעבען זיך שפילען

א זייט פון „שיחת־חולין", געשריבן און אילוסטרירט פון אפרים ליסיצקי,
געדרוקט אין אלבאם־פארמאט

פון צייט צו צייט

די זון האָט זיך אויף לאַנגע יאָרן מיט די שלייערן פֿאַרהאַנגען;
באַמערקט זי ניט דעם ווייטיקדיקן צער פֿון דער ערד,
דערהערט זי ניט די טרויעריק־לוויהדיקע ראָב־געזאַנגען,
און ס׳איז די ערד אין בלוטן־טויען נאָך פֿאַרטרערט.

עס ווערט אַ טאָג אין שויס פֿון נאַכט געבאָרן,
דאַן קומט ער אויף דער וועלט — אַ בלינדעס מפּיל־קינד,
דאַן קומט ער אויף דער וועלט — געהאָדעוועט אין צער און צאָרן,
און גייט־אַוועק אין יאָמערלעכן וויינען פֿונעם ווינט.

פֿאַרצווייפֿלט זאָגט מען אָפּ אַ קורצן קדיש בחפּזון,
ס׳באַגלייטן אים די הערצער פֿון צדקניות שטיל,
און ס׳איז די מאַמע־ערד אַ וויסטעניש פֿאַרלאָזן,
און ס׳זיינען אירע זאַפֿטן — די געבליטן קיל...

זי קאָרטשעט זיך אין חבלי לידה פֿון אַ טאָג אַ נייעם
און גיסט זיך אָפּ מיט נייע שטרוימען בלוט:
און ווייט איז נאָך דאָס הייליק לאַנד, דער טרוים־ירושלים,
און ווייניק איז געבליבן אין די אוצרות פֿון די הערצער מוט!

און ס׳חלשט־אָפּ די ערד, פֿון אַלעמען פֿון אונדז — די טרייע מאַמע,
און ליגט אין קימפּעט, אין פֿאַרשאָלטנקייט און פּלאָג;
און ס׳ציט זיך יאָרן לאַנג, אָ, גאָט, די ליקוי חמה,
און ס׳ווערט געבוירן ווייטער צו דער וועלט אַ שוואַרצער טאָג!

שפיל!

די שׂנאה קאָן אַ וועלט צו אַש פֿאַרברענען!
און אויף דער שׂריפֿה גרויס, וואָס אַלץ האָט אומגענומען —
אָ, ווער וועט קומען?
אָ, ווער דעם העליש בראַנד פֿאַרלעשן וועט מיר קענען?
און ווער ט׳פֿאַרענטפֿערן מײַן טיפֿן צער?
אַ נביא צי פֿון קעגנוואַרט אַ גוט־געשטימטער נאַר?
דאָס טיף פֿאַרגעסן זיך? צי ס׳ניכטער זײַן און וואַך?
דאָס ווימלען זיך פֿון צוגעקאָמטן שטן פֿלאַך?
צי ס׳טרייסטן פֿון די „פֿיל אַזעלכענע״, אַ סך,
וואָס בייגן זיך אין זייער אידל־וועלטלעכקייט אין דרײַען
און ווילן אין דעם שווייס פֿון זייער פּנים אַלץ באַנײַען,
אַלץ באַפֿרײַען?
— עס ברענט! עס ברענט!
און אַל־נשמה־הייליקייטן זײַנען איצט געשענדט,
און וויפֿל איז דער שיעור?
אָ, ווײַז מיר ווו, צו וועמען זאָל איך שטרעקן מײַנע הענט?
— צו גאָט!...
נו, גוט — זאָל זײַן צו גאָט, צו רעטעניש, צום סוד!
צו גאָט אין דעם נישט־גלויבן
מײַן צער וועל איך דערהויבן!
און מײַן נשמה ווענדן
צו די פֿאַרלוירענע לעגענדן!
— — — — — — — — —
די שׂנאה קאָן אַ וועלט צו אַש פֿאַרברענען
דערווײַלע שפּיל מיר, קינד, אַ שטיקל פֿון שאָפּענען!

דער שטן — דער שעפער

...האָבן שטראַלן מיך אַרום־אַרומגענומען,
האָבן ווינטן אָנגעהויבן טרייסטווערטער צו ברומען.
דוכט זיך אויס — איך שטיי מיט אַש פֿון האַרץ אַ הויפֿן
אין דער זון, וואָס איז מגולגל אין אַ פֿלאַקערדיקן שטערהויפֿן;
און די ווינטן טוען איצט דאָס העליש פֿלאַם צעבלאָזן,
און עס ציטערן און לאַשטשען זיך צו זון די פֿרישע גראָזן,
און עס קלינגען זילבער־גלעקלעך פֿון די בלומען,
און עס רוישן בלויע, ווײַסע גלעקלעך פֿון די בעזן:
„גאָר נישט, גאָר נישט איז געוועזן,
גאָר נישט, אָסור, איז דאָך פֿאַרגעקומען!״
הימלען האָבן זיך אַ האָר נישט אומגעענדערט, נישט געביטן.
גאָט האָט אויך נישט פֿאַר זײַן נאָמען־לעסטערונג געליטן.
די בני־אָדם האָבן אויך נאָך מענטשלעך אָפּגעשניטן.
אַלא, וואָס־זשע דען, די אימהדיקע ווייען?
אַלא, מײַנע וויטיקדיקע אויסגעשרייען?
אַלא — מײַנע טעג אין גרויזאַם וואָס פֿאַרגייען?
זאָל אַ שטורעם און אַ וויכער און די בלעטער גרינע,
אין די מדבר־גראָזן גרינע זיי פֿאַרדרייען און פֿאַרווייען!
דען וואָס איז, אייגנטלעך, די נפֿקא־מינא?!

— שלום, שלום, שׂטן! ביסט אַ יונג מיט ביינער!
ביסט אַצינדערט אפֿשר איינער,
וואָס איז זײַן שוואַרצער גבֿורה טרײַ געבליבן.
אַ דאַנק, וואָס דו האָסט איצט דײַן בליק אויף מיר געווענדט
און מיך אין דײַן געלויער פֿאַר אַ ליבלינג אויסגעקליבן,
און שפּאַס, דײַן שׂכלדיקן שפּאַס מיט מיר געטריבן!...
אַ, זע — איך דריק דיר דײַנע שטעכעדיקע, קאַלטע הענט!

אַ, זע ווי ס׳האָבן איצט צו דיר די אויגן מײַנע אויפֿגעברענט,
און קוקן־אויס און וואַרטן פֿון דיר אָפּ
אַ שלאָגנדיקן ביז צום טויט, אַ קללה־גאָב!

אוי, וועל איך דיר באַדאַנקען בלוטיק הייס דערפֿאַר
מיט ריזיקייט, מיט לאַווע־קוואַלן פֿון מײַן צער!
אוי, וועל איך דיר דערפֿאַר באַדאַנקען
מיט פֿלערליי קרבנות און געשאַנקען —
באַצאָלן דיר דעם מס
פֿאַר אַלעמענס נבלות און דעם פֿרעסנדיקן האַס,
באַדאַנקען — מיט דעם גסיסה־צאַנקען פֿון געדאַנקען!

און זײַ געטרייסט, אָ, פֿרילינג־שטן, זײַ געגריסט —
פֿל־זמן מײַן האַרץ און אויג איז נישט אין גאַנצן נאָך פֿאַרוויסט;
דורכויס, אין יעדן אָרט, ווו נאָר דו ביסט,
און ווו דו ביסט, סײַ גרויס אין יחוס, סײַ געשרומפּן, קליין,
בין איך אין גאַנצן נישט פֿאַרלאָזן הפֿקר — נישט אַליין!
דו שטראַלסט־אַרויס אין מײַנע שמייכלען און געוויין
און ס׳לאָכן בעתן קריצן דײַנע גלאַנצנדיקע ציין.
און כ׳בעט בײַ דיר, בײַ מײַן באַהערשער בעט איך שוץ און מוט,
אַרויסצוזודונערן די קללה פֿון מײַן בלוט,
אַרויסצושפּרייטן אין דער לענג און ברייט,
אויף יעדן וואַלד און פֿעלד,
אַריבער גאָר דער וועלט —
דעם טיפֿן צער אויף יעדן איינציק בייט,
אין יעדן מענטשלעך האַרץ צו אײַנזייען מײַן גרויזאַם־טרער —
נישט מער!

●

— פֿאַר וועמענס וועגן זאָל איך איצט די גוואַלדריסן פֿון האַרץ
און מײַן נשמה — פֿון דעם שׂטנס שאָטן שוואַרץ —
אַנטפּלעקן?

— פֿאַר וועמענס וועגן לוינט זיך אויפֿצודעקן?
— פֿאַר גאָט? ווו איז ער, גאָט?
— געשטאָרבן? צי ער לעבט אין מײַנע שרעקן?
— דאָס איז, ווי אַלע מאָל, נאָך מערער איצט אַ סוד!
— ווער ווייסט, ווו רוט ער אין גלײַכגילטיקייט אַצינד?
— ווער ווייסט, אויף וועלכן ווינטוועג זײַנע שפּורן מען געפֿינט?
— פֿאַר וועמען זאָל איך האַרצן זיך? פֿאַר וועמענס וועגן?
— פֿאַר וועמען אויסהילן מײַן איוב־שטראָף?
— פֿאַר די צדיקים, קדושים, פֿאַר די למד־וואָוו?
— ווו זײַנען זיי? אין וועלכן תּהום אַנטרונען?
— אין וועלכע נעצן פֿון נסתּרות אײַנגעשפּונען?
— ווו בלאָנקען זיי? אין וועלכע וועגן?

•

דער שׂטן האָט אַ וועלט פֿון זונענשטראַלן אויסגעשאָטן —
די שלום־פֿענדלעך, גאָלדן־רענדלעך און קליינאָטן *...
דער שׂטן האָט מיט פֿרילינג אויפֿגעוועקט די טײַכן.
אויף אַלדאָס שפּראָצנדיקע, אויפֿגעבליטע
הערשט זײַן שליטה:
דער שׂטן גייט זײַן וועג דעם אייביקן און גלײַכן.
דער שׂטן זינגט!
דער שׂטן האָפּסט ** און טאַנצט און שפּרינגט.
דער שׂטן רויטלט זיך פֿאַרשעמט, הכנעהדיק און קײַכט און ווינקט...
(דעם שׂטנס מזל־ברכה און מערכה).
דער שׂטן גראָבט אין דר'ערד אַרײַן זײַן אַקער־סאָכע —
אין יעדן זאַנג און קערנדל דער שׂטן בליט...
דער נאָך דעם קלײַבט ער דאָס געדעטעניש, דעם שניט.
ס'איז אַלץ — ס'איז אַלעסדינג דער שׂטן!

---

* (פּויל') צירונג. — ** שפּרינגט־אונטער.

ער האָט אין האַרץ צו מיר אַריינגעטראָטן
און רוימט מיר איין פֿאַרטרוילעך זײַנס, די נײַ־געבאָטן:
— „האָב פֿײַנט! האָב שטענדיק, שטענדיק פֿײַנט:
זײַ מיאוס, קליינלעך און פֿאַרקריפּלט ווי דער שוואַרצער הײַנט,
מאַך חושך־וויסטעניש, ווו אמונה שײַנט,
צעשטער און חרובֿ מאַך די וועלט,
נאָר שטילערהייט, און נאָר מיט ישוב, פֿײַנערהייט,
מיט זיסע, חנעוודיקע צערטלדיקע רייד —
אין זון און פֿרילינג אײַנגעהילט, פֿאַרשטעלט!"
— — — — — — — — — — — — — —
ווי ס'שמעקט פֿון די מיליאָנען בלומען־גלעקלעך פֿון די בעזן!
ווי ס'קלינגען צאַרט די זילבער־גלעקלעך, ווי שטיל און מילד!
ווי יעדער קלאַנג פֿון זיי צום שלווה־לחש צילט:
— „ס'איז גאָרנישט, גאָרנישט, אייגנטלעך, דאָך נישט געוועזן,
ס'האָט גאָרנישט נישט פּאַסירט!
איז — נישט געמאַכט קיין ווען!
ס'האָט קיינער קיינעם נישט פֿאַרפֿירט!
און גלאַט —
אַ מאָל אַ שטיפֿערײַ, אַ שפּיל, וואָס שאַדט?
בשעת אין גלות איז די שכינה
און די געוועבן פֿון דער מענטשן־ליבע זײַנען שפּינעכץ־פֿעדעם דינע...
וואָס איז די נפֿקא־מינאָ?!

●

אַ שלעכטער חלום. אַ בייזער חלום.
שלום עליכם, שטן! „עליכם שלום".
— אַ דאַנק דיר פֿאַר דעם נס! — — —
ווי ס'שיכּורט־אײַן און ווי ס'פֿאַרשלעפּערן די ריחות פֿונעם בעז!...

איצט, ביינאַכט

עס ליגט אַ שרעק אויף בלינדע, שטאַרע גאַסן —
די שרעק פון דער ניט־זיכערקייט און נאַכט...
און עמעץ וואַכט, די פּחד־אויגן אויפגעמאַכט,
און גייט־אַרום, זיך שטאַרקנדיק, געלאַסן,
און מאַכט זיך מוט, און מיט אַ שמאַכטן טראַכט
פון עפּעס זײַטיקעס: פון נעכטיקע פאַרזוימטע זאָרגן,
און פון אַ מאָרגן, פון אומבאַוווּסטן, ווײַטן מאָרגן!

און די לבנה קוילערט זיך און שײַנט פאַרצווייפלט, אויסגעלאַסן,
און, דאַכט זיך, אירע בעלמע־אויגן שפּאַסן
פון וואַנדערדיקן וועכטער פון דער נאַכט.
זי קוקט און — לאַכט,
און מאַכט אַ בליך העוויהלע, אַרונטער וואָלקנס זיך באַהאַלטן,
און מאַכט אַן אויסגערעכנט חנדעלע אַ קאַלטן...
און ס'שפּרייט זיך אויס אַ גרויסער שאָטן אויף דער ערד,
וואָס ווערט מגולגל אין אַ שונא אויף אַ שוואַרצן פערד —
אַ שוואַרצער פײַנט, אַ שוואַרצער פײַנט, וואָס בולטער אַלץ ווערט,
וואָס נענטערט זיך אַלץ גיכער, גיך — אַ גרוילי!

און ס'ווערט דער וועכטער מיט אַן אַנגסטנשווייס באַגאָסן:
פאַר זיך אַליין דערשראָקן! אויסגעשאָסן —
שיקט ער אין דער לופטן צו לבנה הויך אַ קויל, און נאָך אַ קויל...
און ס'וויקלט זיך אין די געהיימע אימה־שפּינעכצן אַ קנויל
פון ווילדע, פּוסטע, וויסטע, פעלדער־שרעקן בלינד,
און ס'ווערט דער וועכטער אײַנגעשפּינט.

פון ערגעץ — ווייסט איין גאָט — פון וועלכן מדבר קומט אַ ווינט.
און הינט פאַרמרהשחורהטע צו דער לבנה בילן עס? צי וועלף?
— גאָט העלף!...

און אײדער ס׳שלאָגט דער שטאָטזייגער פֿאַרשלאָפֿן צוועלף,
שוין בלאָנקען־אום געשטאַלטן, פֿאַרבאַהאַלטן אין די שאָטנס
פֿון די מויערוועגט;
און נישט איין פֿרײַנד האָט איצט —
בשעת דער פּחד האָט מיט ציין געציטערט און געקריצט,
דעם אַנדער פֿרײַנד באַגעגענענדיק — נישט דערקענט.

חורבן

עס זײַנען טויערן פֿון בית־המקדש מיט דעם חזיר־בלוט פֿאַרשוועכט;
עס זײַנען טויערן פֿון בית־המקדש אויפֿגעפּראַלט
און אויסגעשאָכטן אַלע כּהנים, לוויִם, יונג און אַלט,
און ס׳איז דאָס פֿאָלק פֿאַרפֿירט, אָוועקגעפֿירט, פֿאַרקנעכט...
און ס׳זײַנען אימהדיק, ווי שטיל די שוואַרצע, לאַנגע חורבן־נעכט,
וואָס דויערן אין יאָמער־טרויערן, ווי אייביקייטן לאַנג — — —
און ערגעץ הערט זיך פֿון שגעון אַ געזאַנג,
און ערגעץ גיט אַן אַש־פֿאַרשאָטענער אַ פֿלעמל, נאָך אַ צאַנק;
און ווי די אויסגעשרייען פֿון אַ יונגער מוטער וואָס איז קראַנק
איז ס׳ווילדע פֿײַפֿן פֿון דעם שונאדיקן ווינט;
ווי איינע וואָס געבוירט אין ווייטיקן דאָס ערשטע קינד —
אַזוי איז דאָס געשריי פֿון דער בת־ציון!
און שווער־געקנוילטע די נאָך־שריפֿהדיקע וואָלקנס ציִען —
זי קרעכצט און שפּרייט און שטרעקט צו זיי די אויסגעבלייכטע הענט...

און ווי, ס׳איז ניט געווען איבער איר קיין שומר:
זי האָט געטריבן זנות, באַהאַלטן אונטער גרינע ביימער,
און אָפֿן — אין דער שטאָט און מאַרק,
אין יעדן טאָל, אויף יעדן הויכן באַרג,
און מיט איר זנות, און מיט איר שלעכטיקייט בײַנאַנד
איר פֿלהשאָפּט געמאַכט צו שפּאָט און שאַנד:
געשענדעט איז דאָס הייליק׳ לאַנד!

ווײַל זוכן, ווען מען זאָל אין אַלע לענדער,
און נישטערן אין יעדן דאָרף און שטאָט —
געפֿינען וועט מען ניט — אַ כּלה אירע בענדער
פֿאַרגעסן זאָל... און ס'זאָל אַ יונגפֿרוי צירונג, גאָלד,
איר חתן, וואָס זי האָט אין הייליק' בענקען האָלט,
פֿאַרגעסן, ווי מײַן פֿאָלק פֿאַרגעסן האָט אין גאָט!
און גרויזאַם איז די לעסטערונג און שאַנד,
און ס'האָט די שׂנאה זיך צו אונדז צעקוואָלט:
און חרובֿ, וויסט צו מאַכן דאָס געבענטשטע לאַנד —
אַרויסגעגאַנגען אין אַ לייב פֿון דיקן וואַלד,
אַרויסגעצויגן איז פֿון פֿעלקער אַ פֿאַרדאַרבער,
אַ מוראַדיקער, שוואַרצער, פֿליגלדיקער שפּאַרבער —
אַרויסגעצויגן פֿון זײַן אָרט — — —
און ווי פֿאַרצווייפֿלט הילכט דעם נביאס וואָרט:
— אוי, ווי צו מיר! און ווי צו מײַנע טעג!
אוי, פֿון די מערדער איז שוין מײַן נשמה מיד,
און אויסגעפּײַניקט — יעדער אָדער, יעדער גליד
פֿון שלעג נאָך שלעג! — — —

און אויף דעם גרויסן חורבן לויערן די אַלע שלעק,
און די היענעס און שאַקאַלן וואַיען־אום אויף יעדן וועג...

און ס'בלאָנדזשעט אין די וועלטן שטום דער נבֿיא אום,
ווען ס'זײַנען אַלע הייליקייטן פֿון דעם חזיר־בלוט פֿאַרשוועכט,
און ס'ציִען זיך אָן סוף די שוואַרצע חורבן־נעכט,
און ווען־נישט־ווען אַ טרייסט — אַ טויב אין פֿליִען גיט פֿאַרבײַ
אַ ברום!

שוואַרץ־שבת

ושעירים ירקדו שם
(ישעיה י״ג)

מיליאָנען מענטשן זײַנען אומגעקומען; און מיליאָנען גייען
ווײַטער, ווײַטער.
עס איז אין מיר אַ נאַכט, אַ נאַקעטע, אַ הוילע נאַכט.
אַט שטייען זיי אַלע טויטע, בלוט און אײַטער
האָט אַלע אויסוועגן צוריק און אויך פֿאַרויס פֿאַרמאַכט.
איך טרעט אין אייגן בלוט מיט צוגעמאַכטע אויגן.
מיט צוגעמאַכטע אויגן עס איך בלוטיק ברויט,
באַזאַלצן מיט אַ טרער...: המוציא מאַכט דער פֿרומער טויט,
וואָס זיצט מיט מיר בײַם טיש אַ מידער אײַנגעבויגן,
און קוקט אויף מיר — אַן אַלטיטשקער — מיט לעכער אין די
אויגן טיף;
און שטיל דערציילט ער מיר רחמנותדיק, פֿאַרצויגן,
פֿון עפּעס ווײַט אַ וואָגלדיקער שיף...
גייט אַ בוגד אײַנגעבויגט און פּויקט, און פּויקט פֿון ליבע.
און פּויקט סײַ טאָג סײַ נאַכט אין אומעטיקער פּויק.
עס שלעפּט זיך נאָך נאָך אים אַ הונגעריקע צויג
מיט אויגן וואָסערדיקע, טריבע.
און ס׳העשעט הויך די צויג, און ס׳שטאַרצן איר די ריפּן,
און ס׳גאַווערן מיט גאַל מיט גרינער אירע ליפּן.
זי גייט דעם פּויקער נאָך און שלעפּט דעם פּוסטן בויך.
און ס׳באַמבלט זיך אַראָפּגעלאָזט איר עק...
דער בוגד פּויקט די ליבע אויס, אַז ס׳גייט אַ רויך
און ס׳כאַפּט אים אום אַן עלנטקייט, אַ וויסטע שרעק
פֿאַר זײַן־געשטאָרבענעם און אויסגעגליטשטן וועג.

עס האָט די צײַט אַרײַנגעלאַכט אין מײַנע אויגן,
אַזוי דעם קאָפּ פֿאַרוואָרפֿנדיק, אַזוי פֿאַרצויגן,

אַזוי פאַרגייענדיק זיך שאַרף און ביטער,
אַז ס׳איז מײַן אויג אַדורך אַ בליצן־ציטער;
און ווי אַ שפּליטער פון דעם הילכיקן געלעכטער
האָט מיך אַדורכגעשטאָכן דער שגעון;
איך האָב דערהערט אין זיך אַ היבטיש ווילדן וואַיען
אַלץ אומברחמנותדיקער, ווילדער, שלעכטער:
— „וואָס, — בין איך דען מײַן ברודערס היטער?״
און ס׳איז אַראָפּגעפאַלן פון דער הויך אַ בליץ — אַ שטריק
צו וואַרגן ס׳אויסבאַהאַלטענע, דאָס טויטע גליק...
און כ׳ווייס ניט אַן אַ שום פאַר וואָס און אַ פאַר ווען,
מײַן פרײַנד האָט מיט זײַן שטיל נשמה, פול מיט טרערן
און מיט אַ פאַרוווּרף מיר געזאָגט: „ביסט איוב — שטיל מאָדערן...
איך ווייס ניט, ווי אַזוי עס איז מיט דיר געשען?!״
— ווילסט וויסן ווי אַזוי, מײַן פרײַנד, דו ווילסט עס זען,
טאָ זע... אַט זעסטו פון אמונה און האָפענונג דעם שאַרבן;
אַט זעסטו מיך אַ קרעציקן פון לײַדן אין אַ גרוב אַ שמאָלן;
ס׳איז עמעצער געקומען, צוגענומען אַלץ, ס׳האָט אַלץ געפּלאַצט...
די שיינקייט צוגענומען! איז געוואָרן ענג — צום שטאַרבן.
דאָס לעבן איז אין גרוב, ניטאָ קיין בערג און טאָלן —
און כ׳האָב די ווּנדן מיט דעם שאַרבן פון דער אַלטער וועלט געקראַצט.

און כ׳בין אַדורך אין יונגן לעבן מײַנעם מאַט און מיד,
דער אייביק זוכנדיקער, וואַנדערנדיקער ייִד;
איך בין אַדורך מ״ט, די אַלע 49 שערי טומאה,
דורכויס, אין יעדן טויער, האָבן מיך באַגעגנט מערדערס שטומע,
די שטומסטע זײַנען די געווען, וואָס האָבן אַן אַ שיעור גערעדט,
און די געדאַנקען מיט דמיונות זיך געגלעט,
אַז ס׳וועט אַ מאָל נאָך ווערן אַן אַ גוזמא גוט,
און אַ גן־עדן בליִען וועט, וווּ ס׳האָט געמבולט בלוט...
דער אַלטאָג פון דעם גיהנום האָט מײַן יוגנט מיך צעפליקט,

געוואָרגן און מיט פֿײַער־צוואַנגען מיך געשטיקט —
און ס׳לעבן האָט געשאָפֿן מיר צו שטאַרבן מוט!
אויף אונדזער מזל ווײנט, מסתּם, דער טײַוול פֿאַר רחמנות,
אויף אונדזערע פֿאַרעלנטע, פֿאַרפֿינצטערטע כּוונות.
אַרויפֿגערוקט אַ שוואַרץ־צילינדער אויף זײַן פּליך איז.
דאָרט זיצט ער רײַטנדיק אויף קאָכל־דעכער און אויף סטריכעס —
באַקלאָגט אין קוימענס מיטן ווינט דאָס נײַ־משיחות...
זײַן פּרצוף איז צעקרימט — ער זוכט אַ פֿלעמל,
ווו אָנצוּוואַרעמען זײַן דאַרן גוף.
און ס׳דוכט זיך אים, אַז פּלוצלינג הערט ער ווי אַ מיטליידרוף
און שטילער ווערט ער. אײַנגעהאַלטן. כּשר, ווי אַ קרבן־לעמל.
און ס׳דוכט זיך אים — ער איז געקומען צו אַ ציל און גרענעץ.
כאַ־כאַ! ס׳איז אונדזער מהיכא־תּיתּידיקער גענעץ!

≈

נאָך דעם ווי גאָט אַוועקגעגאַנגען איז זײַן גלות ריכטן,
האָט אינעם רויך פֿון שוואַרצן שבת, אינעם רויך דעם
שוואַרץ־געדיכטן,
אַרויפֿגעפֿליגלט אין אַ קראָ־געשטאַלט דער שקר.
ער האָט אַ צי געטאָן די בייזע ציינגער פֿון די טורעם־גלעקער,
ער האָט אַ שטויס געטאָן די בלבול־ציינגער פֿונעם ליגן;
און ס׳האָט געקוילערט זיך ס׳רכילות איבער דר׳ערד,
און קונצן ווײַזנדיק, געשפּרונגען און אַרומגעהוליעט,
און הויך געכיכיקעט, געלאַכט מיט שפּאָטיש פֿאַרגעניגן —
אין אויסגעלאַסנקייט מיט זנות־טײַוולאָנים זיך פֿאַרהערט...
און לײַכט געבראָכן זיך, און זאַרגלאָז זיך געקוליעט,
און אונדז, די יורשים זײַנע, צום ברהסט ג׳זטוליעט!
קלאָפּט קין מיט זײַן פֿויסט פֿאַרבלוטיקט אין די הימלען,
ער וויל אַראָפּרײַסן פֿון זיי דאָס ווילד געוויקס — די פֿוילע שימלען.
ער קלאַפּט מיט ווי, אַרויס די שטומע אָונט־בליצן;
און זײַנע ציינער ברעקלען זיך אין אימהדיקן קריצן:

„איך וויל אַז הבלס גאָט זאָל מיך באַשיצן!
איך וויל! ער האָט דאָך צוגענומען אים — זײַן קרבן!
אַ סימן — ס׳איז זײַן גאָט נאָך ניט געשטאָרבן!
און מײַנער לעבט שוין ניט! ניטאָ פֿון אים קיין זכר און קיין פֿונק״.
— (רפֿואות מישט פּאַר קינען דער אַלטער, קלוגער דאָקטער פֿויסט,
וואָס ברויזט אין פֿלעשעלע אַ מיטל ווי צו ווערן יונג...)
און קין קלאַפּט אין הימלען מיט זײַן זינדיק פֿויסט.

ווער ס׳האָט דעם שוואַרצן שבת אין זײַן טיף געזען,
דער וועט זיך אייביק, אייביק פּלאָגן נאָך אים.
ער האָט אין זיך אַ ביזן כּוח, אַ פֿאַרשאָלטן קראַפֿט.
ער האָט זײַן גרויליק־דונערדיק וואָרט,
וואָס פּלעפֿט און שמידט מיט לײַב און לעבן צו איין אָרט —
וואָס ציט־אַרויס פֿון דר׳ערד דעם שאָפֿונגזאַפֿט;
ער האַלט אין האַנט אַ רייצנדיקע גורל־קאָרט,
און קומט די צײַט, און שלאָגט די ניסים־אָפּגעוואָרטע שעה —
דאַן פֿאַלט די קאָרט, און פּוסט איז זי, און גאָרניט איז אויף
איר ניטאָ!

איך ווייס... איך ווייס ניט וואָס איך ווייס!
נאָר ס׳ווילט זיך אָנהייבן פֿון אָנפֿאַנג, פֿונעם אַלף־בית,
און אָנהייבן צו פֿילן אויף דאָס נײַ דאָס בלויע ליכט...
אַן ערשטלינג־שמייכל זאָל צעשפּילן זיך אויף מײַן געזיכט.
עס ווילט זיך אָנהייבן מיט ערשטע ווערטער: טאַטע, מאַמע...
איך ווייס — איך ווייס דאָך גאָר ניט ניט, מסתּמא.

און עפּעס נײַע, נײַע ווערטער אויסגעפֿינען,
אַרײַנלייגן אין זיי אַ גליקלעכן, אַ נײַעם זינען,
באַשײַנען זיי, און מיטן קומענדיקן טאָג באַחנען...
און עפּעס פֿאַלן אויף דער האַרער ברוסט פֿון וועג און דינען,
און מיט די גרויסע, הייסע קינדערישע טרערן, וויינען, וויינען.

פון צער

ס׳איז ווי צו די וואָס וויינען מיט פאַרוואָרלאָזטע און בלאַסע טרערן,
וואָס זייער זיפץ קאָן לינדערן פון זיי אַליין דעם פּײַן דעם שווערן!
ס׳איז ווי צו דעם וואָס מורמלט אין דער שטיל
אַ תפילה אויס,
אין ד׳ אַמות פון זײַן אייגן היים און הויז,
א „ברוך דיין אמת" מיט אַ בליק געווענדעט אָן אַ ציל!
אַ, ווען איך קען,
אין צאָרן און ענויים־ברען,
אַ וועלט פאַרסמען מיט מײַן וויטיק־סם!
אַ, ווען ס׳וואָלט ווערן
פון אויגן־פלאַטער מײַנעם אין אַלוועלטלעך פלאַם!
און ווען פון טרערן
וואָלט געוואָרן
מיט אַ נס געבוירן
אַ שטורעמדיקער אַל־אוקינוס־ים —
וואָלט איך פאַרטיליקט אַלץ אין בראַנד,
פאַר חרפה גרויס און שאַנד!
וואָלט איך פאַרפלייצט מיט דעם טרערן־שטרוים
יעטוועדער שטעג און וועג,
אין מײַנע אַבלדיקסטע טעג,
יעטוועדער — גראָז און בוים,
וואָס האָט דעם צער פון פאָלק, מײַן פאָלק, געזען...
אַ, ווען עס קאָן געשען!
און ווי צו די, בײַ וועלכע ס׳טריפן טרערן ווייכער, בלייכער,
עס וועט פון זיי פאַרבלײַבן קוים אַ זכר!
נאָר וויל איז די וואָס הילכן דרייסט אַ קללה אויס
פון גיהנום־האַרץ אַרויס,
און וויל צו די, בײַ וועלכע ס׳ווערט אַנטבלויזט —
אַ קראַמפּהאַפטע, אַ מוראדיקע פויסט!...

צאָרן

זאָל וויינען דער וואָס האָט אין האַרץ אַן אוצר טרערן,
ווער ס'טרוימט מיט טרערן בלויז די שקר־פעלדזן צו צעשטערן!
אָ, איך, איך האָב אין האַרצן איצט אַ קללה־בראַנד,
אַ שטילן, שלענגלדיקן שמייכלגאַל!
איר זעט, איך האָב די גרינע שמייכעלעך אַ סך,
איר זעט — איך לאַך...
איך האָב אין זיך די שׂנאה פֿון אַ גאַנצן לאַנד!

„זיינען פֿון די שלינגענדיקע בלאָטעס און די זומפּן,
זיינען זיי אַרויס פֿאַרקריפּלט, איינגעשרומפּן,
אויפֿגעפּלומפּט די בלוטן־פּלומפּן*,
אויפֿגעעפֿנט סמען־קוואַלן און פֿון האָס אַ ים:
שטרוימט אַ שפּרודלדיקער — אַן עלילת־דם...״

„היי, היי! בלוט פֿאַרגיס!
ברעך! שטעך! שניד! שיס!
נאָך אַ שטיק! און נאָך אַ פֿליק! און נאָך אַ ריס!
נאָך אַ גוסטדיקער ביס!
אוי, אוי, דאָס בלוט איז זיס!...״

איך וואַרעם אין מיין ברוסט די שׂנאה פֿון אַ גאַנצן לאַנד,
דעם שלאַנגענגיפֿט און שאַנד,
פֿון סדומען־זינד אַ פּעך־און־שוועבל־קוואַל,
וואָס וואַרט אויף תּיקון,
דעם צער און צאָרן אין אַ מבול צו דערשטיקן!

איך האָב אַ האַרץ וואָס וועט אין אַ ווולקאַן מגולגל ווערן,
וואָס האָט די לאַווע — שפּאָט און חרפּה — אָנגעזאַמלט,
וואָס רייסט זיך שוין פֿון איר פֿאַרשטיינערט הויט אַרויס

* פּאָמפּע (דורך רעדן).

און טעמפּ דערוויַיל מיט אונטערערדיש׳ קלעפּ נאָך שטאַמלט,
וואָס לויערט אויף דעם אומרעכט גרויס...
און ווען עס וועט דער פֿאַליענדיקער לאַווע־טרויער
פֿון דונערדיקן האַרצן אומגעהויער,
אין מיַין נקמה, בענקשאַפֿט און געלויער —
אָ, ווען — — עס וועט זיך אויסריַיסן פֿון קלעמענדיקע ברעגן,
זיך אויסלאָזן אויף דאָרף און שטאָט,
אויף אַלע קללהדיקע וועגן —
אָ, דאַן וועט אַשמדאַי אַפֿילו אויך נישט לאַכן!...
אָ, דאַן וועט עס אַ וועלט, די גאַנצע וועלט פֿאַרוויסטן, חרובֿ מאַכן
צום אויסגעברענטן שטויב און קויל
אין שטיקנדיקן, ווערגעדיקן רויכנקנויל,
אַזוי אַז אויפֿשטייַן וועט פֿון הימלען גאָט,
שוין לאַנג פֿאַרגעסן זיַין ליַיטזעליקייט און גרויס גענאָד,
אַראָפּגיין אויף דער ערד
צעשטערט,
און אָנקוקן וועט ער דעם חורבן־גרויל.

מיט שרעק פֿון אויסגעוויינטע טעג,
מיט זיַין „רחמנות אָן אַ ברעג״,
און אָנקומען וועט ער צו אונדז מיט אַ געבעט,
מיט אַ חרטה שוין פֿאַרשפּעטיקט, שפּעט,
און שלאָגן וועט ער זיך אין זיַין פֿאַראָבלט ברוסט,
פֿאַרשווערט און מוטלאָזיק און אָן בטחון־לוסט,
פֿאַר זיַין גליַיכגילטיקייט — על חטא...

זאָל קלאָגן דער וואָס האָט אין האַרץ אַן אוצר טרערן,
זאָל יענער מילדערן מיט דעם זיַין פּיַין דעם שווערן,
זאָל יענער מוחל זיַין דעם הימל און די שטערן,
זאָל יענער מוחל זיַין דער פֿרילינגזון אין שיַין!
און איך וועל וויַיטער שמייכלען: כ׳קאָן נישט מוחל זיַין!

די מגפה פון שנאה

מאה קולות האָט דער שופר הילכיק און פאַרצווייפלט אָפּגעבלאָזן:
און געבויגן האָבן זיך צו דער ערד דערשראָקן אונטערטעניק גראָזן.
— תקיעה! שבֿרים־תּרועה! שבֿרים!
און עס טאָקט די וועלט אַלץ ווײַטער, אָן אַן אויפהער, טיף דער נאָגנדיקער וואָרעם,
און מען מעסט, מען רײַסט די קבֿרים.
העלפט דאָך גאָר נישט: די מגפה־שׂנאה שפרייט זיך ווײַטער.
און עס זויגן־אײַן די שׂנאה־קינדער
פון דער ברוסט דער מאַמעס, ווערן זיי פון טאָג צו טאָג אַלץ בלינדער.

און דער הימל איז אַ גרוי־פאַרשפּײַטער,
און די וואָלקנס, ווי פון וווּנדן — אײַטער.

און די שׂנאה האָט אַדורכגעדרונגען אַלע טעמפּלען, אַלע בתּי־תּפילה!

האָב איך מיר אַ פּלהשי, אַ הייליקע, אַ שטילע,
האָב איך מיר אַ פּלהשי אַ פרומע,
אַ פּערל־טרוימערן, אַ פּערעלע, אַ טאָכטער פון מײַן אומה...
האָט זי מיך געבעטן מיט די בליקן־שמייכלען שטומע:
„לאָמיר חופּה שטעלן אין די ווײַטן,
לאָמיר חופּה שטעלן, ווײַט פון גאָט און לײַטן!"
ביידע מיר יתומימלעך — געשטאָרבן אונדזער פריד און פרייד,
ביידע מיר יתומימלעך — מיר ריידן שטילערהייט.

זײַנען מיר צו דעם בית־עולמל געגאַנגען,
ווי אַ שטייגער טײַבלעך צוויי וואָס ליבע ברומען,
זײַנען מיר געגאַנגען מיט די ליב־געזאַנגען
און צום אוהל פון אַ צדיק זײַנען מיר געקומען...

האָבן מיר אַ שטילע חופּה דאָרט געשטעלט.
אין דעם רוענדיקן צדיקס אָלט געצעלט.
און עס ווייסט דאָך קיינער נישט אַפילו אין דער וועלט.

און דער בעל־זמר איז געווען — דאָס שטילע, שטילע בענקען,
און בדחנים זײַנען פֿיל געווען — די בוימער,
און די געסט, די מחותּנים — אַלע ווינטן־טרוימער:

וועל איך זיי געדענקען, וועל איך זיי געדענקען,
אַלע שמייכלען, וואָס זיי שענקען.

און אַ חזן מיט משוררים איז אויך געווען — דער טיפֿער אומעט,
און די אונטערפֿירערס — ס׳טרויעריקע שווײַגן
פֿון די צווײַגן,
ס׳טיפֿע שווײַגן, וואָס מיט תּפֿילות זשומעט...
און דער הימל האָט געצונדן אונדזערטוועגן אַלע, אַלע שטערן,
און געוווּנקען האָבן זיי צו מיר און צו מײַן פּלהס בֿלײַך געזיכט,
ווי פֿון קבֿרים פֿלעמלדיקע, צאַנקענדיקע ליכט.

ווײַט אין ווײַסקייט האָבן מאה קולות קוים געלאָזט זיך הערן:
תּקיעה! שבֿרים! תּרועה גדולה!
און דער שׂנאה־וואָרעם האָט גענאַגט, געטאָקט די ווײַטע וועלט
די פֿוילע — —

תּענית־ציבור

כ׳ סיון, תּרע״ט

עס האָבן איבער בערג און ימען זיך נשמות אויסגעשטרעקט,
פֿון שווערן הינערפֿלעט דערוועקט,
און ס׳האָט אַריבער אונדזער וועלט דער טריבער,
און איבער אַלע עקוועלטן און ערדטיילן אַריבער
אַ פֿיבערדיקער רוף צום תּענית־צבור
זיך דערהערט.

אַ הייסע זון געגליט האָט איבער אונדזער ערד
און אום־אַרום האָט זינגענדיק געבליט;

מען האָט מיט יום־טובֿדיקן האַרצקלאַפּן געוואַרט
אויף ס׳נײַ געדעטעניש — דעם ערשטן שלום־שניט!
ווי נאָך אַ שווער חולאת האָט די ערד געאָטעמט צאַרט
און ס׳האָט דורכויס די שווערד אין שייד זיך אומגעקערט,
און בעלי־חלומות האָבן איבערשמידן זי געקלערט
צום אַקעראײַזן,
מיט ברידערלעכקייט זייער גבֿורה צו באַווײַזן —

און ווײַ און ווײַ!
איבער אונדזער גורל איז געלעגן גלײַכגילטיק דער שניי
און איבער אונדז האָט נאָך דער שׂטן אין זײַן מאַכט געגלויבט.
די שכינה האָט אין גלות־אַפּריכטן געטרויערט
איר טויזנט־יאָרעדיקן טרויער, וואָס ביז איצט געדויערט.
זי האָט פֿאַרבראָכן אירע צאַרטע פֿליגלענהענט
אין גרענעצלאָזן ווייטיק און אין קלעמען...
— ווער ווייסט, צי וועט זי נאָך אַ מאָל באַפֿרײַט די הענט צענעמען!

מען האָט נאָך אַלץ גערודפֿט און געשאָכטן און געברענט.
מען האָט נאָך אַלץ די קדושה אונדזערע געשענדט,
און ביז אַצינדערט האָט מען אין די פּתּום־ורעמסס־ווענט
דאָס ליים, פֿון אויפֿבויען מיט אונדזער בלוט געקנאָטן!

און ווײַ און ווײַ! — מיר האָבן זיך געשטעלט אַנטקעגן שׂטן
מיט תּשובֿה־תּפֿילות, מיט תּענית, מיט דאָס אַלט געווער,
מיט הערצער אויסגעליידיקט, שווער:
„וה׳ ישלח לנו עזרתו להביאנו
אל המנוחה בארצות פזורנו —
ואל נחלתנו
בארץ אבֿותינו״ — —

און מיר — מיר האָבן פֿאַר די פֿרעמדע זינד געשלאָגן זיך
„על חטא״, צוזאַמגעהאַפּטן אין איין־איינציקן געבעט!

מיר זיינען — מיר

דער שופר פון משיח

פֿון טויזנט־יאָריקן פֿאַרשטאָפּטן שופר־האָרן
איז מיט אַ בליצנפֿלאַם, אין הימלען שנײַדנדיק, אַרויס אַ קול־מבֿשׂר,
פֿון האָרן דעם פֿאַרלוירענעם און קוים געטרוימטן טויזנט יאָרן,
פֿון אַלטן שופר גרויס — אַריבער טריקעניש און וואַסער —
אַ בת־קול — ווײַט אַריבער באַרג און ים,
אַ בת־קול, אַ ווולקאַניש פֿלאַם,
וואָס האָט די הערצער אויסגעלאָשענע דערפֿלאַקערט צו דעם זיג,
וואָס האָט באַלויכטן צו אַנטפּלעקונג יעדן בלינדן בליק,
וואָס האָט אַרײַנגעדונערט אין יעטוועדער טויבן אויער
און אָפּגעהאַקט, ווי מיט אַ נס, דעם בײַזוויליקן טרויער —
דעם גלות און ירושה־טרויער...
און ס'האָט פֿון אורקוואַלן אַרויסגעקוואַלט,
און פֿון מרחקים, פֿון דער ווײַטסטער ווײַטעניש האָט
שטורעמדיק געשאַלט:

— מיר זײַנען — מיר!

און אויפֿגעעפֿנט האָט זיך שטיל אַן ערדיש טיר
פֿון דעם בית־לחם־קבֿר, האַלב געזונקען, אַלט,
דער קבֿ פֿון די טרערן אָן אַ שיעור געזאַפּט,
די טיר צו וועלכער ס'האָט יעטוועדער טרײַער זון געקלאַפּט,
אין טיפֿן צער געהילט, אין אימהדיקע זאָרגן...
און פּלוצים האָט אַרויסגעזונט פֿון דאָרט אַ נײַ פֿרימאָרגן,
און ס'האָט זיך אונדז אַנטפּלעקט די יוגנטלעך געשטאַלט
פֿון אונדזער אייביקער פֿאַרבענקטער מוטער
אַרויסגעשטראַלט,
און ס'האָט צום ערשטן מאָל אַ לײַטזעליקער, גוטער,

אַ גוטמוטיקער שמייכל אויף די לעפּצן איר געשפּילט,
ווי פֿרילינג־ערשטלינג שטראַלן־מילד

און ס'איז אַנטקעגן יונג־פֿאַרעלטערטע און אַלטע יונגנטלעכע קינדער,
די מוטער מיטן פֿרילינגיונג אַרויס.
און ס'איז די שמחה ווי אַריַין אין יעדן הויז,
און ס'האָבן אויפֿגעטאַנצט די בערג ווי אינדן,
און טאָלן ווי די שפּרינגענדיקע שאָף און רינדער...
און טײַכן, ימים האָבן אָנגעהויבן פֿליסן ברויזנדיקער און געשווינדער,
און ס'זײַנען לויטער אויסגעלײַטערט פֿרײַ געוואָרן שטעט,
פֿון דעם דערבאַרעמדיקן, וואַרעמדיקן פֿרילינגגלעט.
און בלינדע האָבן זיך אַרומגעקוקט אין גרויס פֿאַרוווּנדערונג
צום ערשטן מאָל
און אויפֿגעקלונגען האָבן בײַ די שטומע — שטימען קלאָר,
און ס'האָט אַ פֿיל־מיליאָנענדיקער כאָר
געזונגען אין האַרמאָנישן געבעט...
דער נײַער פֿרילינג האָט מיט טאָנען־אָנזאָגן געשטראַלט,
דער שופֿר האָט געשאַלט
די אויפֿלעבונג פֿון לעצטן יונגן דור.
און ס'האָט די גאַנצע ערד מיט בלומען־בליִעכץ זיך פֿאַרדעקט,
מיט גליק פֿון פֿרייד פֿאַרשמעקט,
און טויטע האָבן אין די קבֿרים זיך געוועקט —
די אונטערערדישע געהיימע קרעפֿטן —
און ביין מיט ביין האָט זיך געטאָן צוזאַמענוואַקסן און באַהעפֿטן,
און ווײַט געקוילערט זיך צום עולם־הבא־וועג,
און ווײַט אַוועק פֿון דער פֿאַרגעסנקייט און שרעק...
און פֿון די הימלען זײַנען אויך די וואָלקנס — ווו אַוועק...
און ליכטיק און אומזינדיק האָבן זיך געביטן טעג נאָך טעג,
און ס'האָט אויפֿסנײַ דאָס געטלעכע און דאָס נבֿואה־וואָרט געבליט,
אין יעדן הויך, אין יעדן ליד.

אין יעדן הללויה־שיר:
— מיר זײַנען — מיר!
— מיר זײַנען — מיר!
האָט וועלט אומפֿליענדיק דער שופֿר הויך געשאַלט,
און טיר און טויערן פֿון ענגע תּפֿיסות־הערצער אויפֿגעפּראַלט.
געטראָגן האָט זיך ווײַט דער פֿלאַמענדיקער קול,
אַריבער באַרג, אַריבער טאָל,
אַריבער פֿרעמדע פֿעלד און וואַלד — — —
און באַלד האָט אויך אַ טרוימער, אײַנגעשמידט אין עצבֿות־קייטן,
געוואָלט די פֿליגלען פֿון חזיונות ברייט צעשפּרייטן,
און פֿליען ווײַט געזאָלט,
באַגילדט מיט זונענגאָלד...
נאָר ס'האָט די משׂא פֿון דעם נאַנטסטן עבֿר שווער
אַרויסגעפּײַניקט בײַ אים אין אויג אַ מידע טרער
און צו דעם מיזרח אויסגעצויגן, אויסגעשטרעקט, די הענט,
האָט ער זיך שטיל מיט אַ שהחיינו־ברכה צו דער פֿרילינגזון
געווענדט...

אליהו הנביאס כּוס

ס'באַוועגט זיך שטיל דער צימוקים־ווײַן אין אליהו נבֿיאס בעכער
און ס'דוכט זיך, אַז ער ציט זיך צו מלאָכים־ליפּן אויס;
בלויז פֿונקען־פֿײַערלעך פֿון ליכט איצט הויכן, פֿלעמלען העכער
און גייען־אויס אין אַ קרבנותדיקן בענקען גרויס.
באַוועגט עס עמעצער מיט פֿליגלען איבער מיר אין לופֿטן?
און ס'דופֿטן ווײַנען־ריחות מיט אַ הייליקן גענאָד...
אָ, העלף מיר, גאָט, דעם זינגער דײַנעם, העלף דעם אויסגעפּרוווטן
נאָך איין נסיון בײַצושטיין, אָ, העלף מיר גלייבן, גאָט!
אַ סוד איז איצט אין מיר אַרײַן פֿון דרייסטקייט און פֿון וואָגן,

און ס'ציטערט אַלץ אין מיר — איך בין אַ שטורעם־ווירבל־ווינט;
און ס'שפּילט אַ דונערליד מײַן האָרץ — דער אײביקער מנגן,
דאָס תּמיד לויערנדע, זוכנדע קדושה־קינד...
געשווינד! פֿאַר שפּוך חמתך זײַנען צוגעמאַכט די טירן;
עס איז אין סדר־חדר איצטער קיינער נאָך נישטאָ,
איך וועל די ברעגן פֿונעם כּוס מיט ליפּן נאָר באַרירן
נאָך אײדער אַלץ! עס איז דאָך אײדער נאָך... „ברוך הבא!"
האַ־האַ, ס'איז ווויל און זיס! ווי זיס, ווי מלאָכדיק דער ווײַן איז
פֿון אליהו נביאס גרויסן כּוס, עס טריפֿט אַ קוואַל פֿון מוט
און גיסט דעם הייסן גלות אַרײַן! ווער האָט צו גאָט איצט טענות?
ס'וועט אַלץ פֿאַרענטפֿערן מײַן יונגעס אויפֿגעפֿלאַמטעס בלוט!...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

איך האָב דעם כּוס, אליהו נביאס ווײַן, איצט אויסגעטרונקען,
זײַן וווּנדער־גורל אײַנגעזאַפּט און כּ'פֿלי איצט אין דער וועלט,
וואָס איז אין אָפּגרונט פֿון חרפּה און פֿון שאַנד פֿאַרזונקען,
דערטרונקען אינעם כּף הקלע פֿון גליווערדיקער קעלט...
און ס'קוועלט מײַן יונג און זודיק האַרץ: איך טראָג אַ טרייסט,
אַ היילונג
און ס'שײַנט ווי זון מײַן גאָלדענע מרפּאה איבער דר'ערד!
געלויבט איז דער, דער יעניקער, וואָס גלייבט אין אויסדערוויילונג!
— היי, פֿלינקער, פֿלינקער פֿליגלט, מײַנע פֿײַערדיקע פֿערד!

מיט אליהו הנביא

עס איז געווען אַ בלויע, סאַמעטענע ליל־שימורים־נאַכט,
פון גוטן נביאס גײַסט באַוואַכט.
און כ׳בין פון אײנזאַם סדר מײַנעם, פונעם הויכן מויערהויז
אין שטילקייט פון דער גאַס אַרויס.
אַרויס באַגעגענען דעם נביא, זײַנע װוּנדער, זײַנע נסים גרויס,
די עלנט־וווּנדן צערטלען אין לבנה־שײַן,
דער בוזעם אָפן, אויגן — פול מיט פינקלדיקן טרערנווײַן,
וואָס האָבן ווי אין חלום אָנגעקוקט די שטערן —
אין סודותדיקן הימל טיף אַרײַן.
און ס׳האָט די גאַס געהאַלטן אין אַ מיטן שטילן קלערן,
געזונקען אינעם אוויר, אינעם לערן...
און יעדעס הויכע, יום־טובדיקע ליד,
און יעדער קלאַפּנדיקער קלאַנג פון טריט
וואָלט, דאַכט זיך, איצט די מלכותדיקע רו צעשטערן.

האָב איך אַראָפּגענומען פון די פיס די שיך,
געהייליקט זיך,
און ווען אַ שטילקייט־קול האָט מיך געפרעגט, גערופן מיך —
האָב איך געענטפערט שטילערהייט,
אַז איך בין גרייט —
פאַר שוואַכקייט פון מײַן האַרץ, זיך אָנגעהאַלטן אין מײַן ווילן גרויס...
דערנאָך, ווען בלײַך בין איך געוואָרן, פון לבנה אויסגעווײַסט,
געגליכן צו דעם נביאס זילבער־לויכטנדיקן גײַסט,
בין איך צוזאַמען און מיט אים אַרומגעגאַנגען,
אין שטרוימען פון די הייליקע געזאַנגען
פון שטוב צו שטוב, פון הויז צו הויז,
דורך אים געפירט, די אויגן פעסט פאַרמאַכט,
אין סאַמעטענער בלויקייט פון דער פסחדיקער נאַכט.

אַ למדן־וואָוניק

— גאָטס אַ שטראָף! גאָטס אַ שטראָף!

— כ׳בין אַליין — אַ למדן־וואָוו!
כ׳האָב בטחון און איך האָף.
אַנדערוואָכן — נעמט קיין סוף:
זינגט מען, טאַנצט מען — נעמט קיין שלאָף!
ווינטן פאָכען:
כ׳האָב בטחון.
וואַסער טראָגן,
תהילים זאָגן,
אַנדערוואָכן! אַנדערוואָכן!
מיד און מאַט —
ס׳האָט אַ גלעט — דער חטא פאַרשאַדט,
טוען ווי פון פיס די קנאָכן!
כ׳האָב בטחון און איך האָף!
אַנדערוואָכן נעמט קיין סוף!
זינגט מען! טאַנצט מען — נעמט קיין שלאָף.
און איך זינג אַזוי דאָס רוב —
קומען וועט די גרויסע פרייד
שטילערהייט, שטילערהייט...
און משיח, זעסטו גייט!

אַרבעט, ברידער, אַלע פלײַסיק,
אַלע, אַלע זעקס און דרײַסיק:
האַקט דאָס האָלץ און טראָגט דאָס וואַסער!
גוטע בשׂורות זײַט מבשׂר!

און אין ימים גאָלד צעפלאָסן
וועט אין זונען־שיפן קומען,
וועט מיט וועלט אַרומגענומען,
יענע רו פון אייביק שבת — פונעם שבת פון שבתון!

צו פּרצן

— דו ביסט אַוועק אין לאַנד פֿון אייביקייט און שטילן שווײַגן,
דו ביסט צו זיך אַוועק אין ענדלאָז־ווײַטן לאַנד
און כ׳זע דײַן גײַסט צו בלויקייטן, זײַן פֿליגלדיקן שטײַגן,
און עמעץ, זע איך, טוליעט זיך צו דיר, און פֿליט מיט דיר בײַנאַנד,
און האַנט בײַ האַנט, און גײַסט בײַ גײַסט, איר פֿלאַטערט בײדע,
באַגלייט פֿון טענער־זיפֿצן אויפֿגעציטערט קוים:
זיי יאָגן זיך אין שטראַלנגאָלד — אַ שימערירנדיקע עדה
און יעדער טראָגט מיט זיך אויף פֿליגעלעך אַ טרוים...
די שכינה פֿליט עס מיט! און קלאַנגען־זיפֿצן שלײַכן,
באַפּערלטע מיט טרערן פֿון קדושהדיקן גלות־צער,
מיט קלאַנגען אָפּגעריסענע פֿון האַרפֿן פֿון די בבֿל־טײַכן,
אויף צווײַגן אויפֿגעהאַנגענע, אויף צווײַגן הויקערדיקע, אַלט און דאַר..
אָ, דו ביסט ווײַט אַוועק אין לאַנד, וווּ שווײַגן־קוואַלן שטרוימען!
אָ, דו ביסט ווײַט אין וואָלקן־בלויקייטן אַצינד!
און כ׳צי איצט אָן די זעגלען פֿון מײַן פֿאָלקס־געבענטשטע טרוימען,
און כ׳לאָז זיך אין די לעבנס־שטרוימען מיט אַ ליאַדן ווינט.
— היי, טרײַבט, איר ווינטן, אָן אַהין וווּ ס׳ווערט געהייליקט
אַלדאָס בלויעס,
וווּ גרויסקייט ווערט פֿון טרייסטגעפֿיל צעגאַנגען שטיל.
ס׳איז שוין געשען! זיי וועלן נאָך געשען, די ניסים ונפֿלאות —
דער גײַסט פֿון משהן און פֿון דיכטער זעט פֿון באַרג דעם מאַרגנציל!

גאַס מענטשן בענטשן!

בענטשונג

אויב איך בין יונג,
וועל איך נאָך מער זיך יונגערן:
אַן אויפגעפלאַמטער פון יעטווידער פונק,
פאַרליבט אין יעדן שטערנווונק,
פאַרליבט אין יעדן ווערטערקלונג,
אין יעדע — סודי־סודות־זינגערן!

אוי, פינגער מיינע, אויסגעצויגן לאַנג,
איר שטראַלט־אַרויס מיין יעדן האַרציקן געדאַנק
און נעמט־אַראָפ איר יעדן צואַנג פון דינים
פון כל המינים!
און יעדן ענגן פעדעמל, דעם דינסטן דינגעם,
און יעדן גאַלשמייכל, דעם שלאַנגען־גרינגעם,
פון מענטשן־פנימער אַראָפ!
אַראָפ, אַראָפ דעם בויעראַל פון יעדן אויער,
דעם עול פון יעדן יונגן קאָפ,
דעם מרעיש־עולמדיקן משא־טרויער!

איך וויל מיט מיינע הענט —
די אומענד און די ענד —
גאַנס מענטשן בענטשן!
גאַטס מענטשן
בענטשן!
און כאַ־כאַ־כאַ, ווי לעכערלעך עס שפּרינגען מיך אַרום
די הויקער־בחורימלעך, די פלינקע זלידנע בעלי־מום!...
פאַרויס — פאַרלייגט מיושבדיק די הענט —
אַ גאַווהדיקער צאַפּלט־אויף אַ שטומפּיק איינגעשרומפּן שרעטל
מיט פיל חטאים גרויס — אַן אויסגעחשבונט צעטל!
און ווען ער לייענט־פאַר דאָס זינד־רשימהלע,

דאָן הילכט זײַן גרילציק, אויסגעקראָכן שטימעלע
און פֿרום פֿאַרגלאָצט די אויגן דרינגט ער הויך אַ פּשטל:
— היי, יונגערמאַן, איר קריכט אויף גלײַכע ווענט,
איר האָט אַליין זיך נישט דערקענט
און ס׳קומט דערפֿאַר אײַך סקילה, קומט אײַך, סקילה!

— — — — — — — — — — — — — — —

כ׳פֿאַרוויי דעם בייזן חלום מיט די שמייכלען מײַנע שטילע
און כ׳בענטש
אין תּפֿילה יעדן מענטש!
און כ׳נעם־אַרום אין אַרעמרינג
מײַן יוגנט — מײַן נשמה־זינגערן!

אוי, ליבער פֿרײַנד,
אויב הײַנט
די זון נאָך ווינציק שײַנט;
אויב איך בין יונג — — — —
וועל איך נאָך מער זיך יינגערן!
און גערן שטאַרק, צי אומגערן,
וועט יעדער בליק נאָך יוגנט־שמייכלען הונגערן!

פיר־שורהדיקע

קדושה

איך און זי און אונדזער ליבע, אָנגענומען פֿאַר די הענט,
און אויך די זון אין הייסן פֿלאַקערן צעברענט,
און אויך דער אומזיכטבאַרער ווײַט און נאָענטער גאָט —
מיר אַלע גייען אין אַ שטילן, תּאַווהדיקן קאַרעהאָד.

קרבן מנחה

און, ראשית, האָסטו צערטלדיק די האָר געקעמט,
דערנאָך — אַ רויטקייט האָט באַפּורפּורט אונדז פֿאַרשעמט,
דערנאָך — האָסטו די שטראַלנהאָר געפֿלאָכטן,
דערנאָך — אַ בייזן פֿאַרגעפּיל מיט חלף־בליצן־בליקן אָפּגעשאָכטן.

אַ שמייכל

דײַן פּנים האָט געטאָן פֿאַר מיר צוערשט אין פֿינצטערניש אַ בלייכל;
און דו האָסט מיך דערזען; האָט עס געטאָן אַן אומענד־שמייכל
צו אַרבע־פּינות־עולם; האָט אַ לאַך געטאָן צו מיר די וועלט
פֿון אַלע זײַטן; און דער טרויער האָט זײַן אָטעם אָפּגעשטעלט.

אַ כּוס

— אָט האָסטו, פֿרײַנד, אַ פֿולן כּוס מיט ווײַן פֿון גליק!
נישט קוק פֿאַרויס, נישט קוק זיך אום צוריק!
מיט לאַנגן ישובֿ און טראַכטן נישט פֿאַרפֿלאַך עס —
און טרינק דעם ווײַן, איינס־צוויי, בנשימה אַחת!

בועז

— דאָס שטיק פֿאַרעלנטע, פֿאַרוואָרלאָזט הוילע לאַנד פֿון אלימלך —
פֿאַר דײַנעטוועגן אויסלייזן עס וועל איך!
פֿאַר דײַנעטוועגן, פֿאַר דײַן גליק
צוריק!

דאָס לאַנד פֿון אלימלך, דאָס אויסגעבענקט, פֿאַרעלנט שטיק!
און ס'וועלן זיך אויפֿסנײַ די פֿעלדער מיט אַ פֿרייד באַדעקן,
און ס'וועלן שוין אויפֿסנײַ די שמחה־לידער זיך דערוועקן,
און ס'וועט פֿון שרעקן אויסטאָן זיך דער הימלראַנד דער בלויער.

— —

שטייט בועז און ער וואַרט דעם גואל אָפּ בײַם טויער.

די קעניגלעכע רות

בײַ די כּורעים־פֿאַלנדיקע לעצטע שטראַלן
קלײַבט די זאַנגען, פֿון די גאַרבן אָפּגעפֿאַלן,
קלײַבט די לעצטע גילדערנע די זאַנגען־שטראַלן —
די קעניגלעכע רות.

— לאָזט איר, שניטער־יונגען, קלײַבן! לאָזט איר, ברידער!
ס׳גילדערן זיך פֿעלדער פֿון יהודה ווידער!
און פֿון שפֿע זינגען שניטערס, און מיט לידער
שיקט איר יעדערער אַ גרוס.

— לאָזט איר, ברידער, שניטערס, חסד־זאַנגען קלײַבן!
צווישן אונדז זאָל רות, אין אונדזער גבֿול פֿאַרבלײַבן!
ווער וועט העזה האָבן זי פֿון אונדז צו טרײַבן?!
צווישן אונדז לאָזט רותן!

זאָל זי שטילן דאָרשט פֿון אַלע, אַלע קוואַלן
פֿון אונדזערע, זיך קוויקן! שטראַלן־גליקן פֿאַלן
און די כּורעים־פֿאַלנדיקע זאַנגען, שטראַלן
פֿאַלן איר צופֿוסן...

●

און עס שײַנען קרוין־באַזוימטע ווייץ און גערשטן־גאַרבן,
און עס שפּריצט פֿון דער פֿאַרגייענדיקער זון מיט אַלע פֿאַרבן.
— „אַלץ פֿון אונדז איז — דײַנע, דײַנע!
זײַ געגריסט, אָ, קעניגלעכע שוועסטער מײַנע!“

איך, אַ פּורים־שפּילער...

(פּראָלאָג)

מיין אליעזר ליסיצקין

איך בין אַ פּורים־שפּילער היינט
און כ׳שפּאַס פון מיינע פריינד און פיינט!
און פון די קײַלעכדיקע מאַסקע־לעכער
פליט איצט מיין לאַכעדיקער בליק אַרויס —
אַריבער יעדן פּאַלאַץ, יעדן קליינעם הויז,
און פלאַטערט־אויף, און פליגל העכער,
אַריבער ימען, טײַך און טעכער,
און פליקט מיט דערנער יעדע רויז,
און קיצלט בײַ די זײַטן יעדן טרויס־פאַרשוועכער,
און גיט דעם שׂטן יין־נסך, בראַנד אַ פולן בעכער:
— היי, אַלטער שוטה, מיט די אויגן רויטע,
טרינק און זינג —
„המן איז אין דר׳ערד
און מרדכי — אויפן פערד!"
אין פרעמדע גלעקער קלינג,
אַז אויפשטיין זאָלן אַלע טויטע!
און לאַך! אָנציינערדיקער, טרוקנביינערדיקער, לאַך:
די פרומע קדושים און די חושים־פּרושים לאָז געמאַך!
און מאַך די קרום־העוויהלעך, די הינטיש־חנדעלעך אַ סך,
און שרײַ נישט, אַז די וועלט איז פלאַך!
און אויב דו זעסט נישט אַנדערש, נעם די אויגן און פאַרמאַך:
און — טראַך־טאַ־ראַ־ראַך! —
עס איז דאָך שלום ושלווה אויף דער וועלט!
עס העלט שוין אויף: אַ פרילינגזון אַ נײַע קוועלט,
און מענטשן קושן זיך אין לאַנד אין פרײַען,
און פעלקער זײַנען אָנגעטאָן אין גײַסט אין נײַעם,
און אויפגעבויט און אָפגעבויט איז אויך ירושלים!

היי, אסתּרל, מײַן שוועסטערל, דיר קומט אַ מלך־קושׂ
אַ קלייניקייט — פֿון הודו ביז כּוש
דערגרייכט דײַן צויבערפֿולע הערשנדע מדינה!
און דו אַליין ביסט מלכותדיק און שיין!
נאָר אויסגעטראַכט האָט ושתּי עס, אַז דו — דו ביסט אַ גרינע,
ס'האָט ושתּי אויסגעטראַכט אין קנאה־צאָרן,
די ושתּי אויפֿן שטערן מיטן האָרן...
נישט וואָר! עס האָט מײַן אסתּרל אַ פּנימל אַ קלאָרן!
אַ סימן, זעט, דער קלוגער מלך־טיפּש האָט זי האָלט,
און שפּילט זיך מיט דער רוט פֿון גאָלד...
און גיט איר אָפּ אין האַנט
אַ האַלבע לאַנד!

און המן? המן אויך, דער דורכגעטריבענער, דער אַלטער המן,
האָט אומגעביטן איצט זײַן קלינגענדיקן נאָמען,
פֿאַרקירצט, פֿאַרצויגן אים אויף Homo,
און אײַנגעקנייטשט, פֿאַראידלט די נשמה —
ער איז דער איינציקער, דער טרײַער אויף דער וואַך,
וואָס קעכלט זײַן מיזיניקל ויזתאָן...

און — טראַך־טאַ־ראַ־ראַך! —

ווער זאָגט, עס איז אַצינדערט אויף דער וועלט מלחמה?
אַ ליגן! קיינער ט'נישט געגאָסן!
— אומזיסט־אומנישט נאָר בלוט פֿאַרגאָסן!
און ס'פֿליסן טרערן איבער אַלע מאָסן!
ס'איז חי־געלעבט! ס'איז שׂמחה וששׂון!
און ערגעץ הערשט די נויט און הונגער!?
און ערגעץ ווילדעוועט אַ שטורעם פֿון יסורים!!

אוי, הײַנט איז פּורים,
און הײַנט בין איך אַ ייִד אַ יונגער —

און ס׳שמייכלען טרערן אויף די אומעטיקע אויגן!
און כ׳רייד אַזוי מאָדערן און פֿאַרצויגן,
און אײדלאַרטיק צו דעם ערבֿ־רבֿ געבויגן...
ס׳באַהאַלט די מאַסקע — פֿונעם ליכט
מײַן בלאַס און אויסגעפּײַניקט יונג געזיכט,
פֿון בליקן לעסטערדיקע אומגעריכט...

און ווער עס זעט, דערקענט אין מיר — פּיערראָ,
וואָס אָטעמט מיט דער צופֿעליקער חיי־שעה;
און כ׳גיי־אַרום, כ׳שפּאַציר־אַרום אין ווײַסן, ברייטן קיטל,
און כ׳זוך אַ לוסטיקן, בשׂמחהדיקן מיטל
צו אויסשפּאָטן פֿון פֿײַנט און פֿרײַנד,
ווײַל... כ׳בין נישט־מער —
אַ סתם בחינמדיקע טרער,
אַ ווילער יונג, אַ פּורים־שפּילער הײַנט!

פּורים־שיכּרות

„אָ, קיינער פֿון הערשערס פֿאַרמאָגט דאָך נישט, קיינער,
ווי איך — אַזאַ ליכטיק ברילִיאַנט!
איבער הונדערט און זיבן און צוואַנציק מדינות
פֿאַרשפּרייט איז מײַן הערשנדע האַנט.
און גרויס זײַנען אוצרות פֿון גאָלד און פֿון שטיינער
אין פּרס, אין גליקלעכן לאַנד“.

*

— „אָהער ברענגט די מלכּה און ווערן זאָל פֿריילעך:
די קעניגן ברענגט מיר אַהער!“
עס שמייכלט אין בענקען דער שיכּורער מלך
און ס׳ציטערט אין רופֿן אַ טרער:
— „אָ, ושתּי המלכּה, מײַן ווײַב די געליבטע,

„עס רופט דיך דעם מלכס באַגער!"
און ס'קוקן סריסים מיט אויגן באַטריבטע:
— „נישטאָ שוין די קעניגן מער!"
און ס'ציטערן־אויף אינעם צער די סריסים
און טרעטן פֿאַרצווייפֿלטע אָפּ:
„חרטה־געפֿילן — דאָס מוזן געווים אים
„פֿאַרחושן זײַן האַרץ און זײַן קאָפּ..."

*

— „אַהער ברענגט די מלכּה, און פֿריילעך זאָל ווערן,
זאָל הערן און זען זי די וועלט!
און אַלץ זאָל זי הערן און טרײַהײַט איר שווערן —
פֿאַר אויגן פֿאַר מײַנע געשטעלט!"

*

דער „מלך" איז שיכּור, און ס'ווערן אין צאָרן
געבוירן געדאַנקען פֿון ווײַן,
זכרונות — פֿאַרנעפּלטע, פֿאַרטויבטע געבאָרן
פֿון עפּעס אַ שווידערלעך פּײַן.

*

דער טאָג קומט געלאָדן מיט נײַע באַגערן,
פֿון נאַכט און פֿון שוואַרצקייט געוועקט — — — —
און אסתּר — — אַ ליכטיק פֿרימאָרגן־גרין שטערן
ווערט טיף אין מײַן האַרצן אַנטפּלעקט.

הבדלה

אַ שווערער, זילבערנער, אַן אַלט הבדלה־בעכער פול מיט ווײַן,
און כ׳קוק אין אינעווייניק טיף אַרײַן,
און טונקל בליקט פון דעם אויף מיר און ציטערט מײַן געזיכט
אין שימערשײַן פון אויסגעפלאַכטענעם הבדלה־ליכט —
און לאַכט צו מיר מיט ווײנענדיקע, ווײנענדיקע אויגן גרויס אַ פּאָר,
צופרידן־טרויעריק ביז גאָר!
און אויגן רײדן עפּעס מאָדנע דײַטלעך קלאָר,
נאָר כ׳קאָן נישט די באַדײַטונג, זייער מיין פאַרשטיין,
און כ׳זע און כ׳פיל זיך איצט אַליין — —
אַך! פלוצלינג ווערט דאָס ליכט פאַרלאָשן אין די הענט.
עס שווימען אין דעם חושך ווײַט אַוועק פון מיר די ווענט
און איך — איך ווער פון פינצטערניש פאַרבלענדט,
און בנשימה אַחת טרינק איך אויס דעם גאַנצן כּוס...

— — — — — — — — — — — — — — — —

— האַ? וואָס?... מיט מיר געשען — וואָס איז עס?... וואָס?...
כ׳האָב אויסגעטרונקען זיך אַליין, זײַן גופא מיטן ווײַן,
און ס׳איז פון שפיגלען זיך די שיכּרות טיף אין מיר אַרײַן.

און האַלטנדיק אַ פּוסט הבדלה־בעכער, מאַך איך „בורא פּרי הגפן“,
און ס׳זײַנען מײַנע אויגן אויפגעריסן אָפן.

צער־ליליען

(טריאָלעטן)

1

איך טראָג אויף מײַן קאַרק דעם באַרג סיני פֿון ליבע;
און װעל איך נאָר צוױיפֿלען — באַגראָבט מיך דער באַרג.
אין טעג און אין נעכט פֿון די אומעטן טריבע
איך טראָג אויף מײַן קאַרק דעם באַרג סיני פֿון ליבע;
און כ'װײס ניט פֿון װײטיק פֿון מײַנעם די סיבה.
און שטאַרק איז מײַן טרער — מײַן בטחון איז שטאַרק,
װען כ'טראָג אויף מײַן קאַרק דעם באַרג סיני פֿון ליבע!
און װעל איך נאָר צוױיפֿלען — באַגראָבט מיך דער באַרג.

2

דײַן טרער זוכט אין װאַנדלען — דערלײזונג אַ תּיקון,
און פֿאַלט דאָך לסוף מיר אַרײַן אין מײַן האַרץ
אַ פּערעלע טרויער פֿון אוצר אַנטיקן.
דײַן טרער זוכט אין װאַנדלען דערלײזונג אַ תּיקון,
אַ טויעלע פֿאַלט אויף די דאָרשטיקע גליקן,
דײַן טרער איז געפּאַסט אין דײַן אויגרינגל שװאַרצן.
דײַן טרער זוכט אין װאַנדלען — דערלײזונג אַ תּיקון,
און פֿאַלט דאָך לסוף מיר אַרײַן אין מײַן האַרץ.

3

װאָס איז אויף די לוחות אויף מײַנע געשריבן
געװען פֿון מײַן יונגן נשמה־געדאַנק?
װאָס שטויב איז פֿון זײ נאָר אַ הויפֿן געבליבן!
װאָס איז אויף די לוחות אויף מײַנע געשריבן
געװען? ניט מער — װי נאָר ליבן און ליבן!
דער שטויב איז פֿאַרטריבן. אויף אײביק? אויף לאַנג!
װאָס איז אויף די לוחות אויף מײַנע געשריבן
געװען פֿון מײַן יונגן נשמה־געדאַנק?

4

ס׳איז שפּעט שוין בײַנאַכט. און עס רוט ניט מײַן בענקען,
עס הערט זיך אַ שפּילן פֿון קלעזמער אין גאַס.
אַ שפּאַס — צי דײַן הייליקייט וועל איך געדענקען?
ס׳איז שפּעט שוין בײַנאַכט... און עס רוט ניט מײַן בענקען;
מיט טרערן צי קאָן מען דעם אומעט פֿאַרשווענקען —
זיך שענקען חטאים? פֿאַרוואַנדלען אין שפּאַס.
ס׳איז שפּעט שוין בײַנאַכט און עס רוט ניט מײַן בענקען;
עס הערט זיך אַ שפּילן פֿון קלעזמער אין גאַס.

5

מיר דוכט זיך, עס גיסן זיך אויס דיר די אויגן,
ווען ווײַנען דו ווײנסט אויף דעם קבֿר פֿון טרוים.
פֿאַרבײַ איז די ליבע — אַ טויב אונדז געפֿלויגן,
מיר דוכט זיך, עס גיסן זיך אויס דיר די אויגן;
איך האָב זיך פֿאַר אימה אין דרײַען געבויגן,
אַ קנויל אײַנגעצויגן — מײַן האַרץ ווערט אַ תּהום.
מיר דוכט זיך — עס גיסן זיך אויס דיר די אויגן,
ווען ווײַנען דו ווײנסט אויף דעם קבֿר פֿון טרוים.

6

איך גראָב איצט אַ קבֿר, פֿון אײַזן — דער רידל.
וואָס זוך איך אין קבֿרז מײַן טרויעריק האַרץ?
איך גראָב איצט אַ קבֿר און כ׳זינג מיר אַ לידל.
איך גראָב איצט אַ קבֿר, פֿון אײַזן — דער רידל.
מיך זידלט אַ קבֿרן, אַ שפּיציקער ייִדל,
וואָס האַלט איצט ס׳משוגענע פֿידל — מײַן האַרץ...
איך גראָב איצט אַ קבֿר. פֿון אײַזן דער רידל.
וואָס זוך איך אין קבֿרז מײַן טרויעריק האַרץ!

1921

טוי

(טאַנקעס *)

מײַן הימל איז בלוי —
אויסגעשטערנטער פרומער.
און דו ביסט דער טוי —
פון דעם האַרבסטאָוונט קומער,
צי פון זונאויפגאַנג — זומער?

〰

און שיר השירים
איז מײַן ליבסטערס געזאַנגען.
צו קושן איר שטים,
צו פאַרנעמען די קלאַנגען —
דאַרף מען הימלען דערלאַנגען.

אַ הירש איז דײַן בליק,
וואָס וועט קיינעם פאַרמײַדן,
פיל קוראַלן פון גליק
טויען ברעמען פון לײַדן —
די פרוכטלעך זײַדן.

〰

כ'זע שטענדיק דעם שײַן
פון דײַן בליציקן שטערן.
סײַ שיכור פון ווײַן —
פון די אייגענע טרערן,
סײַ — אין ניכטערן קלערן.

אין פינצטערע נעכט
זוכט דײַן שטערנדל, לויערט —
פון חושך פאַרקנעכט.
מיט זײַן העלקייט פאַרטרויערט...
זאָג מיר: שיינקייט געדויערט?

〰

ביסט מיד, ווי אַ טויב
אויף דער נאַכט נאָכן פלײַען.
דײַן קעפל דערהויבט,
ווען דײַן ליבסטער טוט ·קנײַען,
אויב — דו ווילסט זיך באַמײַען.

איך וואַקל זיך, כ'פאַל
אויף די זאַמדן וואָס ברײַען.
מײַן תפילה איז „טל״,
כ'מוז זיך פאַלן באַמײַען,
ווײַל — מען טאָר דאָך ניט קנײַען.

〰

דער האַרבסט פויקט אין שויב
מיט אַן אומעט אַ נײַעם.
און נאָנט פליט אַ טויב,
נאָכן חורבן... פאַרבײַ אים —
פון מײַן האַרץ — ירושלים.

עס נידערט אַ טוי,
פאַלט אויף פעלדער פון שלאַכטן
— צי ווייסטו גענוי,
וואָס אַ ריטער קאָן טראַכטן —
מיט אַ וווּנד אַ פאַרמאַכטן?

---

* טאַנקי ווערט אָנגערופן אַ יאַפּאַנישע פאָרעם פון ליד אין 5 שורות, וועלכע גראַמען זיך — 1 מיט 3 און 2 מיט 4 און 5.

נסתרות

לכבוד ד. פרישמאַן

אַ בלויער סאַמעט־יאַרמלקעלע קליין,
און ס׳באַמבלען זיך צוויי לאָקן־פּאותלעך געקרײַזלטע, מלא חן,
אַן אַטלעס־זשופּיצל... אַ רויטע טיכל שיין
און זאָקן ווײַסע, זײַדענע, געצויגן ביז די קני.
איך טו מײַן שאַרפֿע ציגן־בערדעלע אַ צי —
און כ׳פֿלי!
און ס׳ווערט די גרויסע ערד — אַן ערדעלע ווי קליין!
און ס׳האָבן שטערן טויזנט טעם און טויזנט חן.
און אַלע וועלטן, אַלע וועלטעלעך — אוי, אוי, ווי שיין!
און איך אַליין ווער גרויס — אַ, גאָט, אַ ריז!
און כ׳גיב פֿון גרויסן הימל זיך מײַן חלק עולם־הזה שטיק אַ ביס.
ס׳איז בלוי און זיס!...
אַ פֿלי אַהין, אַהער! ס׳געדויערט ווי אַ ווונק, ניט מער,
און איך באַשאַף די שטערן און צעשטער.
און קיינער קאָן מיך ניט און פֿרעגט ניט: „ווער איז דער”?
און כ׳קלער מיר אָפּטערס, ווי ס׳איז ווויל — איך פֿלי,
און קיינער זעט מיך ניט, קיין בייזער בליק פֿון הי — —
און כ׳פֿלי...

זינגען איז דער עיקר

אַ סצענע פון משה בראָדערזאָנס אָפּערע דוד און בת־שבע, בעת בת־שבע (רות לעוויאַש) זינגט דודן (משה רודינאָוו) אַ וויגליד

מוזיק — דוד בייגלמאַן



יידן שמידן

●

יידן שמידן, זינגען,
זינגען איז דער עיקר;
קלינגען אײַזנס, קלינגען,
שפריצן פֿונקען שטיקער.
היי, היי, ווייל דעם
שמידער,
ווייל איז אים און גוט,
זײַנע שטאָל- און
אײַזן-גלידער
צינדן אונדז דעם מוט.

מענטשן, נעבעך, בלינדע
אין דער פֿינצטער טאַפּן,
דאַרף מען זיי אַצינדער
פֿאַרקעווען צוקלאַפּן.

היי, היי, ווייל — — — (אאז״וו)

צער און צאָרן גליִען,
ווילן דווקא פֿרײַ זײַן,
דאַרף מען איבערשמידן
שווערד אויף אַקעראײַזן.

היי, היי, ווייל — — — (אאז״וו)

הירש־דוד

מוזיק — דוד בייגלמאַן



— אַ גוטמאָרגן דיר,
הירש־דוד!
— אַ גוטמאָרגן, זרח!
— כ'האָב געהערט, האָסט
מיט מזל
אויסגעפּאַרקויפּט דעם
צוואָרעך*.
— נישט דעם צוואָרעך,
נאָר דאָס מילכיקס
אויסגעפּאַרקויפּט אין גאַנצן,
לאָמיר לייגן האַנט אויף
אַקסל,
לאָמיר טאָקע טאַנצן!

אײַ־די, דידל־די,
די־די־די...

— אָ, הערש־דוד, וואָס
מאַכט דײַן ווײַבל,
כ'מיך, דײַן שׂרה־חיה?
אַט די קאַבילע** זי
שערט זיך
לויט די מאָדעס נײַע.
אויסגעטאָן פון זיך דאָס
שײַטל
ידישקייט אין גאַנצן —
איבער קוימענס, איבער
דעכער
גייען שדים טאַנצן.
אײַ־די, דידל־די, די־דל־די...

* ווייסע קעז, ווייכע, איידער סזווערט פאַרהאַרטעוועט. — ** (פויל') אַ קליאַטשע.

— כ׳האָב אַ מויד, אַ כשר קעלבל,
דו אַ זון, אפֿרים,
מ׳וועט זיי מאַכן אַ געוועלבל,
לאָמיר שרײַבן תּנאים.
כאַ־כאַ־כאַ, צוויי מאות זילבער
גיב איך זיי אין גאַנצן,
איבער פֿעלדער, איבער וועלדער
וועלן ייִדן טאַנצן.
אײַ־די, דידל־די, די־די־די...

וואַסערטרעגערס

ערד און שטיין איז דאָס געלעגער
פֿון די בידנע וואַסערטרעגער.
שטייט מען אויף כאור ואור
מיט די עמערלעך אַ פּאָר;
טראָמפּלט מען אַרויף, אַראָפּ,
שלעפּן וואַסער טראָפּ נאָך טראָפּ.
ווי אַ הויקער דריקט דער עול,
שווערער ווערט ער וואָס אַ מאָל.

ווערן ווינטערנעכט אַלץ בלאַסער,
ברוך השם מען שלעפּט דאָס וואַסער.
היי, היי, זאַווערוכעס!
היי, היי, צעקאַכטע יוכעס!
וואַסערטרעגער שעפּן וואַסער,
טראָגן וואַסער, מים חיים,
בשורות איז מען אײַך מבשׂר,
אַז ס׳וועט ווערן אומעטום אַ וועלט אַ נײַע.

שפּײַ־אַרײַן אין די ידים,
ס׳וועט נאָך גוט זײַן, פֿעטער חיים,
ס׳וועט נאָך זײַן אַ גוטער סוף
ווײַל עס לעבן ל״ו,
לאָמעד וואָוו צדיקים, אוי,
טראָגן וואַסער אָט אַזוי,
אָן אַן אויפֿהער שעפּ און שלעפּ,
קלעטער אויף די הויכע טרעפּ.
ווערן ווינטערנעכט אַלץ בלאַסער — — — (אאַז״וו)

ס׳פֿײַפֿט און קריכט־אַרום דער דלות
מיט צעריסענע שטיוואַלעס,
סמאַליעט, ס׳צופּט דער פֿראָסט און פֿרעסט,
פֿרירן קינדערלעך אין נעסט,
נישט געגעסן דרײַ מעת־לעת —
אַז מען זשיפּעט, איז אַ נס.
נאָר ס׳גייט־אויף אַ נײַער קול
העלער, ליכטיק ווערן זאָל!
ווערן ווינטערנעכט אַלץ בלאַסער — — — (אאַז״וו)



פראַגמענטן

ווער לייענט אונדז...

(מעלאַנכאָלישע געדאַנקען פון אַ בריוועלע)

...אויף מײַנעם אַ רעציטאַציע־אָוונט בק״ק קאַליש איז געקומען אַ בחורל פון אַ קליין שכניש שטעטל מיך אָנקוקן. אָנקוקן דעם פּוטר־ריסט בראָדערזאָן, צי איז עס נישט אַן איינהאָרניקע חיה מיט אַ ווײדל און מיט אַ פּעל באַדעקט.

**
*

אין לאָדזש גופא האָט מיך אָנומלט אַ ייִד, אַ צײַטונגלעזער, געטראָפן און צווישן אונדז איז פאָרגעקומען אַזאַ שמועס:

ער: איז ווי גייט עס אײַך?

איך: נישקשה — אויף צרות!

ער: פון אײַער שרײַבן האָט איר עפּעס? ס׳לוינט אײַך?

איך: הם... סטײַטש? שײַך צו זאָגן!

ער: איר ווייסט, די וויצן אײַערע, וואָס איר שרײַבט, פאַרשטיי איך נישט!

הייסט עס, אַז איך שרײַב וויצן. און אַזעלכע וויצן, וואָס מען פאַרשטייט זיי נישט!

**
*

הערשעלע (אַ פאָלקסמענטש) שמועסט בזה הלשון:

— כאַפּט זיי דער וואַטנמאַכער. אין ניו־יאָרק, זעסטו, אין אַמע־ריקע, איז דאָ אַ געזונטער ייִדישער לייענער! האָסט געזען: אַזוי פיל צײַטונגען! אַזוי פיל ביכער גייען דאָרט אַרויס! אויסגעצייכנטע לידער־שרײַבערס און פּראָזאַיקערס!

— אמת טאַקע! אויסגעצייכנטע! ווי מען דערציילט מיר אָבער, איז דאָרט דער קאָנטינגענט לייענערס נאָך אַ באַגרענעצטערער, נאָך אַ אינדעפּערענטערער.

אמת טאַקע, ביכער ווערן דאָרט פֿאַרהעלטנישמעסיק פֿאַרקויפֿט.

און אויף אַזאַ שטייגער:

גרינגע האָבן זיך שוין אויסגעגרינט, גאָל געוואָרן. געקומען צו אַ פּאָר גילדן און שאַפֿ — האָט מען חתונה. און אַז מען האָט חתונה — קויפֿט מען זיך מעבל. און אַז מעבל און אַז אַ ספֿרים־שענקל (סימן אינטעליגענטישקייט), דאַרף מען אָנפֿולן מיט ביכער. האַנדלט מען איַין בייַ דעם ביכער־אַגענט אויף פֿון אַ רעשטל געשטאָרבענע קלאַסיקערס מיט גאָלדענע רוקנס.

גראָבע ביכער גייען שיין!

דינע בלייַבן אַליין!

עס זייַנען דאָ גראָבע ביכער און דינע ביכער!

די קלאַסיקערס שטייען ווי די זעלנערס, פֿייַערלעך, אין גלייַכע רייען, אין די אַלמערלעך, און די יונגע שרייַבן פֿאַר זיך און קיבעצן איינער דעם אַנדערן:

— הלמאַי טאַקע האָט באַלזאַק געמעגט אָנשרייַבן אַ ראָמאַן, אַרויסגעבן אים אין איין עקזעמפּליאַר און אָוועקשענקען איינער אַ דאַמע?

— וואָרום מען שרייַבט דאָך נאָר פֿאַר זיך...

— אַ ליגן, אַ ליגן! שקר וכזב!

**
*

וועגן די כעלעמערס דערציילט מען אַזאַ מעשׂה:

ויהי היום, איז דעם כעלעמער רבֿ, רבי לעמעשקע זצ״ל, געקו־מען אויפֿן זינען אַ מחשבֿה, אַז משיח דאַרף בקרובֿ בימינו אָנקומען אויף זיין ווייַסן אייזעלע — אין דער וועלט אַרייַן. עס איז שוין רעכטע צייַט געקומען. האָט ער קהל גערופֿן, אַן אסיפֿה געמאַכט און בהסכם פֿולם איז געבליבן, אַז היות, אַזוי ווי כעלעם ליגט אַ ביסל

אָפּגעלייגט אין דער צײַט פֿון דער וועלט — פּראָפֿעסאָר X זאָגט, אַז דאָס איז די סיבה, וואָס די זיטן און מנהגים, ווי אויך די אייגנאַרט איז בײַ די כעלעמער עד היום קאָנסערווירט, און היות אַזוי ווי משיח וועט בקרוב בימינו, געוויס קומען, און אַזוי ווי כעלעם איז אין אַ צײַט אָפּגעלייגט און משיח קאָן חס ושלום אויסמײַדן די שטאָט, בכן איז געבליבן בהסכם כּולם, מען זאָל דינגען דעם שמש — ער זאָל אַכטונג געבן, צי ער רײַט נישט, צי משיח איז שוין נישט אַרויס אין דער וועלט. כעלעם איז כּידוע אַן אָרעמע קהילה, האָט מען דעם שמש באַשטימט דערפֿאַר צוויי גילדן אַ וואָך שכירות — נישט מער.

קלאָגט זיך, נעבעך, דער שמש, וויינט מיט ביטערע טרערן:

— סטײַטש, איך האָב אַ ווײַב מיט קינדערלעך, אַ מענטש מיט אַלע מענטשן גלײַך. איך וויל אויך עסן.

טרייסט אים דער רבֿ, ר׳ לעמעשקע זצ״ל:

— ביסט גערעכט, ביסט טאַקע גערעכט, אָבער וואָס קאָן מען דיר העלפֿן? פֿון וואַנען נעמט מען? פֿאַרגעס נישט, ס׳איז טאַקע קנאַפּ שכירות, אָבער דו וועסט עס באַקומען בײַ דײַן גאַנצן לעבן, אייביק וועסטו עס האָבן, ביז משיח וועט קומען.

*****

אויך מיר, יידישע דיכטערס, קיין עולם הזה האָבן מיר נישט, אָבער כּבוד און עולם הבא — ביז משיח וועט קומען...

צו וואָס?

אין דער גאָר־לעצטער צײַט איז אויף אונדזער ליטעראַרישן מאַרק געוואָרן אַקטועל אַ מין חולאת ר״ל, וואָס איך האָב קיין אַנדער נאָמען נישט פֿאַר איר ווי —, ליטעראַרישע היפּאָכאָנדריע!

מען שרײַבט, און מען שרײַבט, און מען שרײַבט —
מען דרוקט, און מען דרוקט, און מען דרוקט —
און אַלע אויף איין קול:

— אינדז גײַע־מאַ־אינטאַ! (אויפֿן פּוילישן דיאַלעקט) און — מיר גייען אונטער (אויף ליטוויש).

וואָס גייט אונטער? ווער גייט אונטער? פֿון וואַנען נעמט זיך די פּאַניק?

איך ווייס נישט ווער עס איז געווען דער איניציאַטאָר און דער באַגײַסטערער פֿון דער מרה־שחורהדיקער אַרמיי.

צו דעם ענין האָבן שוין אויך צוגעלייגט זייערע טאַלאַנטירטע הענט: לייוויק, גלאַזמאַן, מנחם. און לויט מײַן אָריענטירן זיך אין ראַוויטשן — רעדט אויך ער וועגן דעם אינעם דיסקוסיע־אַרטיקל „וועגן די פּערספּעקטיוון פֿון דער יידישער ליטעראַטור".

דאַכט זיך, מאָדערנע מענטשן — מײַנע ליבע חבֿרים — און דאָך, זאָלן מיר מוחל זײַן, אַזעלכע וויינערס, אַזעלכע קלאָגמוטערס פֿון מאַנסבילשן געשלעכט...

און אַ קאָנסעקווענץ? אַ קאָנסעקווענץ — אָפּגעהיטן זאָל מען ווערן — אַ ריין־ווײַבערישע! אַ נערוועזע! אַ בשום אופֿן נישט אויס־געהאַלטענע!

לייענט מען ברוך גלאַזמאַנס ווידוי „פּיאָנערן" *, דוכט זיך אויס: אָט־אָט פֿאַלן זיי, די אַמעריקאַנישע הימלען, אויף אונדזערע איינ־זײַטיקע פּיאָנערן, און ס'עקט זיך אונדזער... ביכערוועלט...

... בײַ אונדז, פּונקט להיפּוך, האָבן נאָך אַ תּיקון, אַ צו־גרויסן תּיקון, פֿאַרשיידענע מינדערווערטיקייטן אויפֿן ליטעראַרישן, מוזי־קאַלישן, מאַלערישן און טעאַטראַלישן געביט!

נישט צו פֿאַרזינדיקן!

און אַז גוטע ביכער גייען שלעכט — אַ גוט בוך — מוז האָבן אַ גוטן לייענער. אַ גוט בוך — מוז האָבן אַ דערצויגענעם, דאָס איז גאָר נישט קיין חידוש, לייענער.

איך וועל געבן נאָענטע בײַשפּילן:

---

* ביכער־וועלט נ׳ 2, וואַרשע.

אַז מען חזרט אין דער שול אויף אויסטוויניק, „דזשיאָדי״ — קאָן מען דערנאָך תּופֿס זײַן „טשיהאָניע נאָ באָגאָ״.

אַז איך האָב, בעוונותי הרבים, געזובערוועט * אויף אויסטוויניק „פּאָלטאַווע״, „טשודען דניעפּער״ און שטיקער פֿון „דעמאָן״ — האָב איך שפּעטער הנאה געהאַט פֿון יעסעינינען, פֿון לייוויקן, גלאַזמאַנען, בראָדערזן... (אַך, מײַן גאָט, ווי אומבאַשיידן!) און איך האָב געוווּסט, ווי - צו ליבן און לויבן מײַנע ייִנגערע און עלטערע קאָלעגן אויף ביידע זײַטן פֿון ים, און ווי נתפּעל ווערן פֿון דער הערלעכער „כּישוף-מאַכערן פֿון קאַסטיליע״...

... עפּעס מיר נישט, דיר נישט, הייבן מיר זיך אָן צו פּילפּולן וועגן דעם „קיום פֿון אומה און שפּראַך״, און מיר באַיאַמערן זיך און מיר באַקלאָגן זיך, און מיר מאַכן זיך רעקלאַמע דאָרט, וווּ מיר דאַרפֿן עס לחלוטין נישט האָבן!

מען קאָן דאָך נישט קומען מיט אמתער ליבע צום פֿאָלק, און זאָגן: קויף מיך... קויף מײַנע ביכער!...

איך זאָך מוז אָבער פֿאַר אונדז קלאָר זײַן, אַז אויב דאָס פֿאָלק „קויפֿט״ אונדז נישט, אַפֿילו בײַ די גרעסערע יללות און שטומע פֿאַרוואָרפֿן — איז עס נאָר אַ באַווײַז, אַז עס האָט נישט פֿאַר וואָס. זיי ווילן נישט טרינקען שאַמפּאַניער און באַגענוגענען זיך מיט עפּל-קוואַס!

אַז דאָס פֿאָלק אָבער דאַרף אונדז, מוז אונדז, צוזאַמען מיט אונדזער ליטעראַטור און שפּראַך, האָבן — איז אויך דאָ אַ סימן.

והאָ ראיה — מיר זײַנען!

טאָ, וואָס באַדײַט עס, אויב אַזוי, דאָס שטענדיקע צולייגן צו דער נאָז אַ פֿעדער און דאָס אויספּרוּוון, צי מיר לעבן נאָך צי ניט?

צו וואָס שרעקן און אָנוואַרפֿן אַ פּחד און אַרומגיין מיט טרויעריקע מתים-פּנימער?

און צו וואָס זיך אַליין טרייסטן מיט פּילפּול?

1924, אין פּוילן

---

* געלערנט, צו קענען „ווי אַ וואַסער״.

גייען מיר ארומגעגומען

לידער פאַר קינדער

מיט מוזיק פון ישראל גלאַדשטיין

שבת־צו־נאַכטס



קלינגען גלעקער,
קלינגען גלאָקן —
בים און באָם;
זינגט דער זיידע,
זינגט דער זקן —
באַם און באָם;
זינקען שטראַלן,
פֿאַלן, פֿאַלן —
פֿלים און פֿלאָם;
זאָגט די באָבע
שיינע דאַבע:
„גאָט פֿון אַבֿרהם"...

— אַ גוט וואָך דער
וועלט, דער גאַנצער —
אַ גוט וואָך!
— טאַטע, נאָך
הבֿדלה־ווײַן,
אַ ביסל נאָך!
— מאַמע, מאָרגן,
ווײַטער זאָרגן —
אין דער קראָם?
קלינגען גלעקער,
קלינגען גלאָקן —
בים און באָם.

בלומען

פעלדער גרינען, וועלדער
רוישן —
גייען מיר מיט פולע קוישן
בלומען אָן אַ שיעור...
גייען מיר אַרומגענומען
און באַקראַנצט מיט יונגע
בלומען
אין דעם בונטן ציר...



זינגען, שפּרינגען מיר און
טאַנצן
און פון גליק די אויגן
גלאַנצן
בלומענדיק און רייך!
ווער באַקראַנצט וויל זײַן פון בלומען,
זאָל צו אונדז, צו אונדז זאָל קומען,
קומען זאָל צו גייך!

מירן אָפּגעבן אין גאַנצן!
און אין פעלדער ווײַטער טאַנצן,
לאָזן ווײַט זיך גייך!
לאָזן ווײַט זיך גיך, געשווינדער,
ווײַל מיר זײַנען אַלע קינדער —
בלימעלעך אַליין!

היי, איר, ברידער, שוועסטער, פריילעך,
ווי שולמית, שלמה מלך —
קומט אויף בלומשפּאַציר...
פעלדער גרינען, וועלדער רוישן —
גייען מיר מיט פולע קוישן
בלומען אָן אַ שיעור

אַ ליד פון אַ נאַריש יינגעלע

היי! היי! היי!
וואָס שרייַט דאָס פּערד אַזוי?
וואָס רופט דאָס פּערד אַזוי?
וויי! וויי! וויי!
דאָס פּערדל וויל דאָך היי!
דאָס פּערדל חלשט היי!
היי! היי! היי!
וואָס טויג דיר דײַן געשריי?
פּערדעלע, אוי, וויי!
היי! היי! היי!
אָט, לויף איך. אָט, איך גיי.
אָט, קום איך — איינס און
צוויי,
היי! היי! היי!
אָט האָסטו דיר אַ „ה״ —
אין סידורל אַ „ה״!



ציפעלע

עס האָט די קליינע ציפּעלע
פאַרביסן זיך אַ ליפּעלע...
— אוי, ציפּעלע, וואָס וויינסטו?
אַן עפּעלע — דאָס מיינסטו?
— אוי, ניין, ניין, ניין,
ווער זאָגט עס, אַז איך וויין?

עס האָט די קליינע ציפּעלע
פאַרקניפּט דאָס מויל — אַ קניפּעלע...
— אוי, ציפּעלע, וואָס וויינסטו?
צווי עפּעלעך — דאָס מיינסטו?
— אוי, ניין, ניין, ניין,
ווער זאָגט עס, אַז איך וויין?

און ס׳טרייסלט זיך איר קעפּעלע
צוזאַמען מיט איר צעפּעלע.
— אוי, ציפּעלע, וואָס וויינסטו?
צווי עפּעלעך — דאָס מיינסטו?
— אוי, ניין, ניין, ניין!
איך וויל אַ קוש — נישט מיין!



אַ יתומל

— וואָס ביסטו, יינגעלע, אַזוי פֿאַרטערערנט?
וואָס ביסטו, יינגעלע, פֿאַרטראַכט?
— אַך, מײַן הימל איז נישט אויסגעשטערנט,
פֿינצטער, פֿינצטער איז מײַן נאַכט.

אַך, געשטאָרבן איז מײַן טאַטע־מאַמע!
ס'האָט אַ וואָלקן זיי פֿאַרשטעלט:
הויך אין הימל זײַנען זיי מסתמא,
כ'בין אַליין דאָ אויף דער וועלט...



אַכט אַ זייגער



זינגט דאָס זייגערל פֿאַרצויגן:
בים און בים! געשלאָגן אַכט.
צײַט צו עפֿענען די אויגן:
ס'איז אַוועק, אַוועק די נאַכט...
טיק און טאַק — דער פּאַמפּעדיקל
גייט זיך ווײַטער אום זײַן וועג;
נאָך אַ שטיק און נאָך אַ שטיקל:
ס'איז דער וועג גאָר אָן אַ ברעג!
און די זון דערווײַל שפּאַצירט זיך,
צירט זיך אויס אין פֿלאַמענגאָלד.
אַלדאָס לעבעדיקע רירט זיך
מיטן טאָג, וואָס איך האָב האָלד;
גייט די זון זיך לייגן שלאָפֿן:
צײַט שוין אונדז צו מאַכן נאַכט!
און דער זייגער פּונקט געטראָפֿן,
קלינגט פֿאַרשלאָפֿן אויסעט — אַכט...



טייבעלע

פֿליִען, פֿליִען, טײַבעלעך,
ווײַסע, ווײַסע הײַבעלעך,
פֿליִען אין דער הויך
צו דעם וואָלקן רויך...

אין דעם הימל באָדן זיך,
מיט דער בלויקייט לאָדן זיך,
טוקן זיך אין ליכט,
אין דעם גאָלד געדיכט.

און דערנאָך — געלאַסענע,
מיד, ווי נאָך אַ חתונה,
קומען זיי ווי געסט —
יעדערע אין נעסט...

זייער היים איז פֿרײַע וועלט.
הימל איז דער טרײַער צעלט.
רופֿט צו פֿרײַער לופֿט:
קוועלט די וועלט און רופֿט,

פֿליִען, פֿליִען טײַבעלעך
מאַנסבילן און ווײַבעלעך...
און מײַן אויג באַגלייט
טויבן; קינד און קייט!

זומער־פייגעלעך



היפ, היפ, היפ! ציפ, ציפ, ציפ!
פייגעלעך, פייגעלעך, כ'האָב אײַך
ליבּ!

קומט אַהערצו, פייגעלעך,
פשרע איר אייגעלעך!

איינע מיט אַ ווײַסן בײַכל,
מיט אַ קולעכל — אַ מאַכל,
מיט אַ שנאָבל דין און שפּיציק
זינגט אַ לידל: „איציק... איציק!“

קומט אַהערצו, פייגעלעך,
פשרע איר אייגעלעך!

און אַ צוויטשערל אַ קליינער
מיט אַ שטימעלע אַ ריינער,
אויפן העלדזל מיט אַ שנירל
רופט אַ צווייטער: „צירל... צירל!“

היפ, היפ, היפ! ציפ, ציפ, ציפ!
פייגעלעך, פייגעלעך — כ'האָב אײַך ליבּ!

דער האָן

קו־קאָ־רעקו, האָן!
וואָס־זשע ווילסטו טאָן?
— כ׳וויל אין חדר גיין
קאָן איך נישט — אַליין!

קו־קאָ־רע־קו, האָן!
וואָס־זשע זאָגסטו אָן?
— כ׳זינג עס, יונגעלײַט,
אויפֿשטייך איז שוין צײַט!

וואָס־זשע שרײַסטו, האָן?
ס׳טוט דיר ווײ אַ צאָן?
שאָקלט האָן מיט באָרד:
— ניין, אויף ערנוואָרט!

וואָס־זשע ביסטו רויט?
ווילסטו אַ ביסן ברויט?
קו־קאָ־רע־קו תּם,
וואָס איז רויט דײַן
קאַם?

ווערט אין כּעס האָן,
ווייסט נישט וואָס צו טאָן:
פֿליט ער, ציט ער אָפּ...
— דרייט מיר נישט
קיין קאָפּ!



דרײַ שלײַען



אינעם טײַכעלע
דרײַ שלײַען
שווימען־אום צוזאַ
אין דרײַען...
ערשט פֿון ווײַטן
שווימט אַ העכט:
— טאַטע, גאָט,
ס'איז שלעכט!

אינעם טײַכל
שרײַען שלײַען,
ווילן זיך פֿון העכט
באַפֿרײַען...
גיט דער העכט אַ
רעכטן שפּרונג:
שלונג און שלונג
און שלונג!

און דערשלונגען
אַלע דרײַען,
אַלע שלײַען,
אַלע שלײַען...
איז דערפֿאַר ר' העכטלס קאָפּ
הײַנט געווען
אין טאָפּ!

פישעלע לויפער

— פּישעלע, וואָס לויפּסטו?
וואָס לויפּסטו אָן אַ זין?
— איך לויף! איך לויף אַהין!
איך לויף... איך לויף אַהין!

— פּישעלע, וואָס לויפּסטו?
וואָס לויפּסטו ווײַט אַוועק?
— איך לויף אין יענעם וועג!
איך לויף אין יענעם וועג!

— פּישעלע, וואָס לויפּסטו?
וואָס לויפּסטו צו דער בריק?
— איך זוך... איך וויל צוריק!
איך זוך אַ פּור צוריק!



אַ בהמהלע



מו־מו־מו, בהמהלע,
דײַן היימעלע איז ווו?
ענטפֿערט דאָס בהמהלע:
מו און מו און מו!

— וואָס איז טײַטש, דאָס מו׳מען דײַנס?
פֿון „מו״ וואָס איז דער טײַטש?
פֿרעגט אַ פּאַסטוכל אַ פֿײַנס,
קנאַקט ער מיטן בײַטש!

— סטײַטש, דו ווייסט נישט, וואָס איך מיין?
טו לאָז מיך! לאָז צו רו!
דאַכט, אַ טויבער קאָן פֿאַרשטיין —
ברוגזט זי זיך — „מו״!

— מו? אַהאַ, איך ווייס שוין וואָס,
בהמהלע וואָס ווילו?
טרײַבט עס ס׳פּאַסטוכל פֿון גראָז
צו דער מומען שטיל... —

מע־ע־ע!

ציגעלע־מיגעלע, מיגעלע־ציג,
קום אַהער צו מיר צוריק!
קום אַהער צו מיר צוריק:
כ׳וועל דיר געבן קעז אַ שטיק!

ציגעלע־מיגעלע, ציגעלע נאַר,
נאַ דיר קעז! אַ ביסעלע האַר...
און דערפֿאַר — אַ ביסעלע האַר:
זאָג, וואָס ביסטו אַזוי דאַר?

ציגעלע, כאַפּ נישט... וואַרט!... עהע!
ווילסט נישט זאָגן — גאָר נישט? זע!
ענטפֿערט ס׳ציגעלע מע־ע־ע!
און דאָס ייִנגעלע לאַכט: כע־כע!

ציגעלע־מיגעלע, ציגעלע, גאָלד,
זאָלסט געזונט זײַן, כ׳האָב דיך האָלט!
ווער האָט וויסן דען געזאָלט:
מע־ע־ע ט׳זיך דיר פֿאַרוואָלט?



אַ ליגן



אויף די דעכער גייט שפּאַצירן,
גייט אַן אָקס אַרום שפּאַצירן
מעשה באַלעבאָס.
האָב איך הויך צו אים געשטיגן,
מיט אַ קול צו אים געשריגן:
— הער נאַר, דאָס איז וואָס!
האָט דער אָקס זיך גלײַך דערשראָקן,
ברעכט זיך פּיס און הענט...
לענד און רוקן זיך צעבראָכן!
יום־טובֿ שבת אין דער וואָכן —
האָט מען אים פֿאַרברענט!
הערט וואָס אַלץ עס קאָן פּאַסירן!
גייט אַן אָקס אַרום שפּאַצירן
אויבן, אויפֿן דאַך...
זעט איר, כ'האָב עס נישט פֿאַרשוויגן!
גלייבט איר נישט?! איר זאָגט — אַ ליגן?
כ'האָב זיי נאָך אַ סך!

מ י י ז ע ל ע

מײַזעלע קוקט פֿון לאָך.
— מײַזעלע, אַ גוט וואָך!
מײַזעלע זוכט, שנאָרכט.
מײַזעלע האָט פֿאָרכט.

ס'נעזעלע קעזעלע פֿילט...
מײַזעלע האָט דערצילט.
— מײַזעלע, זע, קוק:
מײַזעלע — טיוק! טיוק!



1

דער נאָמען מײַנער איז אַן אות — אַ צייכן,
דער שטילסטער פֿון די אַלע אותות און די מופֿתים גרויס און קליין —
איך בין אַן אות, אַ צייכן פֿון דעם העכסטן, טיפֿסטן גרייכן
און פֿון נישט קאָנען בלײַבן אויף אַן אומוועג שטיין.

און אויף דעם אומוועג אויפֿגעריסן זײַנען אַלע בריקן,
אויפֿגעשווידערט — פֿאַרנט, אויפֿגעצײַטערט — הינטער מיר:
טאָ זאָל דאָס וואָגלען אייביקע באמת זײַן מײַן תּיקון,
בעת די שפּורן אייגענע אין וואַנדער איך פֿאַרליר?

ס'איז אות — דער וועג אַליין — די סתרי־תּורה ורזין דרזין,
און אות פֿון נישט דערגאַנגענער משיחות־פּראַכט,
דער דרך־מלך מײַנער — אַ וויאַ דאָלאָראָזאַ *
אין לאַנגער, טומלדיקער און מבולבלדיקער נאַכט!

יאָ, ס'איז דער נאָמען מײַנער „יוד" — אַזאַ־אַן צייכן,
אַ מספּר צען, און צען מאָל גרעסער איז מײַן צער:
איך בין אַן אות — אַ פֿאָלק וואָס איז זיך מכין —
נאָך עונש אָפּקומען — צו לאָדענען אויף זיך דעם שכר דערפֿאַר!

---

* (לאַטײַן) דער וועג פֿון פּײַן, אויף וועלכן ישו הנוצרי איז געגאַנגען צום גאָלגאָטאַ.

2

נישט פֿאָדערט גלײַך זײַן פֿון אַ פֿאָלק — אָ מראה גאָר אַן אַנדער,
נישט פֿאָדערט פֿונעם נע־ונד אַ שטאָלצן טראָט,
נישט פֿאָדערט עס פֿון פֿאָלק, וואָס גייט יאָרטויזנט אין וואַנדער,
אין איינעם זוכעניש גערעכטיקייט פֿון מענטש און גאָט.

נישט פֿאָדערט עס בײַ די, וואָס אין מדבריות־זאַמד פֿאַרבענגען,
אַן אייביק ווערן אין מיראַזשן אייגענע פֿאַרפֿירט,
בײַ די וואָס אומעטום די האַרפֿן זייערע פֿאַרהענגען
און יעדער וואָגלווינט די סטרונעס זייערע באַרירט.

נישט פֿאָדערט גלײַכקייט פֿונעם פֿאָלק, וואָס איז געבויגן
פֿון אַלע צײַטן־שטורעמס זינט ווען זיך ס׳געדענקט —
צי האָט איר ווען אין טיף אַרײַנגעקוקט אין ייִדנס אויגן?
צי האָט איר ווען, ווי זיי, נאָך אויסלייזונג געבענקט?

נישט מאָנט קיין גלאַנציק־טאַנצנדיקן טריט פֿון פֿיס געבראָכן,
פֿון פֿיס געטונקענע אין שטויבן פֿון אַ ליאַדע וועג,
פֿון פֿיס פֿאַרווונדיקטע פֿון שפּאַנען צום נצחון,
בכדי משיחן אַראָפּצוברענגען אויך אין אונדזערע די טעג.

3

און אַז מיר זאָגן ייִד — דאַן דאַרף מען ברכה מאַכן, ווי אויף ברויט
אַ לעבל,
ווײַל פראָסט און ערלעך איז עס, ווי דער תבואה־זאַנג אין פֿעלד,
און אַז מיר זאָגן ייִד — דאַן מיינען מיר נישט ערב־רב, דאָס פּעבל,
די משומדים און די ערב־משומדים, ס׳אָפּפֿאַל פֿון דער וועלט!

ווען מיר זאָגן ייִד — דאַן מיינען מיר נישט איבערלויפֿערס האַסטיק,
דעם עבֿד כּנעני דעם פֿאַרשטעלטן אין פֿרעמדן מנהג און אין טראַכט
ווי אויכעט די וואָס קוילערן אין שטויב זיך פֿון סכאָלאַסטיק
און האָבן אויג און האַרץ פֿאַר אויסערוועלט פֿאַרמאַכט.

און ווען מיר זאָגן ייִד — דאַן מיינט מען נישט דעם אַתּה בחרתּנו,
ווײַל ס׳קומט קיין שטאָלצקייטן נישט פֿאַר זײַן אַ ייִד:
דאָס זײַן אַ ייִד הייסט — אייביקייטן מאָנען און דערמאָנען,
דאָס זײַן אַ ייִד הייסט — פֿײַער פּראָמעטעוסעס געהיט...

און אַז מיר זאָגן ייִד — דאַן דאַרף מען צו דעם לעבן וואַכן
און אויפֿמאַכן די טירן־טויערן פֿון מענטשלעכן געמיט,
ווי אויף דעם ברויט מיט זאַלץ מען דאַרף אַ ברכה מאַכן
בײַם שטיק אין די ד׳ אַמות פֿון דער ווירקלעכקייט, וואָס טראָגט
דעם נאָמען — ייִד!

4

דורך מילשטיינער פֿון די יאָרטויזנטער אַדורכגערעדערט,
דורך זיפּן פֿון יאָרטויזנטער אַדורכגעזיפּט,
איך האָב זיך צו דער געטלעכקייט געפֿעדערט
פֿאַרקוקט אין דור־דורות, האָפֿענונגלאָז פֿאַרליבט.

איך האָב זי ליב, די וועלט, און ליב דאָס לעבן,
און שטאַרקער ווי דער טויט מײַן ליבע איז צו זיי,
און כאָטש דער מלאך־המות שטייט מיר תּמיד נאָנט, דערנעבן,
איז צו דעם חיות גרייט מײַן פֿליסטער און געשריי.

ווײַ, ווײַ, פֿיל ניסים מיר פֿאַרזעען פֿון דעם סך דאָ,
פֿיל וווּנדער לאָזן מיר אַדורך אָן ווידערקלאַנג,
און מחמת ליבע צו דעם לעבן — האָט די אויבערמאַכט דער פּחדן
דער מענטש — צום וואַלד־גזלן דערפֿירט אין קריגערישן גאַנג.

פֿון זיי מיט שטיוול גראָב פֿאַרטרעטן קען מיך יעדער,
מיט קאַנוּוענאַנסן נאַרישע געבונדן און געקניפּט,
מיך, וואָס כ׳האָב זיך צו דער געטלעכקייט געפֿעדערט,
וואָס אינעם לעבן בין איך האָפֿענונגלאָז פֿאַרליבט!

5

ווי הייליק־ווונדערלעך די וועלט איז באַשאַפן,
ווי שיין, ווי הייליק שיין עס איז דער מענטש אין איר,
ווי הייליק איז דאָס בלוט — אַפילו פון די אַפן, *
ס׳איז קדוש, קדוש, קדוש — יעדער לעבעדיקער ריר.

ווי ווונדערלעך איז מאַן און פרוי און קינד אין שפּילן,
ווי הערלעך איז דער ציל פון זיי — פון זיך אַליין באַשטימט!
און ווער האָט דען דאָס בייז געטאָן? אָ, זיכער אייער ווילן,
וואָס האָט די וועלט די ניסימפּולע צעלאָמיעט ** און פאַרקרימט!

אָ, ווער האָט עמעצן דאָס רעכט געגעבן אויף חלוקה?
און אויב פון איבך איז עס, טאָ וואָס איז׳ס פאַר אַ רעכט?
ווו שטייט עס, אַז מען מעג אַלץ רויבן און פאַרצוקן?
וואָס איז עס פאַר אַן אויסטערלישער מין געפּעכט?

וואָס הייסט עס: אָפּנעמען ביי עמעצן די הימלען בלויע?
וואָס מיינט עס: אָפּנעמען ביי עמעצן זיין חלק פון דער ערד?
אָ, הייליק־ווונדערלעך עס איז די וועלט — מה נאה,
וואָס איז צו מיר, צו דיר, צו אים — צו אַלעמען באַשערט!

6

אויך איך האָב צוגעלייגט אַ האַנט צום בוי פון בבל־טורעם,
צו איבער געצנדינערישן בנין, פון פאַרויס פאַרפּוילט.
אויך איך האָב הויך און שיינקייט די לפנימדיקע ברייט געזייט
אויף שטורעם,
אויך איך האָב אין די רייען איבערע געגרוילט.

איך האָב, ווי איר, צום בנין צוגעטראָגן ליים און ציגל,
און אויך, ווי איר, געשלאָגן ווילד געוואָרן מיט גישט־פאַרשטייך.

---

* (דייטש) מאַלפּעס. — ** (פּויליש) צעבראָכן.

לסוף — פֿאַר מײַנעטוועגן צוגעהאַקט איז שלאָס און ריגל,
און יעדן אָנקום מײַנעם גלײַך באַגעגנט פֿרעמדער שטיין.

אויך איך האָב צוגעלייגט אַ האַנט צום בוי פֿון בבֿל־טורעם,
מיט אײַך פֿאַרמאָסטן זיך אין אייביקייט־געוועט,
און אַלע מײַנע מאַטערנישן, פּלאָגענישן און יסורים,
אויף זיבעציק לשונות האָבן זיך צעפּלאַפּלט און צערעדט.

די שבֿעים לשונות ברעקלען מיר מײַן לײַב און לעבן,
פֿאַרפֿינצטערן, פֿאַרחושכן מײַן טאָג און נאַכט;
מיר האָט דער מגדל בבֿל פֿרעמדע זיבעציק געגעבן
און פֿון די פֿרעמדע אַלע — די איינציק־אייגענע איז אויסגעלאַכט.

7

טיר־און־טויער אין איר היכל ליכטיקן עס זײַנען תּמיד אָפֿן:
מאַכט אומווערדיקייטן יעדער עזות־פּנים אויף דער שוועל,
טרעף איך אָפֿט, ווי הײַנט האָב איך געטראָפֿן,
פֿאַרווײנט, פֿאַרטרויערט איז זי, ס'ווערט פֿון איר אַ תּל.

יעדער קרענק פֿאַרשלעפּטע און נישט־דאָ־געדאַכט וויל זײַן איר מבֿין,
רופֿט זי אויסגעלאַסן, ציילט איר טאָג, איר שעה.
אָבער — זעט זי, הערט זי עמעצער אַמאָל פֿון זיי וועז,
בעת זײַן איר נבֿיא קליגט זיך יעדער אומהיימלעכע קראָ?

און אַז איך זע און הער זי מיט דעם טיפֿסטן פּײַן געלאָדן,
צי לײַכט באַפֿליגלט מיט בטחון און מיט פֿרייד,
אין בלוטן, טרערן פֿון די לאַנגע דורות הייס געבאָדן,
דאַן וואַרט זי, ווי אַן אַכנציאָריקע אויף לאַסקע און התפּעלות־רייד.

איך לייג דאַן אויף מײַן ברוסט איר זיסן קאָפּ געבויגן,
די טויזנט טעם און חן פֿון איר — איר ליכטיקן געמיט,
און כ'מורמל: — מיר פֿאַר דיר, פֿאַר דײַנע גוטע, קלוגע אויגן,
מײַן היים — מײַן יידיש, מײַן יידיש וואָרט, מײַן יידיש ליד!

8

דאָס איז דער פּײַן וואָס לאָזט מיך נישט אין שלאָף אַפילו לאַנדן,
דער ווייטיק וועלכער לאָזט אַ רגע מיך נישט אָפּ —
דאָס איז פֿאַר שפּלות פֿון דעם מענטש די שאַנדע,
די שאַנדע אומגעצוימט, וואָס טראָגט זיך אין גאַלאָפּ.

דאָס איז זי דאָך, וואָס שפּרייט זיך אויס אויף בערג און טאָלן,
וואָס שטראָמט אויף פֿעלד און וואַלד, און טײַך, און ים,
וואָס לויפֿט־אַרום אויף ברייטן וועג און שטעג דעם שמאָלן —
די שאַנדע — אומגעשטערט אין וואַסער און אין פֿלאַם.

דאָס איז דער ווייטיק וואָס צעפֿרעסט מיר מײַן נשמה,
וואָס מאַכט מיך אומדערטרעגלעך טויב און בלינד,
זי איז עס, וואָס פֿאַרלירט אין זיג דערוואַליקן איר נאָמען,
דאָס איז די חרפּה מענטשלעכע, וואָס אויפֿגעוויגט פֿון ווינט.

עס איז אַ צײַט אַזאַ באַשפּיגענע מיט סמײַע, *
קלעק מיט סרחאדיקן איז באַגאַנווערט ** איטלעך פֿאָלק און לאנד.
איך שעם זיך פֿאַר דער פּשוטער דערווילדער חיה,
מיר איז פֿאַר מענטשן־מין אַ חרפּה און אַ שאַנד!

9

אַ שפּיל פֿאַר הפקר איז מײַן אָרעם לײַב־און־לעבן,
און אַ פֿאַרענטפֿערונג פֿאַר הפקרישן ניאוף און פֿאַר זנות,
אויף אײַנזען פֿון פֿאַרברעכערישקייט סתּם איבערגעגעבן,
פֿאַר שפּאַס און שאַנד — דער אויסדרוק פֿון דעם הויכגענוס.

איך — אַ פֿאָלק וואָס תּמיד זעט דעם גיהנום פֿיַר די אויגן,
וואָס אומאויפֿהערלעך שפּיר איך טײַוולשן באַריר,
איך שפּיר, ווי שטינקענדיקע שדים־ליפּן חיות מײַנעם זויגן,
ווי ס'יאָגט ווילקיר מיך פֿון אַ יעדן טויער, יעדער טיר.

---

* סעקרעציע פון מויל, סלינע. — ** אנגערונען (מיט שפייעכץ).

ס׳איז פאַרגלײַך איז — גיהנום אויסגעדיכטעטער פון דאַנטע
מיט העליש פײַער, װעלכער פרעסט מײַן קנאָכן און געביין,
וואָס כאַפּט־אַרום אין פלאַמען די אָרעם־הייליקע אמונה־טראַנטע
און לײַטערט זי יסורימדיק צו אַש להבֿה ריין?

אַ צילבערעט פאַר די הפקר־לײַדנשאַפטן אײַערע און לײַדן,
אַן אַנהאַלט איינציקער, װען ס׳װערט אַן אָפּגרונט פונעם גרונט —
מײַן גורל לאָזט עס מיך נישט מײַן שליחות אויסצומײַדן:
פון טראַנטע הייליקער צו װערן — פלאַם פון בונט!

10

דאָס װייסן מיר — די ערד פאַר מענטשן־מין: די גרעסטע ברכה,
דאָס װייסן מיר — װאָס ס׳הייסט די פרייד פון אַקערן די ערד,
װאָס הייסט עס: זייען — די גערעטעניש — דער יום־טובֿ אין דער װאָכן
װאָס הייסט — פון רעגן און פון זון צו זײַן גענערט.

מיר װייסן װאָס עס הייסט פון ים און טײַך די פולע נעצן
אַרויסצושלעפּן אויף צו ברכה מאַכן איבער גאָטס געוואַנד,
מיר זײַנען דאָך די לעצטע אָט־דאָס גליק און ברכה צו פאַרלעצן —
געבענטשט איז דער, װאָס ערדנפרייד איז זײַן געבאָט!

צי האָט איר אָבער, זינדיקע פאַרדאַרבער און פאַרשװעכער,
געזען, געפילט דעם צער פון די באַזײַטיקטע פון פעלד?
װאָס װייסט איר דען דערפון, װאָס ס׳הייסט בזעת אַפּיך —
פון מאַטערניש אַן דעם גערעטעניש אין מידבר־שן געצעלט?

װאָס װייסט איר פון דער לאַסט: צו זײַן אַן טוי און רעגן?
װאָס ס׳הייסט צו זײַן אַ װאָגל־און אַ הפקר־קינד?
װאָס הייסט עבֿודת־פּרך אויף גלײַכע און אויף קרומע װעגן,
און זייען, שנײַדן, מאָלן אינעם װינט און אויף דעם חסד פונעם װינט?!

11

די זיגן און די בלוט־פֿאַרגיסונגען דײַן לעבן מאַכן ראָז דיר,
דו ציסט נצחונות, ווי די פּאַטשערקעס, אויף די געשיכטע־שניר,
און מיר — פֿאַר מיר יאָרטויזנטער — אַ פֿינצטערער, אַ לאַנגער פּרוזדור,
און ווינט און זאַמד, און ווײ און ווינד צו מיר!

איך גײ און גײ, געלאָדנט און באַלעסטיקט איבער מײַנע פּוחות,
און הילכיק זײַנען מײַנע טריט אין חושכן דעם קאָרידאָר.
אַריבער מיר — איך ווייס — אַן אומענדלעכער הימל הויך איז,
מיט מיר עס גײען מיט די אַלע דורות — דור נאָך דור!

איך האָב שוין איבער מיר אַ באַרג אַ געטלעכן געהויבן —
מיט נעשׂה ונשמע האָב איך „טוונג טאָן געטאָן" באַפֿאָר געהערט.
צי ווייסט איר, וואָס ס'באַדײַט צו טראָגן בערג פֿון גלויבן,
און בײַ דעם יאוש גרעסטן נישט פֿאַרצווייפֿלען אין דער ערד?

פֿאַרפֿאַלן, טראָג איך אײַך, און טראָג אײַך איבער אין געוויסן
ביז אָנקומען איך וועל צום פּרוזדורס לעצטן בראָם.
און — צו פֿאַרדאַנקען מיר — געניסן טוט איר פֿונעם לעבן מיאוסן,
און וואָס לעת־עתּה ס'איז נישט חרוב ומוחרב אײַער סדום!

12

מיר זײַנען: אײַזן, שטאָל און גרובנס פֿון דעם גאָלד און זילבער,
מיר זײַנען: צום גערעטעניש דער שפּריי־רעגן, דער טוי,
אויף אַלדאָס לעבעדיקע זײַנען מיר ביז זעלבסטפֿאַרלייקענונגען פֿילבאַר
און אונדזער גלויבן איז ווי הימל איבער הימל בלוי.

מיר קאָנען מילד און גוט זײַן אין דער ליבשאַפֿט און הכנעה,
מיר קאָנען אָנצינדן די העלסטע זונען אינעם רוים,
מיר קאָנען זיך צו געטלעכקייטן איבערענטפֿערן, פֿאַרטרויען,
מיר קאָנען יאוש פֿירן אין די וועגן פֿונעם אויסלייז־טרוים.

מיר זײַנען — אומצאָליקע אוצרות פֿאַר געךעכטן סדר־עולם
און מערער קאָנען מיר נאָך װערן, װײַל אַזוי באַשערט.
אַזאַ — דער גורל אונדזערער, װאָס ס'װעט נישט ענדערן קיין גרויל אים.
װאָס האָט דען איבערגאַנג אַנטקעגן אײביקייט די װערט?

נאָר אויב איר װעט זיך נישט צו אמת אײנציקן דערהויבן
און װײַטער אונדז פֿאַרװאַנדלען אינעם שטויב פֿון אײַער שטן־טריט,
דאַן װײסט: עס קאָנען אַט־די אַשן און די שטויבן
מגולגל װערן אינעם אומקום־איפּעריט!*

13

אין די יריעות פֿונעם אײַזערנעם געדולד געװיקלט,
איך קוק זיך צו, װי ס'ברענען אַנגעצונדענע די שולן,
װי חזן טײַװולשער עס האָט זיך איבער װעלט צעציקלט,
װי אָמן זאָגט מען נאָך דעם לצים־געץ דעם דולן.

איך אָטעם־אײַן דעם רויך פֿון פֿאַרמעטן — צעאַשטע ספֿרי־תּורות,
איך אָטעם־אײַן דעם צער פֿון די מיליאָנען ברידער מײַנע.
איך קוק זיך צו, װי אַלץ אַװעקגעשטעלט קאַפּויער איז.
נאָר — ס'איז צו קײנעם נישט געװענדט מײַן טענה.

מיך אַרן נישט די אַלע שדים־שמחות און גדולות,
נישט איך בכּוח בין צו מינטערן, צו שרײַען: — האַלט!
איך װייס, ס'איז שװער צו זײַן מיושבֿ אין אַ דולהויז:
אויף מײַן געשריי געװאַלד דאָס עכאָ ענטפֿערט — װאַ־אַ־לד!

נישטאָ אויף דעם, אויף װאַנזין־כאַאָס קיין שום װעטאָ,
אַ זינד איז צו אַנטלויפֿן אין די ערי־מקלט.
און שוין דערפֿאַר איך װעל נישט לאָזן זיך פֿאַרפֿירן אין אַ געטאָ:
כ'האָב מוט צו װאַרטן, אינעם אײַזערנעם געדולד געװיקלט.

---

* אַ מושטאַרדע־גאַז, װאָס לעכערט די לונגען, באַנוצט צום ערשטן מאָל פֿון די דײַטשן אין דער ערשטער װעלט־מלחמה אויף די שלאַכטפֿעלדער פֿון איפּער, בעלגיע.

14

עס גייט נישט דורך קיין טאָג, איך זאָל נישט זאָגן ווידוי,
פֿאַר זיך — איך זאָל זיך נישט מתוודה זײַן אין מײַנע זינד —
די אימת־מוות וווינט און וויינט אין אַלע מײַנע גלידער,
און אויף אַ רגע נישט די טויטשרעק עס פֿאַרשווינדט.

צי איז׳ס אַ חידוש דען: אַז ס׳אָרעם מאָלצײַט איז — דער סם נאָר,
און כ׳דריי אין דרײַען זיך פֿון קראַמף און ווײ.
— הער, גאָט, וווּ נאָר דו ביסט: ס׳איז אמת, וואָר — אָשמנו,
אָשמנו און בגדנו, אָבער — אָסור מער פֿון זיי!

ס׳איז אמת, אַז מיר אַלע האָבן שווער געזינדיקט
ביודעים און בלא יודעים — אַלע מיר, פֿון גרויס ביז קליין,
במזיד און בשגגה האָבן מיר די פֿרײַ געקינדיקט,
און צום מיינסט פֿאַרזינדיקט זיך פֿאַר זיך אַליין.

נאָר זיי — זיי בלעכלען־אויס די ברוסטן די פֿאַראַדנע,
און ס׳גלאַנצן אויף דער זון די העלדישקייטן פּוסט,
בעת מיר — מיר אָנען ריכטיקער — אָשמנו און בגדנו,
מיר זאָגן ווידוי יעדן טאָג און קלאַפּן זיך אין ברוסט!

15

די תּקופֿה אונדזערע — אין קלעם פֿון ווערג־שלאַנג אומגענומען —
זי האָט דעם הײַנט דעם אונדזעריקן באַלד דערוואָגן;
דאָס גסיסה־כאָרכלען קוילערט זיך אַרויס פֿון גומען
און באַלד פֿאַרנעמט זיך שוין די ווערגשלאַנג אויפֿן מאָרגן.

וואָס יונג — באַקלעקט זי מיט איר קלעק און סמײַע,
פֿאַרפֿינצטערט מוחות יונגע מיט איר גיפֿט,
און נײַע מחנות גייען אין מעכאַנישע אין גולם־רייען,
פֿון חסר־דעה און הפֿקרות שיכור און פֿאַרבליפֿט.

עס ציט זיך אויס די שלאַנג — אויף אַלע וועגן ציט זי,
און אומעטום פֿון איר איז — שפּור פֿון קריכעניש און בויג,
אַ, אומעטום עס שטרוימט אויף אונדז די אינקוויזיציע:
דורך ראַדיאָ, דורך דער טאָגצײַטונג און מענטשנאויג.

די תּקופֿה אונדזערע, אין קלעם פֿון ווערגשלאַנג אומגעקלאַמערט,
באַווײַזט אונדז נאָך אַ גרוילן־פּאַקוס, נאָך אַ גיהנום־קונץ;
ווי מוראדיק, ווי גוואַלדיק, ווי גרויזאַם אונדזער האַרץ עס האַמערט
אין הײַנט — אין ערבֿ ס׳וועט די שלאַנג דערווערגן זיך מיט אונדז!

16

געבראָכן, חרובֿ שטיי איך פֿון די מידע קני אויף,
און ענג איז מיר מײַן וועלט, און ענג מײַן שטוב —
עס האָט אין האַרץ זיך מיר אַרײַנגעצויגן איובֿ,
וואָס האָט פֿאַרלאָזן ערגעץ־ווו זײַן גרענעץ־גרובֿ!

צעזעצט האָט ער זיך ברייט בײַ מיר אין האַרצן
צוזאַמען מיט חבֿרים זײַנע, טרייסטערס דרײַ,
און ס׳וועט דאָס האַרץ אַ קוואַל פֿון בלוט פֿון שוואַרצן,
מיט וועלכן אויף די נײַע הייליקייטן זייערע איך שפּײַ.

און כ׳שרײַ אויף קולי־קולות: — ראַטעוועט זיך מענטשן,
עס קאָן שוין ווײַטער מער נישט אָנגיין דאָס געוואַלד,
איר זעט, איר זעט, עס ברענט דער לעצטער פֿונדאַמענט שוין,
איר זעט, ווי אין די פֿײַערן — ווי איר אַליין פֿאַרפֿאַלט!

איך שרײַ מיט לעצטע כּוחות, אויגן — בלוט עס שפּריצן,
ווערט פֿינצטערניש אין בראַנד געדיכטער וואָס אַ מאָל,
און אַלע מײַנע יאוש־דונערן און אויפֿלויכט־בליצן
הילכט־איבער טיף אין מיר פֿון איובֿן דער קול!

17

איך ווייס עס אויף געווי — ס'איז זיכטיקייט נישט מערער —
ס'איז דאַכטעניש: פֿון אַלע זײַטן — יעדער האַריזאַנט!
אַזוי געלערנט האָט מיך איטלעכער מעת־לעת — מײַן לערער,
און יעדער האַריזאַנט גערופֿן האָט, געמאָנט.

און פּלוצים — צוגערויבט מען האָט מײַן האָט מײַן ווײסן מיר — מײַן אַנטאָן,
באַגנבֿעט און באַגזלט האָט מיך נאַקעטקייט פֿון ווילדער וועלט,
און אײַנגעלייגט, און צוגענומען אַלע האַריזאַנטן,
צי אפֿשר זיי, צו אַלדי שוואַרצע יאָר, פֿאַרשטעלט.

טאָ וואָגל איך אין אומעטיקע וויסטענישן פֿון אין־סופֿן
צו דעם אומענדלעכן, דעם טרייסטלאָזן געדאַנק,
פֿון אויסגאַנגלאָזיקייט געטריבן, דעם היפּוך פֿונעם האָפֿן,
און אַלץ אַרום קריגט שאַרף דעם חלפֿשן און שרעקגעבלאַנק.

ווי מערקווערדיק — די האַריזאַנטן ווערן איינס נאָך איינס פֿאַרשוווּנדן,
און שטערן אָנצוהערן זעט מען נישט געצונדן און געגליט;
ווי מערקווערדיק — אין איבערבינדן אײַנערדיקע אַלטע ווונדן
עס ווערט מגולגל מײַן איצטיק ייִדיש ליד!

18

ווער האָט עס אויסגעטראַכט אויף אונדז — עם חכם ונבון,
ווער — אויסגעטראַכט? ווער האָט אַ שפּאַס אַזאַ געמאַכט?
די וועלט — אַ גלגול פֿון אַ שרעקנדיקער סאָווע
מיט אַ שגעון־רעטעניש אַרויסגעלאַכט.

זי לאַכט אין אויגן אונדז און קײַכט פֿאַר דעם געלעכטער:
— עם חכם ונבון, אײַ, קלוג, גאָר די וועלט!
דער פּועל־יוצא פֿון דורות אָפּגעהיטענע געשלעכטער,
אַלץ — אײַנגעשטעלט, און אַלעסדינג — קאַפּויער געשטעלט!

אַ פֿאָלק אין טרוים און טאָט ביז איבערגלויבן האַסטיק,
אַ פֿאָלק וואָס קאָן נישט און וואָס טאָר נישט בלײַבן שטיין,
אַ פֿאָלק — אין ליבשאַפֿט אײַנגעגלויבט ביז טרויעריקער פֿאַנטאַסטיק,
וואָס קיין שום אַנדער קאָן באַגרײַפֿן און דערגיין.

און כאָטש אויף רײַטוואָגנס פֿון טויזנטער די פּלאָגן
עס יאָגט די סאָווע אונדז מיט פֿינצטערניש, פֿאַרשטאַרט,
זי וועט אונדז מיט די גרויל־געוואַלטן נישט דעריאָגן:
מיר זײַנען עס געווען און בלײַבן — אַוואַנגאַרד!

19

אין בין־השמשות — ערבֿ דעם געבורט און ווערן —
עס וויינט די שכינה אין איר הימלנעסט:
ווערן אויסגעלאָשן, ווערן אָנגעצונדן שטערן
אין צילבאַוווסטן קיום און אין אײַפֿ׳ריקן פֿאַרמעסט.

פֿון וועלכן נעסט, צו וועלכן נעסט — אַ פֿלאַטערן, אַ שווימען?
אין שפּיגל־אָזערע, אין סאַמע שטילן מיט —
איך הער דאָס שטומע ציטערן פֿון שתּיקה־יפֿה־שטימען,
פֿון אומעטיקן גוססדיקן שוואַנען־ליד.

און צו דער זעלבער צײַט — די חושים מײַנע גרויל באַנעמען —
איך הער דעם יובֿלדיקן קוויטש פֿון שוויַנען־ליד...
פֿאַר וועמען זאָל דער קײַלער און דער שוויַן זיך שעמען,
די יעניקע — מיט אומצוכט אין געוויסן און געמיט?!

אין בית־השמשות מיט דעם גרויל און מיט עינויים שווערע,
עס קומען־אָן צו מיר פֿאַרגליוערט־טרויעריקע געסט,
בעת ס׳לעשן זיך און צינדן זיך די שטערן,
און שוואַן מיט שוויַן עס גייט אין לידערשן פֿאַרמעסט!

20

עס זעען־אויס די שטעט איצט אַפּט ווי די בית־עלמינס אַלטע,
אויף וועלכע ס׳וואַגלען־אום צעטומלט לעבעדיקע מתים,
וואָס איטלעכן פֿון זיי זײַן קבֿר האָט זיך אויסבאַהאַלטן —
ווער ווייסט דען, וווּ ער איז — דער טײַוול ווייס אים!

בײַ איטלעכן פֿון זיי פֿאַרגליווערט איז צום טויט דאָס חיות,
אַ קרבן פֿון אַ וועלט — דורך זיך אַליין פֿאַרדאָרבן,
ס׳איז איטלעכער פֿון יענער וועלט און ווייסט נישט פֿאַרוואָס הי איז
זײַן שמייכל און געלעכטער אָפּגעשטאָרבן.

קיין איינער האָט פֿון זיי קיין קדיש און קיין גואל,
פֿון איטלעכן פֿון זיי האָט זיך די זון פֿאַרבאָרגן,
די זון — אַ טליענדיקער קנויל אין הימלען — בלוי אייל,
אָן נעכטן, אָן אַ הײַנט און אַ מאָרגן!

און טאָמער וויל איך טרייסטן זיי מיט טרייסט מיט עכטער,
אַז אין פֿאַרגלײַך מיט טויט איז ס׳לעבן בלויז אַ באָוול,
שיס איך גאָר אַרויס מיט ווילד־אומזיניקן געלעכטער,
איך אַליין — פֿון אָט־דער גאַנצער וועלט — אָן אָבֿל...

21

כ׳בין שולדיק — זאָגט איר — כ׳ווייס עס: איך בין שולדיק,
און אַלע מאָסן זינד עס זײַנען איבערפֿולט.
דער ערשטער חטא מײַנער — איך בין געווען געדולדיק,
דאָס איז אָן ספֿק, ס׳איז געווען און איז מײַן גרעסטע שולד.

געשוויגן האָב איך לאַנג, געשטומט אויף אײַער עוולה,
די ציין פֿאַרביסן זיך, מײַן פּײַן געגליט צו שטאָל,
איך בין צו־לאַנג געווען דער קרבנדיקער סבֿלן,
און אינעם שטײַער־פֿײַער געשריגן „שמע ישׂראל״.

צו־לאַנג האָב איך געוואַרט, און אפשר, כ׳ווייס, צו פרי גאָר.
ווען נביא אינעם צער עס האָט זיך מיר אַנטפּלעקט:
איך האָב אײַך פאַר דער צײַט, פון בײַשפּילן נישט קליגער,
צו־פרי אין אײַך דעם גאָט — צו ליבשאַפט כ׳האָב געוועקט.

דאָס שרעקט אײַך דאָך צום מיינסט, ווײַל ס׳איז פאַר אײַך פאַרבאָרגן,
און נישט נאָר פאַר נשמה, נאָר אויכעט — פאַרן גוף,
דער ווידערשטאַנד פון אײַך עס האָט מיך באַלד דערוואָרגן,
נאָר ווי אַמאָל אויך איצט — לא תרצח איז מײַן רוף!

22

די לעסטערונג פון אונדז, אויף חרוב־זינקענדיקע שיפן,
פאַרוואַנדלט אונדז אין פײַנלעכער מיסטעריע און באַגריף,
מיר טויכן אומבאַוואָפנטע אין אויסטערלישע טיפן
און דורות פון מאַרטירערײַ — דאָס איז דער יחוס־בריות!

באַגריף־געוואָרענע, ווי אייביקייט און ליבע,
מיר רופן די באַוואונדערונג אַרויס און — שרעק,
ווען קללות, תוכחהס באַהאַגלען אונדז אָן סיבה,
און נאָגלען אונדז צו נאַקעטקייטן אָן פאַרדעק —

צו אײַער שאַנד און שפּאָט, ווי לוט פאַרשיכורט,
צו קאַמפן אײַערע, פאַר הפקר און געוואַלט,
קיין איינער נישט פון שלאַכטפעלד זיך צוריק קערט,
און אין די אָרעמס פון חטאים אײַערע פאַרפאַלט.

אויב אָבער עמעצן פון אײַך פון הפקר־גבול געלינגט אַנטלויפן,
און צו אַ נײַעם דרך אייביקן ער ווענדט די טריט,
דעראַנט ער אויף אַ וווּנדערלעכן אופן:
דרײַאײַניקייט־באַגריף — פון גאָט, פון ליבע און פון ייִד!

23

דורך רציחה, גנבֿה, גזילה — אין שווינדל פֿון פֿאַרראַטן
געשען דער גרויל איז אומדערזען און אומדערהערט:
מען האָט די זון פֿאַרוואַנדלט אין אַ געלע לאַטע
פֿאַר פֿיל מיליאָנען מענטשן אויף דער טרויעריקער ערד!

די געלע לאַטע האָט געפֿלאַמט פֿון הינטן און פֿון פֿאָרנט,
דאָס האַרץ און מאַרך געברענט און אויסגעברענט,
די זון — די געלע לאַטע האָט געגרימט, געצאָרנט,
די זון האָט יעדן אונדזער טאָג מיט ליכט געשענדט!

ווי האָט זי צוקוקן געקאָנט די אַלע גרוילן?
ווי האָט זי צוהערן געקאָנט דעם בלוט־געשריי?
ווי האָט די זון געקאָנט בײַ זיך עס פּועלן —
פֿאַרוואַנדלט ווערן אין אַ קוואַל פֿון צער און וויי?!

ווי האָט זי עס, די זון, די גאָב פֿון אַלע גאָבן,
פֿאַרוואַנדלט אין אַ געלע לאַטע אַל׳איר גאָלדן טראַכט?
ווי האָט זי זיך נישט לעבעדיקערהייט באַגראָבן
פֿאַר חרפּה גרויסער אין דער חשכות פֿון דער נאַכט?!

24

אָ, אויב צו אויסמישונג עס פֿירן אונדז די וועגן,
דורך אומפֿאַרמײַדלעכקייט צו דעם מיר ווערן איצט געפֿירט,
טאָ ווער באַרעכענען וועט קאָנען דעם פֿאַרמעגן,
וואָס געטלעכקייט און מענטשלעכקייט ס׳פֿאַרלירט!

ווי קאָן דער גורל, אין זײַן בלינדקייט דער פֿאַטאַלער,
דעם היזק מעסטן, לפּנימדיק פֿאַרשלייערט און פֿאַרשטעלט?
וואָס ווייסן דען די מעסיאַנישע טעותים־חשבונדיקע פּראַלער,*
וואָס מיט מענטשנבלוט און פּאַדלע** באַמיסטיקן אַ וועלט?

---

* פּלאַפּלערס. — ** (פּויליש) פּגירה.

ווען ווערן זאָל דורך דעם דאָס מענטשנקינד געבֿעסערט —
איז קנאָפּ ס׳געוויין, מיט אייגנקייט פֿון איטלעך פֿאָלק — אין
א פֿאַרגלײַך;
אומגלעגלעכקייט מיט צוואַנג נישט אין מאָל האָבן זיך געמעסערט,
כאָטש אויסגעמיטן זיך אין שטענדיקן געווײַך.

און דאָך אַ יעדער טײַך, געצוימט דורך זײַנע ברעגן,
דעם סוף זײַנעם אין ברייטן, ווײַטן ים פֿאַרלירט;
אַ, אויב צו אויסמישונג עס טרײַבן אונדז די וועגן
און צו דער אומפֿאַרמײַדלעכקייט מיר ווערן דאָך געפֿירט...

25

און אויב ס׳האָט נישט געהאָלפֿן פֿון דעם ווויל די ברכה,
וואָס אונדזער וואַנדערטריט האָט אויף דער ערד געזייט,
און אויב די ערשטלינג־זאַנגען שטורעם האָט געבראָכן,
און בענטשונג און גענאָד האָט ווינד־און־ווײ פֿאַרוויט —

און אויב ס׳איז נישט געוואָרן פֿונעם גר זאב עם כּבֿש,
און שעפּס אַפֿילו האָט באַקומען וועלפּ׳שע ציין,
און אויב נאָר אויפֿגעגאַנגען זײַנען ווילדגראָז און פּלעוועס,
און הפֿקר איז געוואָרן מענטש און זײַן געביין —

און אויב צעבראָכן זײַנען פֿונעם רעכט די וואָג און שאָלן,
און ווײַזער ווײַזט דעם עיקר תּמיד פּונקט פֿאַרקערט,
און לעבנס־זוימען איז געוואָרן זרע לבטלה,
נאָך ערגער — זוימען צו דעם שלאַכטונג־פֿלייש געמערט —

יאָ, אויב ס׳איז אַלץ באַשטימט — אויף שטויב און אַש צעמאָלן,
און ס׳איז אַ ברכה לבטלה אונדזער בענטשונג צו דער ערד —
איז אפֿשר טאָקע גלײַכער, ווען די וויסטע קללה
אָט־דעם חורבן אונדזעריקן ביזן סוף צעשטערט!

26

און טרעפֿן טרעפֿט אַזוי, אין יעמערלעכע מענטשן־תּקופֿות,
ווען פֿעלקער ווערן אומזיניק פֿאַרוואַנדלט אין צעווילדעוועטע הינט,
אַ, דעמאָלט איז בחינם יעדער מי, אומזיסט דאָן יעדער רוף איז,
אומזיסט איז — אמת און דאָס שלײַדערן פֿון תּפֿילות אויפֿן ווינט —

דאָן שטיי איך בלינד ביז אַ שגעון — אויגן אויסגעשטאָכן —
צו זײַלן פֿון דעם וואַקלדיקן קיום עולם צוגעשמידט,
און איבער מיר נבֿלה־ראָבן מיט די פֿליגלען שווערע פֿאָכן,
און וווּנדערלעך — עקשנות מײַנע ווערט נאָך מער געגליט —

איך פֿיל, ווי פֿון מײַן מידיקייט עס שטײַגט אַ כּוח אומגעהויער,
ווי מיט אַ גבֿורה צאָרנדיקער עס ווערן פֿול די הענט —
אָט באַלד וועל איך די זײַלן פֿון שגעון און פֿון טרויער
אויפֿטרייסלען — און חרובֿ וועלן ווערן ווענט און פֿונדאַמענט —

עס וואַקסט און בליט די קראַפֿט פֿון פֿײַנלעכער נקמה,
וואָס אין דער יעמערלעכקייט וואַיעט חיהש, שטום,
און סוף־כּל־סוף — איך לויב און בענטש דעם אייבערשטן,
זײַן ליבן נאָמען,
וואָס אים מיט אונדזער אומגליקלעכער וועלט איך נעם־אַרום.

27

די שלאַנג פֿון דעם פֿאַרלוירענעם גן־עדן, ד'ער נחש הקדמוני,
אַרויפֿגעקלעטערט האָט איצט אויף אַן אויסטערלישער הויך,
און וווּנדער־איבער־וווּנדער — ממש ס'איז צונג שמוינען,
ווי קלעטערן מען קאָן און דווקא אויף אַ בויך.

די שלאַנג האָט אַזש צום אָדלערנעסט דערקלעטערט,
זי קרײַזט מיט גיפֿטצונג און זי שפּרעכט אַ שפּרוך,
מיט קלאַפּער־קול,
און חוזקט־אָפּ פֿון אַלץ, און הויכקייט שמעטערט,
באותות ומופֿתים ווײַזט זי: שמוציק איז קרישטאָל!

און אָט, אַרומגעשלאָנגט דעם קעניגלעכן אָדלער גופא
מיט קריכנדיקער קלעפּיקייט פֿון בלאָטע־גוף,
הערט באַרג און טאָל איר יובֿלען, איר נצחון־רופֿן,
און שטייט אין הינערפּלעט געפּלעפּט, און טיף געפּרוווט,

עס ווערט געגאַפֿט אויף נידערגאַנג פֿון „דרך־ארץ",
ווי ס׳פּרוווט די שלאַנג אין פּישוף־קרײַז פֿון שרעק
דעם אָדלער, אונדזער שטאָלץ, פֿאַרוואַנדלען אין אַ שרץ
מיט אוממאַכט גוואַלטיקן, ווען אַלץ האָט זיך געעקט.

28

איך שטיי אויף גרענעצן, פֿון יעדער זײַט געטריבן,
פֿון מזרח, און פֿון מערב, און פֿון צפֿון, און פֿון דרום,
און אַרום מיר — קיין סימן ליכט איז אויסגעבליבן,
ס׳איז אויסגעשלאָסן אַלץ אין דעם שגעונות־לעפּראָזאָריום *.

ס׳איז איטלעך וואָרט פֿון זיי — צרעת, פֿאַרניכטונג,
און סיפֿיליטיש פֿאַלן פֿוילקייטן — פֿון גאַנצע תּקופֿות שטיקער,
און גרענעצן — אַרום, און קרעציקייט אין יעדער ריכטונג,
קיין שום פֿאַרויס אין ערגעץ נישט, און קיין צוריקקער.

מיליאָנען גייען־אויס אויף אָט־די גרענעצן געזאַמלט
מיט טויט פֿאַמעלעכן פֿון דעם יסורימדיקן עלנט,
בעת די מכּלומרשטע גוטהאַרציקייט דערשראָקן שטאַמלט
און קריכט אין היגטישע קאַנורעס **, אויף די הינטערפֿיס זיך שטעלנד.

איך שטיי אויף גרענעצן, דעם הונגערטויט געשלײַדערט
צום פֿאַרצוקן,
צווישן גרענעצן איך שטיי, געבײַטשט פֿון די צרעת־זאַווערוכעס.
עס יאָגן צוגווינטן, וואָס טרײַבן־אָן מבולבלדיקע צוגן
פֿון גרענעצן מיט יעמערלעכן פֿײַפֿן־געגנעצן — צו אַלדי רוחות!

---

* לאַגער פֿון לעפּרע־קראַנקע, מצורעים. — ** בודעס.

29

די צײַט האָט אָנגעהאָנגען מיר אויף האַרץ אַ שטיין, אַ שווערן
און איר באַפֿעל איז צו מײַן אויסגאַנגלאָזן דור:
ווען ס׳איז נישטאָ וווּ האַרץ און מוח זאָל דערהערן —
טאָ וואַרף אין וואַסער טיף דאָס האַרץ, צו אַלדי שוואַרצע יאָר!

עס זײַנען קיין דערקלערונגען נישט גילטיק, קיין תּירוצים
מיט סברות און פֿאַרענטפֿערונגען פֿלומרשט קלוג,
דער שוואַרצער יאָר — צי אירץ* אים חניפֿהדיק, צי דוץ** אים —
עס האָט דיך מיט דײַן לײַב און לעבן, מיט דײַן האַרץ — גענוג!

אויף אויסבראָך פֿון דער פֿוריע איז נישטאָ קיין תּירוץ,
אויף פֿעלקישע שגעונות, ווען די אַלע, ווי איין מאַן,
פֿאַרוואַנדלט ווערן אין אַ מוקצה־מחמת־מיאוסן שרץ,
צי גאָר אין אויפֿגעקאָכטן שוועבל עיפּושדיקן האַסוולקאַן.

מײַן אָרעם האַרץ מיט שווערן שטיין, וואָס אָנגעבונדן,
מיט וויי און קלעמעניש, וואָס האָט קיין גרענעץ און קיין שיעור —
ווען אין דער וואַסער־טיפֿעניש דו וועסט שוין זײַן פֿאַרשווונדן,
צי וועל איך אויף איין רגע קאָנען אויסקומען אָן דיר?!

30

ס׳ווערט גאָר נישט דאָך פֿאַרפֿאַלן, גאָר נישט נעלם
אין אומאויפֿהערלעכן געשיכטע־גאַנג,
און כאָטש מיט כּישוף־שפּרוכן און באַשווערונגען פֿאַרשטעל אים,
קומט־אָן צוריק דער ווײַט־געצילטסטער בומעראַנג.

ס׳קערט־אום זיך בליק און קלאַנג — דורך ווײַטן עכאָ
צוריקקומט יעדער טאַט מיט עונש און מיט שׂכר,
די לעסטערונג צור־קטרעפֿט דעם פֿאַרשוועכער,
מיט נאַרישקייט עס ווערט באַצאָלט דעם נאַר.

---

* אירצן — זאָגן „איר״. — ** דוצן — זאָגן „דו״.

נאָך נישט געווען דער פֿאַל פֿון אומגערעכטער שווינדונג,
נאָך נישט געווען דער פֿאַל פֿון דורכגעהיפּטער שטראָף:
צי פֿרי, צי שפּעט — יאָ, צו דער ציַיט וועט קומען די באַלויינונג!
ס׳איז נישט אמונה בלויז, בטחון און פֿאַרהאָף.

דאָס איז געזעץ — געזעץ פֿון קיום אַלט און נײַעם
וואָס שטאַרקער איז פֿון דעם מלחמה־שטאָל,
די עוולה באַצאָלט ווערן עס וועט כּפֿל כּפֿלים —
צום לעצטן סוף — צום לעצטן מאָל!

31

נישט איך האָב אויפֿגעוועקט אין אײַך די חיה רעה,
נישט איך האָב אײַך צום וויסטן גורל אײַערן דערפֿירט,
נישט איך האָב אײַך באַשאַנקען, נישט אויסגעצייכנט פֿאַר דער גזלאָוואָיע *,
נישט צוליב מיר איר וואָיעט פֿונעם זין געריירט!

נישט איך אויף אײַך געצייכנט האָב דעם קין־צייכן,
נישט איך געבראַכט האָב פֿעלקער אײַערע צו שאַנד,
נישט איך געטאָן האָב מוחות אײַערע פֿאַרוויכן,
נישט איך געמאַכט האָב צום פֿאַרלירן אײַך ס׳פֿאַרשטאַנד!

נישט איך געמאַכט האָב פּוסטקייט אײַערע צום רעשן,
נישט איך פֿאַרקנעכט האָב פֿעלקער צו איין מאַן,
נישט איך בכּוח בין די חרפּה פֿון דער תּקופֿה אָפּצוּוואַשן —
נישטאָ אַ ים אַזאַ, אַזאַ מין גרויסער אָקעאַן!

הײַנט ווי־זשע זאָל איך האָפֿן אין מײַן טיף רחמנות,
אַז אָנקומען עס קאָן אויף אײַך אַן אויפֿלויכט אויף דאָס נײַ,
אַז כ׳קאָן שוין אײַך נישט העלפֿן, און בחינמדיק מײַן טאָן איז,
ווען כ׳וויל אַפֿילו טאָן אויף דער וועלט און זיך מיט בלוט אַ שפּײַ!

---

* (פֿאָלקסוואָרט קאָמבינירט פֿון העברעישן וואָרט מיט אַ רוסישער ענדונג). די מלאכה פֿון באַגזלענען.

32

אין טיר־און־טויער קלאַפּט פֿאַרצווייפֿלט אַנזאָג פֿונעם קריג,
בעת קינדער ווערן אויסגעוויגט אין שׂנאה,
בעת די פֿאַרנונפֿט געבראָכן האָט זיך האַלדז און דעם געניק,
און אַ פֿאַרגוואַלטיקטע איז זי אַוועק צו דעם שגעון דינען.

מיט האַרץ און אויגן קוק איך אויפֿגעריסן,
ווי אונדזער צײַטיקע, באַיאָרטע צײַט
עס שפּילט זיך אין מטורף־שפּיל אין מיאוסן,
און ווי דעם מיטלאַלטער שלעפּט מען פֿון אַ יעדער זײַט.

דער פּחד נעמט מיך אום, ווען כ׳זע זיך אָפּגעזונדערט,
ווען כ׳ווער פֿון זיי, די אומגליקלעכע, אויסגעטיילט, —
אָ, ווען איך קאָן אַרײַנוואַרפֿן צו אײַך די זין דאָרט,
אַז אויפֿרײַסן זאָל האַס־געשוויר, און ווערן זאָלט איר אויסגעהיילט!

אָ, ווען איך קאָן עס טאָן — נישט בלויז אין חלומען און טראַכטן,
און זון פֿון שׂכל ברענגען אײַך פֿון לויטערן פֿון קוואַל —
ווען איך אַליין קאָן פּטור ווערן פֿון מײַן עקל און פֿאַראַכטונג,
אָ, ווען איר קאָנט אַנטלאַסטן מיך פֿון סם־המוות־גאַל!

33

באַווײַזט דעם נס: יאָרטויזנטער צו פּראַווען גלות,
אין וואָגלען צווישן פֿרעמדקייטן און נויט!
ס׳איז נישט קיין מעשׂהלע, וואָס הייבט זיך אָן מיט אַן „אַמאָל איז״,
נאָר שטענדיק און אויך איצט באַגלייט אונדז שאָטן פֿונעם טויט!

ער לאָזט נישט אָפּ און קוקט אונדז שטענדיק פֿון די אויגן,
דער פּחד גייט אונדז נאָך אין אונדזער דרך טריט נאָך טריט;
קאָשמאַר, דער בייזער חלום ווערט בײַ אונדז — געשטויגן און
געפֿלויגן,
און פּײַן און שרעק מגולגל ווערן אין דער תּפֿילה און דעם ליד.

ווי איידעלן מעטאַל איז פרעמד דאָס פּרעסעניש פון זשאַווער,
און אויף דעם פּלאַם געגליט עס זוניקט זיך צו רייניקייט דאָס גאָלד,
אַזוי מיר גליִען נאָכאַנאַנד אין דער אַהבה־תאווה,
און ס'לעבן און די פּריַי מיר האָבן איבער אַלעם האָלט!

צי וואָלט איר דען געוואָלט מיט אונדז אין גלות גיין, איר אַלע,
און וואָגלען, ווו די קדושה פון דעם מענטש באַפעלט?
צי וואָלט איר דען געקאָנט אויך זען, ווי צו משיחות ווערן מיר נתגלה?
צי וואָלט איר אַזאַ מזל אויסגעוויילט?!

34

מיַין ברודער אָרעמער, באַבילט פון אַלע כּלבים דול,
מיַין מידער ברודער, וואָס באַשפּיגן ביסט מיט גיפט,
מיַין שטילער ברודער, וואָס פון האַרץ פון דיַינעם דעם יסורימפולן
דאָס בלוט פון צער דיר אומאויפהערלעך טריפט, —

צי האָסטו נישט געזען אַ וועלט — אין כּישוף פון לבנה,
ווען גאָט און מענטש און אַלץ פאַר דיר געווען איז פולו מיַי,
צי דאַרף איך דיר די ליבשאַפט דיַין דערמאָנען,
אַז דו געדענקסט זי גוט, און איצט זי לעבט נאָך סיַי־ווי־סיַי?

און צי געדענקסטו נישט, אַז ווען אין נעצן פון די שטערן,
אין תכלת־ליכט פון נאַכט דו ביסט געהילט,
דערהערסטו אָפט די שיכור־טריט, וואָס חלום בלוי צעשטערן,
דערהערסטו אומווערדיקע שנאה, רוגזדיק צעבילט?

דו גייסט מיט דער געליבטער דיַינער — מיט דער וועלט געאָרעמט,
בעת ס'טוט אַ מיאוסקייט דער שיכּורער אין מיטן גאַס —
צי קענסטו בייז זיַין אויף זיַין אָרעמקייט געוואָרעמט,
צי קאָנסטו זיך דערפון באַליידיקן און זיַין אין כּעס?!

35

אין שײַטערהויפֿנס פֿון דער שרעק דערווײַדער וויקן אונדזערן געוואָרפֿן,
געטריבן אין די פֿלאַמען פֿון אַ יעדער מערדערישער שלאַכט,
מיר וויסן דאָס, וואָס וויסן אַלע וואָלטן עס באַדאַרפֿן,
וואָס האָבן איבער גאַנג פֿון אייביקייט מיט אויגן אָפֿענע געוואַכט.

אין שײַטערהויפֿנס פֿונעם פּײַן, דורך שטורעם פֿונעם האָס געטריבן,
פֿאַר תּמיד, תּמיד, תּמיד אומגערעכטער זאַך,
וואָס קאָנען אויפֿטאָן מיר, די אפֿשר איינציקע אין לעבן־ליבן?
וואָס ווייסט פֿון ימים־טיף די אויפֿגעשטורעמטע די פֿלאַך?

אין שײַטערהויפֿנס פֿונעם צער מען וויל אונדז צו דעם אַש
פֿאַרוואַנדלען:
די אוממעכטיקע גליִען אונדז — צו זייער וויסטער שאַנד,
די בלינדקייט זייערע — ווי טרויעריק — ווערט מיסטעריעזע
האַנדלונג,
און מיט דער אוממאַכט פֿירט די מערדערישע האַנט.

אין שײַטערהויפֿנס די צעפֿלאַקערטע פֿון שׂנאה־תּאווה
עס ווערט דער אמת הייליקסטער פֿאַרקרימט און אומגערעכט —
ווו לויפֿן איצט פֿון זיך, ווען ס׳יאָגט דער האָס, די פֿײַער־לאַווע
פֿון דעם ווולקאַן, די אויפֿגעוועקטע רוחות־נעכט?!

36

איך הער געװנוי און בולט איצט דאָס ציילן פֿון די רגעס,
דאָס קלאַפּן דאָס מעכאַנישע, דאָס אָפּגעמאָסטענע אָן זין —
איך ווייס עס נישט אויף קלאָר, נאָר כ׳פֿיל אויף מײַנע טעג איז
אָװעקגעשטעלט אויף לויער — אַ טײַוולשע מאַשין.

איך זע עס נישט, אויף וועלכער שעה ס׳איז אָנגעשטעלט דער זייגער,
נאָר כ׳אַן, אַז אָנגעלאָדנט די מאַשין עס איז מיט גרויל,
אַזאַ איז פֿון טאָג־טעגלעכקייט דער גאַנג און שטייגער,
וואָס לאָזט קיין פֿאַרע נישט פֿאַר שרעק אַרויס פֿון מויל!

אַט באַלד וועט זי דאָך אויפרײַסן, מיט דעם שגעון עקספּלאָדירן,
ווער ווייסט — מיט גאַזן פֿון גענאַמער, צי גאָר געלעכטער־דינאַמיט,
אַט בלײַב איך שטיין און קאָן זיך פֿון דעם אָרט נישט רירן:
די טײַוולשע מאַשין עס איז אין מיר שוין אין דער מיט.

באַלד קאָנ׳ס געשען — בעת אויסגאַנגלאָזיקייט אַ יעדער וועג איז —
באַלד קאָנ׳ס געשען — אין בלוט ט׳צעשפּריצן זיך מײַן יעדער גליד —
איך הער געגנוי און בולט ס׳ציילן פֿון די רגעס:
צי ווייסט איר נישט, אַז פּונקט אין מיטן אײַך עס שטייט דער ייד?

37

נישט איטלעכער עס האָט געהערט אַוודאי
די אויסטערלישע הייליקע באַלאַדע פֿון דער וואָר:
געווען איז׳ס בעת אַ גיהנומדיקער קאַנאָנאַדע
אין איינעם, אַ פֿאַרשאָלטענעם, אָן אומגעקומענעם מלחמה־יאָר.

אין איינעם אַזאַ יאָר, וואָס חסר־דעהדיקע זינגערס עס באַזינגען
אין האָרץ־געליימטקייט, אינעם אומזין און אין מענטשפֿאַרראַט,
געשטאַנען איז די שטאָט געקלעמט אין פֿײַער־רינגען,
און ערד און הימל האָט געפֿלאַקערט אינעם חשד.

אין אַלע זײַטן האָבן טויט געזייט די אומשולדיקע תּמים־שונאים,
מיט בראַנד און פֿײַער האָט געשפּיגן קריג און נאַכט
דעם מלאך־המוות אין זײַן גרויזאַם־ביינערדיקן פּנים —
האָט ביקס און קוילנוואָרפֿער און האַרמאַט שגעונדיק געלאַכט.

אַ, דעמאָלט — אין דער זעלבער צײַט — דעם האַס, וואָס נישט
פֿאַרענדיקט נאָך איז,
וואָס ס׳ווייסט דער טײַוול נאָך, ווי לאַנג עס איז זײַן שיעור —
עס האָבן זקנים, ווי להכעיס, געלערנט אין ס׳בית־מדרש
ס׳מסכת צרכות —
זייט׳ס מוחל אונדז: דאָס קאָנען דווקא — מיר!

38

צום אָנהייב איז דאָס וואָרט געווען וואָס טאָט עס איז געוואָרן,
די בריאת־עולמדיקע, שעפערישע, לעבעדיקע טאָט,
מיט פלאַמען־פֿײַערן עס האָט אַרויסגעשלאָגן פֿונעם דאָרן,
ווו גאָט זײַן הייליקייט און רו עס האָט געהאָט —

דערנאָך האָט וואָרט געפּרוכפּערט זיך, געמערט זיך,
בהדרגהדיק געוואָרן אויסגעצערט און אָפּגעוועלקט און אויסגעבלאַסט,
און איצטער גוסן די שטאַרקסטע: לא תגנוב און לא תרצח,
די דיברות צען אַראָפּגעגעטערטע מיט פֿײַערהאַסט!

אַצינד אַ יעדער וואָרט דורך שקר באַלד איז אָפּגעריבן,
און זינקט אין הפקרשן, אין אומברחמנותדיקן זנות,
ווען ס'זאָל און דאַרף באַדײַטן אונדזער קדושה, אונדזער ליבע —
דאָס וואָרט פֿאַרליגנערישטע אונטערגיין עס מוז!

און דאַן ערשט, אויף דאָס נײַ איבערגעשמידט, איבערגעבוירן,
עס וועט אַלפּעלקיש פֿונעם כאָאָס דונערן אַ כאָר,
אַריבער אַלדי פֿינצטערניש און עלנטקייט און מורא
אַ נישט־געוועזענעם און נישט־געזעענעם: יהי אור!

39

קאָן זײַן דער משפּט איז גערעכט — ס'קומט אונטערגאַנג אונדז אַלע,
קאָן זײַן — נישט איבערטריבן איז דער האַרבער איצטיקער גזר־דין,
קאָן זײַן — נישט העלפֿן וועט קיין טענה און קיין יעלה,
דער לעצטער אורטייל איז — א טויט דעם מענטשן־מין!

נישטאָ קיין ווידערשטאַנד — אַזוי געפּסקנט איז — פֿאַרפֿאַלן,
דער אונטערגאַנג קומט־אָן מיט גײַסטלעכן און תליון —
האַנט בײַ האַנט,
אויף אַרבע מיתות בית־דין די ברוטאַלע
איז, דאַכט זיך, צוגעגרייט איצט פֿאָלק און לאַנד.

נאָר אצבע אלקים עס שיקט נישט איצט קיין מבול,
און נישט דורך בליץ און דונער נעגטערט זיך דער פסק,
אויף וועלכן ס׳איז דער חוטא אומשולדיקער גרייט, קאַפּאַבל,
געהויבן איז אויף אונדז נישט שאַרף פון שווערד און האַק —

נאָר פון אָראַנגוטאַנג אַ האַנט, אַ האָריקע, אַ רויע —
זי ווערגט בײַם האַלדז, מיט שטאָלן־נעגל אונדז די אויגן שטעכט.
וויי, דערטרונקען ווערן אין אַ זומפּ פון אומצוכט און פון צואה —
אַ שטראָף אַזאַ די שרידי־פליטה פונעם מענטשן־מין פאַרשווערכט!

40

אין יאוש מײַנעם פאַר דער שפלות, פאַר געפאַלנקייט פון מענטש־מחבל,
איך פאַל־אַוועק אין אומנחמהדיקייט פון די חושך־נעכט:
אָ, ליבער גאָט, שיק דאָ אַראָפּ אויף אַלעמען אַ מבול,
אויף אָפּצושווענקען אַלץ וואָס איז פאַרווילדעוועט און שלעכט!

אַ מבול זאָל איצט זײַן — עולמות אַלע מעגן חרוב ווערן —
קיין תבהס דאַרף מען נישט — אַפילו פאַרן חלום און געדאַנק,
פאַרטרונקען ווערן מעגן זון, לבֿנה, שטערן —
זאָל קומען, טאַטע הימלדיקער, וויסטער אונטערגאַנג!

אַז דורכגעזאַפּט איז ערד מיט שקרים, בלויזן ליגן,
אין בלוט געוויקט איז אַלדאָס לעבעדיקע אויף דער ערד:
אַזעלכע אומגעלומפּערטע מפלות און נאָך נאַרישערע זיגן —
אַז אַלץ וואָס גלײַך — איז האָפענונגלאָז איבערגעקערט!

נאָר ווער דען מבול העלפן, טאַטע האַרציקער, דו, טאַטע־פאָטער?
און ווידער האָסטו צוגעזאָגט — אַ מבול וועט נישט זײַן,
טאָ שיק אַראָפּ דעם מענטש אין דאָרשטיקייט אין זײַנער טל־ומטר,
און צו דעם דיכטער ניכטערן — די טראָפּנס שיפרות־ווײַן!

41

דער גורל אונדזערער האָט אָנגעטאָן אײַך גלויבן־ברילן:
— דורך דעם־אָ גלאָז געשליפֿענעם איר וועט דעם גאָט דערזען,
איר וועט דערמיט דעם דאָרשט פֿון מענטש און זײַן באַשטימונג שטילן,
און ניסים — ניסים איבער ניסים וועט איר נאָנט לעם * זיך דערזען!

איר וועט אויף בערג אַרויפֿשטייגן פֿון טאָלן פֿלאַכע,
און הויך וועט איר באַגרײַפֿן, וואָס ס׳איז גליק,
איר וועט געניסן פֿון דערט פרייד: ואָהבֿת לרעך,
און דאַן פֿאַרגעסן צו דער חיה רעה אײַער וועג צוריק —

נאָר צו דער חיהשקייט צוריק עס ציט די שקלאַפֿן,
צום קלעטערן אויף פֿלאַך פֿון דר׳ערד — אויף אַלע פֿיר —
און מיט די ברילן מאַכן נאָר אַן אָנשטעל בלויז צו אַפֿן **,
אין זייער בלינדער בלענדעניש, וואָס איז אַן שיעור!

זיי טראָגן זיי אויף בויך און הינטן און אויף שמאָלן שטערן,
און שמעטערן אויף פֿיצלעך זיי אויף שאַרף און טעמפּ פֿון שטיין,
און אין די וועגן פֿונעם זען און הערן דרכים פֿון מזלות־שטערן,
בלײַבן ווײַטער מיר פֿאַראיינזאַמטע אַליין.

42

זיצן זיי, אַלכעמיקערס, און דרייען־איבער רעדער פֿון געשיכטע,
און שטויסן ציינער וועלפֿישע אין סטויפּן פֿון דער שרעק,
און אמתן און שקרים די צעשטויסענע זיי מאָלן —
משלחתן, פֿאַרשלעפּטע קרענק און קאַליקעס און שלעק.

זיצן זיי, אַלכעמיקערס, און דרייען־איבער רעדער פֿון געשיכטע,
און ברעכן אַקסן, לייגן שווערע שטיינער אויפֿן וועג,
פֿון מוחות זייערע עס הייבן שטויבן זיך געדיכטע,
וואָס יעדער סימן ליכט פֿאַרשיטן זיי אין אונדזערע די טעג.

---

* נעבן. — ** מאַלפּעס.

זיצן זיי — אַלכעמיקערס — און קאָכן סמען אין רעטאָרטן, *
די צינדערס, אונטערצינדערס, פֿלעמלען שלאַנגענהאַס,
און לייגן פֿאַר דער וועלט אַרויס געשפּרענקלט־שולערישע** קאָרטן,
און דראָען, קראַקען, וואָרענען: זײַט וויסן — „אויב, און אַז"...

און אַז אַמאָל־אַמאָל מען האָט געררודפֿט כּישוף־שווינדל
און די אַלכעמיקערס צו זייער שקר און צו חרפּה צוגענאָלט —
דאַן גילט הײַנט שטיין דער פֿילאָסאָפֿישער פֿון זיי און קינדלט
מיט שפּיכת־דמים, מענטשן־לעסטערונג, באַגילדט — מיט פֿאַלשן גאָלד!

43

זאָל נקמה זײַן עס איצט — צוויי טויזנט־יאָריקע די ראָסטן ***,
וואָס פֿרעסן־אויף די וואָרצלען פֿון דער ליבשאָפּטבלום,
דערפֿאַר וואָס שאול פֿון תּרשיש — פּוילוס דער אַפּאָסטאָל
האָט טראָציק אויסגערופֿן: „ציוויס ראָמאַנוס סום" ****?

אָ, איצטער וואָלט עס זיכער נישט געקאָנט פּאַסירן
אין שטאָט דער אייביקער, נאָך קנאַפּ צוויי טויזנט יאָר,
אין שוואַרצן רוים, ווו אויסגעשפּרייט האָט זיך די כּפּירה
און פֿירט צו חרפּה דעם פּלעבעישן, דעם טיפּשות־דור!

ווען איצט פֿאַרהערט עס ווערט דער גאָטהייט־בירגער פּוילוס
און ער דערקלערט ווי דעמאָלט: — בירגער כ׳בין פֿון רוים,
וואָלט חוזק אים דאָך אויסגעלאַכט אויף קולי־קולות
און מיט אַ שטריק מען וואָלט געפֿירט אים צו אַ בוים —

טאָ זאָל׳ס נקמה זײַן נאָך יאָרן די צוויי טויזנט
אין דעם פֿאַרמעסט פֿון וואָלף דעם רוימישן און גליל־לאַם,
וואָס לעת־עתּה קאָנען נישט אין רוים און צײַט צוזאַמען הויזן,
בעת ראָסטן פֿון יאָרטויזנטער פֿאַרמעסטן זיך אויף פֿײַער־פֿלאַם!

---

* כלי פֿאַר כעמישע עקספּערימענטן, צו קאָכן, דעסטילירן און אַרויס־טרייבן די גאַזן דורך אַ רערל. — ** גנבישע. — *** זשאַווערן. — **** „אַ רוימישער בירגער בין איך!".

44

יאָ, ברודער מײַנער, גיב דײַן האַנט -- איך וועל זי האַלטן
און מיט דער אַנדערער פֿאַרשטעלן וועל איך דיר דײַן בליק,
פֿאַר קוקן אינעם גרויל דײַן בליק איך וועל באַהאַלטן
דײַן בליק, וואָס זומט ווי אין די שפּינעכצן אַ פֿליג...

דײַן בליק איז פֿון אַ לאַם, אַזוי דערשראָקן,
דײַן פּחד אַ בהמהשער: — וואָס איז דאָ וואָס געשען?
דו ווייסט עס נישט:פֿאַר וואָס, פֿאַר ווען עס שטומען די אַליאַרם־גלאָקן?
דאָס גיהנום פֿאַר דײַן אויג — צום ערשטן מאָל דערזען.

ביסט בלינד און טויב געווען אויף אַלע עבֿר־זעונגען און קולות,
און ס'האָט דײַן חיי־שעה פֿאַרשטעלט פֿאַר דיר דעם עתיד־וועג.
דעריבער — שרעק אוממענטשלעכע, דעריבער כּפֿול־שמונהדיק
דער גרויל איז,
אין מײַנע און ממילא דײַנע אפֿשר לעצטע טעג...

איך ווייס אָבער פֿאַרוואָס, פֿאַר ווען, און ווי ס'ט'זיך אויסגעשטאַלטן,
איך ווייס דעם סוף דעם אומפֿאַרמײַדלעכן פֿון אַלדאָס בייז —
יאָ, ברודער מײַנער, גיב דײַן האַנט, איך וועל זי האַלטן,
ווען אומשולדיקע שולד פֿון דיר עס טרינקט זיך אינעם אַנגסטנשווייס.

45

עס מיט זיך איטלעכער אויף שטייגער אייגענעם דעם יאוש אָפּצווווענדן;
טו איך עס דורך די שיפֿברוך־רעשטלעך האָפֿענונג און טרייסט.
און ער, מײַן שוואַרצער ברודער, דערציילט זיך אַ לעגענדע
פֿון דעם, למשל, וואָס דער יושר זײַנער אים דערציילן הייסט:

— אַנומלט איז'ס געווען, אין ווײַטער צײַט פֿון מעשה בראשית —
דערציילט ער — אָדם וחוה, קין, הבֿל — אַלע זײַנען שוואַרץ געווען
אַזוי ווי איך אַצינד, מײַן ווײַסער פֿרײַנד, אויף זיכער כ'ווייס עס!
איך האָב עס אין דער זעעניש פֿון חלומען געזען...

און ס׳איז געשען אַזוי — אַז שוואַרצער קין האָט דערהרגעט הבל שוואַרצן,
און גאָט ברוך־הוא, ווו הבל איז, האָט אים געפרעגט,
איז מערדערבלוט אַנטרונען קינען פון קאָפּ און הארצן,
און בלייך און ווײַס האָט ער זיך מיט זײַן חטא געקרעקט —*

פון דעמאָלט אָן די פּחד־בלאַסקייט טרעט נישט אָפּ פון דעם רוצח.
און די בני־קין זײַנען נאָך עד־היום מערדער ווײַס,
בעת מיר, די זין פון הבל, ווײ — אַז אַך־און־ווײ איבך! —
מיר זײַנען די קרבנות, זײַן ברודער־פּרעסערישע שפּײַז!

46

ס׳גליט אומעטום די ערד אונטער מײַנע טריט,
און אומעטום ברענט שריפהדיק דער הימל,
ס׳איז הימל־און־ערד און דער פאַרפלוכטער ייד —
ס׳איז קויט און אומצוכט, פוילעניש און שימל.

איך קוק זיך אָן — אַ ווילדע רעטעניש אַליין —
אַליין איך קוק זיך אָן אויף בייזן ווונדער:
צי בין איך גרויס אַזוי, צי אפשר אַזוי קליין,
איך — די רעטעניש פון דעם משוגענעם יאָרהונדערט?

אין מספר קליין, פון אומעטום פאַרלוירן,
זאָל איך דער היוון זײַן, וואָס טעמפּקייטן עס ברויזט,
זאָל איך עס האָבן די נישט־דאָ־געדאַכטן אויפגעיווירן,
און אַלע נישטיקייטן צו אַ יש געגרויסט?

זאָל איך עס זײַן פון גיהנום־אומגליק דער פערמענט,
און טאַקע אָט דערפאַר, וואָס זיך אַליין פאַרגעס איך —
איך, וואָס קלאַפּ אין שערי־רחמים מיט די אומבלוטיקע הענט,
איך, וואָס שטיי בײַם אויסלייזטיר כעני בפתח?!

---

* געוואָרגן, געשטיקט.

47

מיר האָבן זיך אַנטקעגן קיינעם נישט פֿאַרשולדיקט, נישט פֿאַרזינדיקט!
ווער איז דער נזיר דער, וואָס וואַרפֿן מעג אויף אונדז אַ שטיין?
האָט שקר כּוח דען אַראָפּצובר̈ענגען אַ דערפֿינדונג,
וואָס זאָל הערוויַיזן, אַז גערעכט איז ער, נאָר ער אַליין?

אין וויפֿל נײַע שלייערן פֿון רעכט און יושר זאָל ער זיך נישט הילן
און וויפֿל טומאה־אויסברוכן דערקלערן — קדוש, טהור, ריין,
פֿאַרבלײַבן מיר אַן עם קשי עורף, און אויף שדים־שפּילן
ענטפֿערן פֿאַרצווייפֿלט מיר, אַן צווייפֿל — ניין און ניין!

קיין אינקוויזיציע־שענדיקונג וועט קיינעם אָסור ברענגען נוצן:
נישטאָ אַ קראַפֿט אַזאַ, וואָס אַשפּה זאָל פֿאַרוואַנדלען אינעם גליק.
און אויב אַזוי — אומזיסט די טרחה, מיר — זײַנען נישט מרוצה,
דעם יאָך פֿון אונדז, די דברות צען, מיר וואַרפֿן נישט צוריק!

מיר האָבן נישט געזינדיקט קעגן שום עם ולשון,
ס'איז קלאָר — מיר האָבן גוטס געזייט אין זייער רוב,
נאָר זיך אַליין מיר האָבן ביז צום אומזין אויסגעלאָשן,
און אָט דערפֿאַר מיר קומען־אָפּ פֿאַר אַלעמען די שטראָף.

48

ס'איז קלאָר — ווען זקנה־וועלקעניש אַרײַן איז אינעם מענטשן־גלויבן
און ליבשאַפֿטטאָט געוואָרן — אָפּגעפֿאַלן טרוקן בלאָט,
האָט סריסות די אַלפֿעלקישע די פּויסט דערהויבן,
און דברי הימים אונדזערע עס זײַנען — בלויז פֿאַרראַט!

דערהויבן איז די האַנט אַכזריותדיקע פֿונעם סריס,
די נוקם־ונוטרדיקע, שרצדיקע מערדערהאַנט,
און אַלע סברות וועגן דעם, וואָס שקר און וואָס וואָר איז,
אין דער ערבוביה — איז אָפּגעשפּילטער און פֿאַרלאָשענער פֿאַרשטאַנד.

שטרוימט לאַנד אויף לאַנד מיט דראָונגען פֿון אַרבע מיתות,
איין מיתה פֿאַר דער אַנדערער איז מיאוסער אַלץ מער;
אויף עובֿר־בטלדיקייט אויפֿגעהויבן איז די האַנט פֿון סריסות,
און באַלד וועט זי אַראָפּלאָזן דעם טויטקלאַפּ שווער.

ווער וועט זי אָפּווענדן, די פּויסט, די אומגעלומפּערטע ברוטאַלע,
פֿון וועלכן הימל וועט אַ דונער אין פֿאַרמעסט אין פֿרוכטלאָזן אַרײַן?
קום, אומקום — אונטערגאַנג — אַ, בואי כלה —
קום, אויפֿבלי, נאָך דער זקנה־וועלקעניש אין געטערשײַן!

49

דאָס ווייסן מיר — און אפֿשר מיר אַליין עס ווייסן,
אַז כּל־זמן עס איז אין ערגעצן פֿאַראַן נאָך גרויל,
אַז כּל־זמן אין מי אין שווערער באַשלאָגן מענטשן קאַלטע שווייסן —
קאָן קיין בן־אָדם נישט געניסן פֿון דעם גליק מיט פֿולן מויל.

דאָס ווייסן מיר: כּל־זמן פֿאַראַן אויף ערד איז פּײַן און יאָמער
און ס׳רײַסט זיך נאָך פֿון עמעצנס האַרץ אַרויס אַן אוי —
עס קאָן קיין שלימותדיקער גליק נישט זײַן — כּה אָמר —
אין זײַן גרויסער מענטשלעכקייט — כּה אָמר אַד״י!

כּל־זמן אַ קינד גייט־אויס פֿאַר הונגער בײַ אַ מאַמעס פּוסטע ברוסטן,
וועט קיין גענוס טאָן קיין שום מענטש די פֿרעס צו זעט;
עס וועלן קיין שום תּיקון האָבן לײַדנשאַפֿטן־לוסטן
און פּוסטע רייד וועט קינדיקן דער נבֿיא און פּאָעט!

דאָס ווייסן מיר — אַז ס׳וועט נישט קומען קיין ישועה
און קיין שום רו אין קיינעמס נישט געצעלט;
מיר ווייסן — אונדזער וועג עס איז אין שטענדיקן נישט רוען,
ביז אויסלייז ברענגען וועלן אַלע גאַר דער וועלט!

50

נישט אויף אַן אײַזעלע אַ ווײַסן אויף די וועגן פֿון בית־לחם,
נישט אָנגעקינדיקט דורך אַ שופֿר, צי אַ גלאָק,
נישט דורך לויבגעזאַנגען, צי דורך לעסטערן און דורך פֿאַרשוועכונג,
נישט דורך מלחמות אומזיניק־אומווירדיקע פֿון גוג־ומגוג —

נישט דורך תּורות די פֿאַרפּלאָנטערטע און אויסגעשעפּטע,
נישט דורך געפֿאַלנקייט, דורך יאוש און דורך נויט,
נישט דורך אומברענגען נבֿיאי־שקר די געקעפּטע,
נישט דורך קײַקלען זיך אין דר׳ערד שוין נאָכן טויט —

נישט דורך אויסקליגלונג, דורך כּולו זכּאי, כּולו חייבֿ,
נישט דורך פֿאַרנאַרישונג פֿון זעלבסט־מאַרטירערײַ —
ס׳גייט אויף גאָרער וועלט אַ ליכט אַ נײַ אויף,
אַ זון אַן אויסגעלײַטערטע, אַ לעבן נײַ —

און קומען וועט ער אין איעדנס טראַכטונגען און אַנען,
פֿון דורכזיכטיקייט לויטערער געהייליקט און געבענטשט,
ער וועט צעשמייכלען זיך אויף אַלע פּנימער: פֿאַרשטאַנען —
פֿאַרשטאַנען וועט מען האָבן, ס׳אַראַ נס עס איז דער גאָט און מענטש!

כ׳וויל אנטלויפן פונעם גרויל...

ווײ צו זיי!

אַ חיה רעה ווער האָט לעבעדיקערהייט באַגראָבן,
ווי זיי מיט אונדז געטאָן דאָס האָבן —
ווײ צו זיי!

פֿון שאָף און רינדער ווער האָט לעבעדיקערהייט געשניטן גלידער,
ווי זיי געטאָן האָבן מיט מײַנע קינדער, מײַנע שוועסטער, מײַנע ברידער —
ווײ צו זיי!

אַ חיה רעה ווער האָט לעבעדיקערהייט אויף צוויי צעריסן,
ווי זיי, די כּלבים־ריטער, האָבן עס געטאָן מיט רויִקן געוויסן —
ווײ צו זיי!

קיין שלאַנג אַפֿילו האָט מען לעבעדיקערהייט קיין אויגן ניט געשטאָכן,
בײַ זיי איז עס געווען אַ שפּיל — אַ יום־טובֿ אינדערוואָכן —
ווײ צו זיי!

און ווער האָט מענטשלײַב אין חלבֿ, אויף צו מאַכן זייף, געשמאָלצן,
אין בלוט פֿון עופֿהלעך באַשיינט, באַחנט דאָס רויבער־מאָלצײַט —
ווײ צו זיי!

און מיטן וואָרצל אויסראָטן אַ פֿאָלק אַ גאַנצס ווער נאָך האָט זיך געקוואָפּעט

להשמיד, להרוג ולאבּד? —
ווײ צו זיי!

מיר וועלן אַט דאָס אַלץ אויף דורות־דורות פֿאַרגעדענקען
און ניט שענקען —
ווײ צו זיי!

מאָסקווע, 1944

ווו אַנטלויפֿן?

נאָכן אָפּזיצן 7 יאָר
אין סאָוועטישע טורמעס

ווייל איך עפֿענען דאָס מויל,
עפּעס וויל איך זאָגן,
כ׳וויל אַנטלויפֿן פֿונעם גרויל,
ווו די אויגן טראָגן —
ווערט דאָס מויל פֿאַרקרימט מיר באַלד,
שטאַר די ווערטער ווערן,
חיהש וואָיע איך אין וואַלד
ווי אַ וואָלף אויף שטערן.
ווייל איך עפֿענען דאָס מויל,
עפּעס וויל איך זאָגן.
כ׳וויל אַנטלויפֿן פֿונעם גרויל,
ווו די אויגן טראָגן —
טראָגט מיך יעדער וויסטער ווינט,
האַלט אין איינעם יאָגן,
וויל מיך נישט — אוי, וויי און ווינד —
ווייל די ערד נישט טראָגן...
ווייל איך עפֿענען דאָס מויל,
עפּעס וויל איך זאָגן,
כ׳וויל אַנטלויפֿן פֿונעם גרויל,
ווו די אויגן טראָגן —
שטומט דאָס וואָרט, פֿאַרגליווערט, שטאַר,
אויף אַ טויטן אופֿן —
ווו זאָל איך פֿאַר פּײַן און צער
און פֿון זיך אַנטלויפֿן?!

ווער ווייסט?

ס׳איז גרויס די חרפה גוואַלדיק,
ס׳איז דער פֿאַרברעכן שווער,
ווען מענטש איז חיהש, וואַלדיק
ווער ווייסט — ווער שולדיק מער?

די פֿראַגע דאַרף מען שטעלן,
ווער מער אין זינד איז גרויס:
צי דער, וואָס גיט באַפֿעלן,
צי דער, וואָס פֿירט זיי אויס?

איין זאַך — דער שונא ביטער
האָט אָפֿן זיך דערקענט:
בעת פֿייניקונג געציטערט,
געשווידערט האָבן ווענט!

עס האָבן אָט די בריאות
נאָך מענטשנבלוט געלעכצט,
געסקריפּעט האָבן תּליות,
זיי האָבן שווער געקרעכצט...

עס האָט זיך בלוט געצונדן
און פֿראָסט און שניי געגליט —
אויף לעבעדיקע ווונדן,
אַז זאַלץ מען האָט געשיט!

ס׳איז גרויס די חרפה גוואַלדיק,
ס׳איז דער פֿאַרברעכן שווער,
ווען מענטש ווערט חיהש וואַלדיק,
ווער ווייסט: ווער שולדיק מער?!

מיין פאָלק

מײַן פאָלק דאָס בין — איך!
אויפֿן האַלדז ליגט מיר שטענדיק פֿון שונא דער מעסער,
פֿאַר חרפּה פֿון פֿעלקער כ׳באַהאַלט מײַן געזיכט,
אי דערפֿאַר וואָס מײַן פּנים איז פֿון אַלעמענס גרעסער,
אי דערפֿאַר וואָס פֿון זיי בין איך בעסער!

די שרעק

מיט טויט איך פֿיר אַן אייביקן, אַ שווערן קריג,
ער גייט אויף מיר פֿון אַלע זײַטן, אַלע עקן.
אין קאַמף מיט אים איך ווייס נישט פֿון קיין טריט צוריק —
כ׳האָב מורא נאָר — דאָס לעבן זאָל מיך נישט דערשרעקן:
כ׳האָב מורא זיך דערשרעקן פֿאַר דעם גרויזאַם און דעם גרויל,
וואָס ס׳לעבן ברענגט פֿאַרשטעלטערהייט און אָפֿן:
דאָס לעבן שיקט אין מיר פֿאַרסמטע קויל נאָך קויל —
כ׳האָב מורא ס׳לעבן זאָל מיך נישט אַנטוואָפֿן...

ווענדונג

מײַן יונגער ברודער, דו מײַן ברודער, יונגער ייִד,
מעג ס׳לעבן זײַן ווי האַרב צו דיר און ווי ־ערווידער —
דײַן נפֿש רײַס־אַרויס פֿון קאַטערינקע־ליד
און קוק נישט דורך דער בריל פֿון מענדעלע האָרמידער...
ס׳איז קורצזיכטיק זײַן בליק און מוטנע איז זײַן בריל,
ווען ר׳איז אַפֿילו אָפּט באַגליקט, אַנטציקט און הײַטער,
ווען ער צעקלימפּערט זיך, צעטענצלט מיט געפֿיל —
זײַן תּכלית פֿון זײַן נאָז עס איז קיין סך נישט ווײַטער.
פֿאַרקוק זיך נישט אויף זועלט מיט קעגנוואָרט, וואָס בלינד,

אין שרעק אין פּאַנישער נישט לויף מיט סטאַדע־רייען,
זיי לויפן מיטן ווינט, פאַרלויפן מיטן ווינט —
קוק בעסער מיטן בליק פון נביא פון ישעיה!
ס׳איז בעסער פיל אַזוי, ס׳איז תּכליתדיקער מער
נישט פּייניקן זיך סתּם אַנטקעגן שׂכל־שטראָמען,
וואָס קומען מוז אַהער, און ס׳גייט אין גרויס צעשטער —
והיה — און ס׳וועט זיין... און ס׳קומט דער אחרית הימים!

באַרויִקונג

באַרויִק זיך, אָ, מוח מיינער, נו, באַרויִק זיך אַ ווייל,
ווענד־אָפּ געדאַנקען דיינע ווילד און ווילדער:
נישט וואָר איז עס, וואָס זעען זעסטו ווייט אויף טויזנט מייל
אין אַלע זעענישן און אין בילדער.
דאָס איז נישט וואָר: ס׳איז אַלץ נישט מער — אַ בייזער חלום.
ס׳וועט אַלץ אַדורך... ס׳וועט זיכער גליקלעך מינען...
דער בייזער חלום אין דער וועלט — אַ חלום וועט אַדורך בשלום...
באַרויִק זיך, אָ, מוח מיינער... ביסט פון זינען!
באַרויִק זיך, אָ, האַרץ מיינס! נו, באַרויִק זיך אַ ווייל.
דער גאַנצער גרויל פון מענטשן־טיפשות איז — לעגענדע!
באַרויִק זיך... שטעל־אָפּ ס׳געיעג, דאָס גרויס געאייל...
באַרויִק זיך... עס נעמט דאָך סוף־כּל־סוף אַן ענדע!...
באַרויִק זיך, אַ האַרץ מיינס! נישט געשטויגן, נישט געפלויגן
איז אַלץ אַרומעט — אומעט, צער — דאָס טויטן־טאַנצן,
פאַר גוזמאָס די — די אויערן פאַרשטעק, מאַך־צו די אויגן...
באַרויִק זיך, אָ, האַרץ מיינס!... נישט שטעל זיך אָפּ אין גאַנצן!

דראמאלעטן

אויטאָ־דאַ־פֿע

אין ליסאַבאָן, אין מיטן 18טן יאָרהונדערט, אויף דעם זעלביקן אָרט ווו עס געפינט זיך איצט דאָס טעאַטער־פּלאַץ און עס מאַניפעסטירט שטום דער דענקמאָל פונעם רומפולן פּאָעט און דראַמאַטורג אַנטאָניאָ דע סילוואַ — גע־נויער: אין יאָר 1742 — איז אויף אַ שייטערהויפן פון דער פּאָרטוגעזישער אינקוויזיציע פאַרברענט געוואָרן דער זעלביקער אַנטאָניאָ דע סילוואַ ווי אַ באַשולדיקטער אין געהיימער איבערגעגעבנקייט צום יידנטום.

באַלד וועט פאָרקומען די עקזעקוציע און די טייוולאָנישע פלאַמען פון דער הייליקער אינקוויזיציע שליידערן אויפן גאַנצן שטח זייערע תאַוההדיקע, זשעדנע צינגער. הינטער די פלאַמען רוישט דאָס בלינדע, טעמפּע פעבל־פאָלק. אינעם פאָרנט פונעם שייטערהויפן, אויף אַ דערהייבונג, שטייט דער **קעניג** פון פּאָרטוגאַל אינעם געזעמל פון די אינקוויזיטאָרן. אונטן — **אַנטאָניאָ דע סילוואַ**. ביי אים, פון ביידע זייטן — **תּליינים**.

דער קעניג — צום לעצטן מאָל איך בעט דיך,
איך, פון פּאָרטוגאַל דער קעניג,
דיין הערשער, דיין געביטער —
אַ קעניג, ווייסטו, בעט נישט, נאָר באַפעלט,
און איך — איך בעט דיך,
זאָלסט חרטה האָבן —
דע סילוואַ — איך האָב נישט וואָס חרטה האָבן,
כ'בין אין גאָרנישט — קיינעם גאָר נישט שולדיק.
דער קעניג — זאָלסט תשובה טאָן אויף דיין געפּיל־וואָן*!
עס איז דאָך משוגעת,

---

* וואַנזין, ווילדן אייפער.

אַז דאָס, וואָס ס׳איז פֿאַר אונדז אַ ווינציקייט, אַ שפּאַס,
זאָל אָפּנעמען בײַ דיר דאָס לעבן —
אַנטאָניאָ דע סילוואַ!

דע סילוואַ — ס׳איז נישט געפּילוואַן,
נישט שגעון בלינדער, נישט באַטויבונג,
ס׳איז נישט קיין טראַציקייט און נישט קיין האַס,
ס׳איז, מאַיעסטעט... ס׳איז גלויבן!

אַ תּלין — אַ גלויבן אינעם טײַוול,
אין זײַנע נעצן אײַנגעשפּונען —
איז נישט קיין סימן פֿון אמונה!

דע סילוואַ — אַט זעסטו, קעניג, גוטער, פֿיל־גנעדיקער,
אַט זעסטו, הערסטו, מאַיעסטעט,
ווי ס׳ווערט דער תּלין פּלוצים פּריידיקער,
און ווי ער רעדט — ער רעדט!
דער נישט־דערגאַנגענער שלימזל —
מײַן כלומרשטער פּאַעזיע־קאָנקורענט —
די פֿײַערן פֿון קנאה זײַנער כוואַליען!
נו, מילא, איז דערווײַל געוואָרן ער אַ תּלין
און מיך און בוך מײַנעם ער ברענט...
דער נאָך דעם איז ער זיכער,
וועט אומעטום
זײַן נאָמען קריגן רום,
און קומען וועט גערעטעניש אויף זײַנע ביכער!
אָבער, מאַיעסטעט...

דער קעניג — וואָס ווילסטו זאָגן נאָך, אַנטאָניאָ?

דע סילוואַ — ס׳איז אָך־און־וויי צום פֿאָלק אין לאַנד,
וווּ תּלין ווערט צום טאַטע באַרופֿן!
ס׳איז אָך־און־וויי נאָך מער צום גלויבן,
אין וועלכן הענקער פֿירן־אײַן הארמאָניע!
אָ, מאַיעסטעט —

עס וועלן אויסגעלאָשן ווערן
פֿונעם גײַסט די זון, לבֿנה און די שטערן
אין יענעם לאַנד, אין יענער תּקופֿה,
עס וועלן אויסגיין אַלע ליכטער —
געלערנטע, דענקערס, קינסטלערס, דיכטערס,
אין יענער צײַט ווען די תּלינים וועלן ווערן ריכטערס!

דער קעניג — דעריבער זאָג איך דיר
און וואָרן דיך,
דו, ריטער אײדעלער פֿון גײַסט,
דו זאָלסט זיך עפּנטלעך דאָ אָפּזאָגן:
פֿאַר מיר, דעם קעניג און געביטער דײַנעם,
פֿאַר אַנגעזיכט פֿון אינקוויזיציע־ריכטערס,
פֿאַר אויערן פֿון גאַנצן פֿאָלק,
און פֿאַר די אויגן שרעקלעך פֿונעם טויט —
דו זאָלסט זיך אָפּזאָגן פֿון ס'אַפּיקורסות,
פֿון גלויבן פֿונעם פֿאַלשן,
און כ'וועל דיר דאַן צו העכסטער הייך דערהייבן,
וואָס העכער וואָלסטו גאָר נישט זײַן געוואָלט.

דע סילוואַ — אַן אָרעם גלייבן, נעבעך, אַ בעטלער־גלייבן,
וואָס ווערן קאָן דורך מענטש באַצאָלט!

דער קעניג — ונעסט גיין אין זילבער און אין גאָלד — — —!
און טאָמער נישט,
וועט פֿרעגלען באַלד דײַן הויט,
אויף פֿײַערן מיט בלוט געמישט,
דער גרויזאַמער פֿון אַלע גרויזאַמסטע,
דער פֿײַערדיקער טויט!

דע סילוואַ — פֿאַר דעם־אַ האָב איך נישט קיין מורא,
פֿאַר פֿײַערטויט!
כ'בין פּטור פֿון דער שרעק בירושה:
זינט ווען אין אײַער שׂנאה און אין טומאה

ס'עס זײַנען אבֿות מײַנע און אבֿות־אבֿותי
אין פֿלאַמען־פּײַניקונגען,
אין שײַטערהויפֿנס גרויסע,
אין יסורים און עינויים קשים אומגעקומען...
זינט ווען די מוטער מײַנע,
די שטילסטע טויב, לאַרענצאַ,
געשלײַדערט איז געוואָרן אין די קעלערן פֿון כּף־הקלע,
דורך אײַער ווילדקייט אומבאַגרענעצטער —
דורך אײַער בלוטיקן דעם שׂנאה־טריבונאַל!

ערשטער אינקוויזיטאָר — געגנוג דערמיט, פֿאַרשאָלטענער,
עקשנותדיקער ייִד!

דער קעניג — דע סילוואַ,
פֿרײַנד מײַנער, אַנטאָניאָ,
דו ווייסט דאָך, ווי כ'האָב ליב דײַן ליד,
דו ווייסט דאָך, ווי כ'אַכפּער און איך שעץ עס!
דו ווייסט אויך רעכט, וואָס כ'קאָן נישט, —
וואָס איך קאָן יאָ,
און דיר באַקאַנט אויך, אַלס יוריסט ס'געזעץ איז...
טאָ ענטפֿער מיר, נאָך מײַנע אויפֿריכטיקע פּרוון —
וואָס גיסטו פֿאַר אַ תּשובֿה?

(דע סילוואַ שווײַגט פֿאַרביסן. קורצע פּויזע. דער קעניג טרעט־אָפּ,
אַוועקמאַכנדיק מיט דער האַנט. באַלד דערהערט זיך אַ פֿאַרשווינ־
דנדיק קלאַפּן פֿון פֿערדישע פֿאַדקאָוועס)

צווייטער אינקוויזיטאָר — אַנטאָניאָ דע סילוואַ,
דעם אורטייל ווייסטו דײַנעם —
דײַן טויט איז אומפֿאַרמײַדלעך...
בחינם איז צו לעסטערן די מי דײַן!
ביסט דו אין טויפֿוואַסער געטובֿלט,
צום גלויבן פֿונעם אויסלייזער באַקערט —
ביסט דו זיך מודה, אַז דײַן גלויבן און דײַן האַרץ געהערט
צו ייִדן?

דע סילוואַ — כ׳בין זיך מודה,
כ׳בין זיך מודה, —
דרײַ מאָל מודה!
ערשטער אינקוויזיטאָר — הײַנט ווי אַזוי דען
וועט דײַן זינדיקע נשמה,
אין זשאַווער און אין שימל,
ווי־אַזוי אין פֿלאַקער פֿונעם סנה,
דורך אונדזער הייליקן אויטאָ־דאַ־פֿע —
אַ ווײַסע טויב אַרײַן אין הימל?
ווי אַזוי אַן ערד?...
דע סילוואַ — איך בעט אײַך, לעסטערט נישט
די אומשולדיקע געטלעכקייט אין קלעם —
דורך קידוש־השם
וועט מײַן נשמה, די זינדיקע, פֿאַרראָסטע —
פֿאַרלאָזט זיך —
האָבן קפֿיצת־הדרך!
צווייטער אינקוויזיטאָר — דע סילוואַ! אַנטאָניאָ דע סילוואַ!
אויף זיך רחמנות האָב:
באַזין זיך פֿאַרט,
און פֿאַר דײַן לעצטן שוידער,
נישט זײַ זיך מודה!
נישט זײַ זיך מודה
כאָטש איצטער, ווען באַקומסט דאָס לעצטע וואָרט!
דע סילוואַ — כ׳באַקום דאָס לעצטע וואָרט —
נון גוט!
טאָ קודם ווייסט, אַז קיין מאָל שווײַגט נישט
דאָס אומזיסט־פֿאַרגאָסן בלוט!
עס שווײַגט נישט, ניין...
נאָר ס׳שרײַט, עס רײַסט, עס ציטערט־אויף
די הימלען און די ערד!

אויפֿסנײַ, דורך תּוהו־ובוהו,
ווערן ערד און הימל דאָן איבערגעקערט!
און דער וואָס איז פֿון דעם בטחון אַ באַהערשטער
און דער וואָס אויערן פֿאַר עתיד האָט — דער הערט,
און דער וואָס פֿאַר דעם עתיד אויגן האָט — דער זעט,
ווי עס געשעט,
אַז יענער, וואָס אַצינד פֿאַר גאָט און לײַט
האָט ס'לעצטע וואָרט,
וואָס פּײַן און מאַטער ער פֿאַרשרײַט —
באַקומען וועט דאָס וואָרט דאָס ערשטע!
דערוויילע, מײַנע האַרן, האָרכט:
דורך מײַנע לײַדן אָן אַ שיער און ערך
איך, אַנטאָניאָ דע סילוואַ, איך דערקלער אײַך,
אין טיפֿן גלויבן מײַנעם און אין ערע־פֿאַרכט,
אַז כ'בין זיך מודה
אין דער אַנגעהעריקייט און טרײַקייט צו מײַן גאָט און פֿאָלק!
אַ, איר אַליין — איר, מײַנע האַרן און געביטערס,
דאָס זאָגט איר דאָך אַליין,
אַז ס'איז די דאָזיקע אמונה מײַנע
געגעבן מיר פֿון גאָט!
דאָס זאָגט איר גופֿא דאָך,
אַז ליב געהאַט האָט גאָט זי —
טאָ, ווי אַ שטייגער, האָט ער, כּביכול,
געקאָנט זײַן מיינונג בײַטן,
און פּלוצים אָנהייבן זי האַסן?!
כ'פֿאַרשטיי עס ניט —
מיר לייגט זיך עפּעס גאָר ניט אויפֿן שׂכל,
אַז ס'קאָן אַזוינס בײַם איבערשטן געמאָלט זײַן,
ער זאָל די מיינונגען וועגן טוישן!
דערקעגן, בין איך זיכער,

און אַפילו איבערגעצײַגט בין איך,
אַז גאָט איז טרײַ דער ליבע זײַנער,
אַז טוישן טוישט ער נישט אויף קלײנגעלט
זײַן מחשבֿה, זײַנע מעשׂי־בראשית —
אַז ר׳האָט להיפוך גאָר אַן אַנדער כּיוון
און אַן אַנדער דעה,
וואָס איז נישט אין רשות פֿון מענטשן־משפּטי
יאָ, האַרן מײַנע, כ׳בין זיך מודה —
כ׳בין זיך מודה ומתוודה,
אַז כ׳פֿאַרשטיי עס נישט — דאָס אויכעט,
ווי אַזוי מען קאָן עס — אַהבֿה —
די ליבשאַפֿט צו דעם נאָענטן,
דעם ואָהבֿת את רעך
אַזוי דורך זינד פֿאַרפֿלאַכן
און פֿאַרשפּרייטן עס
דורך פֿײַער פֿון די שײַטערהויפֿנס!
געדענקט איר: די רדיפֿות פֿון די ערשטע קריסטן?
אָ, זיכער — איר געדענקט זיי, די עינויִים שווערע,
די פּײַניקונגען אין די וויסטע קעלערן און לעכער,
דאָס זײַן צו שפּאָט און שאַנד
פֿאַר געצנדינערישקייט חיהשער און פֿרעכער,
דאָס זײַן פֿאַרמשפּט צו פֿאַרצוקונג פֿון די ווילדסטע ברואים,
דאָס אויסגעשטעלט זײַן אויף דעם אימהדיקסטן הפֿקר — !
איר געדענקט עס גוט!
און איצט, אין נאָמען פֿון דער גרויסער הימל־ליבשאַפֿט
האַנדלט איר אַזוי מיט אונדז?!
אָ, האַרן מײַנע —
אויב פֿאַרמאָגן איר פֿאַרמאָגט נישט
אײגנשאַפֿטן גוטע,
וואָס דאָס גלייבן אַנדערס, מיינט איר, האָט זיי,

טאָ, האַלט זיך כאָטש בײַם פּראָסטן אמת,
אַז — ס׳באַדאַרף אַ חילוק זײַן
צווישן מענטש און צווישן חיה,
ווײַל לכל הדעות —
איז דאָך דער בן־אדם —
אויסגעטרוימט בצלם אלקים,
אָ, מײַנע האַרן! ריכטערס מײַנע!
איר האַלט זיך פֿאַר די קינדער
אויסדערוויילטע און באַליבטע
פֿון דעם אייבערשטן — פֿון האַר איבער די האַרן,
פֿון ריכטערס איבער ריכטערס,
וואָס האָט באַגליקט אײַך מיט וואָרן גלויבן,
טאָ, ווי זשע שיקעוועט און פּאַסט זיך עס פֿאַר קינדער,
וואָס באַקומענדיק אַזאַ ירושה,
מאַטערן און פּלאָגן זיי די ברידער,
ברידער זייערע, וואָס האָבן די ירושה נישט באַקומען?
בלויז דער אמת — ריכטערס מײַנע
קאָן באַהערשן די נשמה פֿון אַ מענטשן,
דער אמת, וואָס די גוטסקייט איז זײַן אָנהייב!
און אויב איר העלפֿט־אויס אײַער אמת
מיט נבֿלה און מיט שקר,
מיט פּײַניקונג־געצײַג,
מיט שווערד און פֿײַער,
איז׳ס אַ סימן: אַז איר גלייבט נישט אײַער אמת,
אַז זײַנען זײַט איר געצנדינער ווײַטער
און פֿונעם אומגלייבן —
פֿון גאָטלאָזיקייט לײַדט איר!

בײדע אינקוויזיטאָרן — שווײַגן!
— פֿאַרפלוכטער לעסטערער!
— גענוג וועט זײַן!

(גיבן אַ צייכן די תּלינים. יענע לויפן צו מיט די פייניקונג־מכשירים צו דע סילוואַ און רייסן אים די הויט און נעגל פון די הענט. דער קרבן פאַרקלעמט די ציין)

דע סילוואַ — אָ, גאָט,

ווי שענדלעך ס׳איז אַזוי צו טאָן,

צו לאָזן טאָן אַזוינס אַ מענטשן,

וואָס איז ממוכן־גרייט צו שטאַרבן

פאַר דיין נאָמען — אמת!

(אַנטאָניאָ דע סילוואַ, איינער פון די לעצטע בראַנדאָפּפער פון דער אינקוויזיציע, גייט־אַרויף אויפן שייטערהויפן און פרוווט לכתחילה אָפּטרייבן פון זיך דעם רויך מיט אַ טיכל, וואָס ער האַלט אין דער פאַרבלוטיקטער האַנט. דאָס פייער כאַפּט אים גלייך אַרום אין זיינע מעכטיקע קלעמען און פאַרשלינגט דעם מאַר־טירערס געשטאַלט. בלויז אַ וואַנדיניקער געלעכטער, און די פאַלגנדיקע פראַזע שיסט־אַרויס פון די צעיושעטע פלאַמען):

כאַ־כאַ... אַצינדער ווייס איך,

ווי אַזוי ס׳באַנוצן־יִדן — בלוט אויף פּסח!

(דאָס פייער גייט־אויס אין אַ פינצטערניש, פון וועלכער עס שיילט זיך אויס אַ פאַרוואַנדלונג: דאָס טעאַטער־פּלאַץ אין ליסאַבאָן — ביינאַכט — מיטן דענק־מאָל פון דע סילוואַ)

דער דענקמאָל — מעמענטאָ!

געדענקט־זשע איר, פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט:

אויב ס׳וועלן שפּעטערדיקע, קומענדיקע דורות פרווון זאָגן,

אַז ס׳זיינען שוין אין אונדזער צייט

די פעלקער פון איראָפּע ווייט אַוועק פאָרויס

אין הלכות שפּעטערישער מענטשקולטור,

די ציוויליזאַציע —

דאַן זאָל עס אייך נישט אַרן,

ווען אַנוויזן מ׳וועט אויף אייך

ווי אויף אַ ביישפּיל,

אַז ס׳זיינען איראָפּייער

אין אונדזער צייט געווען נאָך

ווילדע, פינצטערע באַרבאַרן!

שײלאָק לאַכט

(אין דעם גאַרדעראָב פֿון גרויסן ענגלישן טראַגיקער עדמונד קין. דער אַרטיסט איז גרימירט פֿאַר שײלאָק, גרייט אַרויסצוגיין שפּילן דעם לעצטן אַקט — אין געריכט. דער סופלער, דער פֿריינד זײַנער, מאַכט אים אין אָרדענונג די מלבושים. קין איז איבערגעשפּאַנט און נערוועז. דער גרויסער גאַרדעראָב־צימער איז ווייס געקאַלכט, אַזוי אַז דער הינטער־גרונט ווערט באַלד, ווי די ליכט לעשן זיך אויס, פֿאַרוואַנדלט אין אַן עקראַן. אויף אים באַוועגן זיך שפּעטער אין לאַנגע געשפּענסטיקע שאָטנס די שײלאָק־געשטאַלטן, פֿאַר וועלכע קין־שײלאָק האַלט זײַן מאָנאָלאָג).

סופלער — וואָס האָסטו ווידער מורא, אַלטער נאַר?

ק י ן — כ'האָב מורא מײַסטער!

וואָלסט בעסער אויפֿגעעפֿנט דאָ דערווײַל אַ פֿענצטער —

אַ מאָדנע ענגשאַפֿט, זעסט דאָך, אין דער לופֿט,

און שווערער צער...

סופלער — דערפֿאַר־אָ טאַקע האָב איך מורא —

ק י ן — פֿאַרוואָס — דערפֿאַר?

סופלער — פֿאַר דעם פֿאַרשאָלטענעם, דעם משפּט־אַקט

פֿון דער פֿאַרפֿלוכטער ייִדן־דראַמע...

ק י ן — נישט ייִדן־דראַמע, פֿרײַנד מײַנער,

נישט ייִדן־דראַמע, נאָר אַ קריסטלעכע קאָמעדיע,

אַ בײַשטײַער צום עוואַנגעליום

פֿון אַלטן גוטן וויליאַם!

און, איבעריקנס, זעסטו דאָך פֿון אַלע דאָ — די לײַט

איז אפֿשר דער איינציקער, דער שײַלאָק,

וואָס אין זײַן צאָרן איז גערעכט און הייליק —

אין דער מיאוסקייט פֿון גאָר דער וועלט

פֿון שעקספּירן איז ער אַוועקגעשטעלט,
אַלס שענסטער...
עפֿן אויף אַ ווײַל דאָס פֿענצטער!

(דער סופלער עפֿנט אַ פֿענצטער, רײַסט זיך אַרײַן אַ ווינט און לעשט אויס די ליכט. אויף דער בינע ווערט טונקל, און קין־שײַלאָקס מאָנאָלאָג ווערט פֿון צײַט צו צײַט איבערגעריסן דורך בליץ, ווײַטן דונער און האַנט־פּאַטשערײַ פֿונעם אומגעדולדיקן עולם אין דעם אימאַגינירטן צו־שויער־זאַל. אויף דער הינטערגרונט־וואַנט ריסעווען זיך פּאַמעלעך אויס די שאָטנס, וואָס קין־שײַלאָק זעט זיי אין דעם געריכט־אַקט).

סופלער — (ציט זיך צוריק) — איך גיין נאָך פֿײַער!
ק י ן — גיי! גיי!
גייט אַלע צו אַלדי שוואַרצע יאָר!

(בליצן און באַענטער דונער)

גייט אַלע אויפֿן פֿײַער!
וואָס ווילט איר?
וואָס פֿאַרלאַנגט איר?
וואָס האָט איר אָנגעזעצט זיך אויף מײַן לײַב און לעבן?
וואָס פּלאָגט איר מיר מײַן האַרץ און מײַן נשמה?
גייט אַלע, גייט נאָך פֿײַער —
צו ברענגען מיך אויף שײַטערהויפֿנס פֿונעם שקר,
וואָס אָנגעלייגט איר האָט,
נעמענדיק אַלס עדות אײַער אומשולדיקן גאָט,
אין משך פֿון יאָרהונדערטער דורך אײַך פֿאַרשאָלטן...
ס'איז יעדער טאַט פֿון אײַך
אַ פּאַטש צוגלײַך
אין אויסגעבלוטיקטן אין וואַקסן פּנים זײַנעם,
באַליידיקונג און לעסטערונג צוגלײַך —
אַז אין זײַן נאָמען האָט איר מענטשן פֿײַנט,
איר טוט גאָטס קינד פֿאַרלעצן,
און יעדער חטא און ביטערע עבֿירה

באַזוימט איר מיט דעם נעפּל פֿון געזעצן.
און אים פֿאַרשלייערן — אַט־דאָס־אַ קאָנט איר,
אין אײַער העסלעכקייט און פלאָנטער!
כע־כע! ר׳מוז אײַער גאָט
אײַערטוועגן זײַן אַ פּאַטריאָט!

(בליץ און דונער)

טראַמפּלען מוז ער אין בלאָטעס און זאַווייען
מיט אײַערע די קעלבערנע אַרמייען.
און דער עיקר —
צערײַסט איר אים אויף שטיקער,
מחמת גרויסער ליבשאַפֿט,
מחמת גרויסער טרײַשאַפֿט
מן הסתם —
יעדער וויל פֿאַר זיך אַ גרעסער גאָטנשטיק,
בכדי אין גיהנום־פֿלאַם
פֿון אומזיניקן קריג
באַקומען אַ וואָס פֿעטער, שמאַלציק שטיק,
אַ זײַטל ביילאָק!
אויף פֿרומע,
קרומע,
טומאה —
שרײַט איר: הייליק! הייליק! הייליק!

(שטאַרקער בליץ און דונער, און אין דער טונקלקייט שניידן זיך בולטער אַרויס די שיילאָק־געשטאַלטן פֿון דער געריכט־סצענע. נאָך אַ קורצער פּויזע)

קין — יאָ, איך, שײַלאָק —
וואָס האָב איך דען געטאָן אײַך שלעכטס?
וואָס האָב איך דען בײַ אײַך אָוועקגענומען,
וואָס־דען צוגערויבט?
צי האָב איך דען פֿאַרטריבן אײַך אויף וואָגל און אויף עלנט?

צי האָב איך צוגענומען אײַער היים און ערד?
צי האָב איך אײַך מיט וואָס פֿאַרראַטן?
צי אײַך געצווונגען,
אָדער אפֿשר גאָר געשטערט
צו שאַפֿן אײַערע געבאָטן און געזעצן?
צי האָב איך דען מיט וואָס באַליידיקט, צי געשעדיקט
די אויסגעצייכנטע מאָראַל פֿון פּרעכטיקן וועגעדיק?
פֿאַרקערט —
איך האָב געטאָן אַלץ און געהאַנדלט
לויט מײַן געוויסן און לויט אײַער דין
פֿון מענטש אין אַ מאַשין
פֿאַרוואַנדלט,
זיך אָפּגעשטעלט און זיך גערעכנט
ביז צו לעצט
מיט יעדן אות פֿון אײַער יושר און געזעץ,
ביז איר האָט מיר מײַן איינציק קינד,
מײַן אויג אין קאָפּ,
די טאָכטער מײַנע —
מײַן דזשעסיקאַ
אַוועקגעגנבעט,
אומנישט — אומזיסט,
און מיך אין אויגן אירע ביז עקל און פֿאַראַכטונג טיף פֿאַרמיאוסט.
ביז מעיז פּנים —
איר האָט אַוועקגערויבט מיר מײַן פֿאַרמעגן:
דאָס גאָלד און זילבער
דאָס איינציקע געווער,
וואָס קאָן מיך שיצן
אינעם ווילד־וואַלד פֿון אײַערע צדיקים און גזלנים!
איר האָט מיך אויסגעטאָן פֿון אַלץ,
פֿון ווירדיקייט, פֿון שטאָלץ, פֿון כּבֿוד —

און כ'שטיי אין גאַר דער וועלט,
געקלעמט, געוואָרגן און געקאָוועט
מיט שטריק אויף האַלדז!
זאָל איך אײַך איבערחזרן דעם גאַנצן ווערטער:
אַז יעדער ווייַ עס טוט מיר ווייַ, ווי אײַך,
אַז ס'אונטערליגט מײַן גוף און מײַן נשמה
די כּללים וואָס אַ יעדערנס בן־אדם,
אַז כ'בין קיין אויסנאַם נישט,
קיין יוצא מין הכּלל!?!

(בליץ און דונער)

ווייַ־ווייַ, אַ, גרויסער דאַזש פֿון וועגעדיק דער שטאָט!
דו זע נאָר, וואָס ס'דערלויבט אײַך דאָס געזעץ:
מײַן טאָכטער, מײַן דזשעסיקאַ,
אַ נאַרישע, פֿאַרפֿירטע מיידל,
און פּאָרציאַ —
מײַן טיפֿסטער נויג... און דרך־ארץ...
און סימפּאַטיע...
פֿאַר הויך־ווילגעבוירענער אַריסטאָקראַטיע...
און פּאָרציאַ — אַ כיטרע,
שפּעקולאַטיווע בתולה...
די ביידע
האָבן זיך פֿאַרשטעלט,
פֿאַרקליידט אין מענער־קליידער —
און זײַנען מײַנע ריכטער!
זיי משפּטן מיך איצטער,
מיט שפּיצל איבערשפּיצטן,
דערפֿאַר וואָס כ'פֿאָדער מײַנס —
ס'געהערט זײַן מײַנס דערוועזן!
איר פֿרעגט: דערוועזן וויל איך — וואָס?
דערוועזן וויל איך נעמלעך דאָס,

אַז בלינד איז דאָס געזעץ פֿון אײַך,
נישטאָ אין אים דער געטלעכער — דער אות,
דאָס אצבע אלוקים...
איך וויל באַווײַזן.
אַז האַרץ און גײַסט
עס קאָנען נישט און וועלן קיין מאָל רעגולירן
שטאָל און אײַזן...
דאָס מעסער אָט, וואָס אויסגעאַרבעט איז דורך אײַך צום שעכטן
דאָס רובֿ און מערסטנטייל —
דעם גלײַכן און גערעכטן!

(דער סופלער, וועלכער זעט אַגב אויס, ווי שעקספּיר, גייט אייליק אַריין מיט אַ ליכט אָנגעצונדן)

ווער איז דאָ, ווער?
איר, מיסטער שעקספּיר?

סופלער — וואָס רעדט איר, מײַסטער?
כ׳בין אײַער פֿרײַנד —
דאָס בין איך... דער סופלער...

ק י ן — ווער ווידער?
דער טײַוול האָט אים דאָ געבראַכט צו טראָגן!
געמאַך לאָז
מיט דעם ליכט — דעם תּכלית...
איך דאַרף נישט איצט
מען זאָל מיר אונטערזאָגן!

(ווינקט לעשט ווידער אויס די ליכט. שווערע פּויזע)

ק י ן — איך ברויך נישט ס׳אונטערזאָגן —
כ׳קאָן און וועל אַליין!
כע־כע...
ס׳געפֿעלט מיר, פֿרײַלן...
ס׳געפֿעלט מיר — טאָכטער מײַנע!

מיס פּאָרציאָ,
מיס גערעכטיקייט,
מיט אויגן וואָס איר האָט פאַרבונדן
מיט אַ דורכזיכטיקן שפּינוועבס!
איר זאָגט,
אַז אויספירן איך מעג לויטן געזעץ
און לויטן אָפּמאַך
מײַן נקמה!
אָבער — מיס פּאָרציאָ, גערעכטיקייט!
איך בין נישט אויסן קיין נקמה,
מיט בלוט פאַרשמירן מײַנע הענט —
כ'בין אויסן בלויז עקספּערימענט!
אַלזאָ,
איך מעג, זאָגט איר, ווי אָפּגעמאָכט
פון שונא מײַנעם
אַ פונט פון האַרצפלייש שנײַדן —
דאָס, זאָגט איר, איז דערלויבט
דורך ווענעציאַנישן געזעץ!
נאָר פאַר מיר —
אין דעם געזעץ פאַראַן איז אַ קלויזלע
פאַר מיר, דעם ייִדן שײַלאָק,
נאָר דערפאַר, ווײַל כ'בין אַ ייִד — —
איך מעג אויך, לויטן יושר שנײַדן,
אָבער ס'טאָר נישט זײַן
נישט מער און אויך נישט ווינציקער:
איין פונט נאָר אויסגעשניטן!
און נאָך אַ זאַך —
קיין טראָפּן בלוט עס טאָר נישט זײַן דערבײַ!
כע־כע, ס'איז גאָרנישט שלעכט!
ס'איז אויסגעצייכנט צוגעטראַכט,

ווי פֿאַר אַ חוצפּהדיקן ייִד, וואָס פֿאָדערט דווקא אומבאַדינגט
זײַן רעכט!

און —

(שפּרינגט צו צו זיין בלוט־שונא אַנטאָניאָ און שניידט)

כאַ־כאַ־כאַ —
איר זעט אַליין! —
איר זעט!... איר זעט?...
נישטאָ קיין סימן פֿון אַ שטיקל האַרץ —
נ י ש ט אָ!...
אוי, כאַ־כאַ־כאַ;
און זעט!
און זעסט, דו נאַרישע... דו, טאָכטער מײַנע...
בײַ מיר איז — דאָ!

(שטעכט זיך אַריין דעם מעסער אין ברוסט אַריין און פאַלט צו דר׳ערד. דער סופלער לויפט־אַרויס מיטן געשריי: „אַ דאָקטער!" און קומט אַן פאַרן געפאַלענעם פאָרהאַנג).

סופלער — הויכוווילגעבוירענער און פײַנער עולם,
אַן אומגליק גרויס פּאַסירט האָט מיטן מײַסטער עדמונד קין.
עס האָט אַרומגענומען הײַנט דער גרויל אים,
איז ער, נישט פֿאַר אײַך געדאַכט, אַצינד — פֿון זין.
נו, על כּן, ממילא וועט ער נישט צו אײַער דיספּאָזיציע
סקאַנדירן מער פֿון וויליאַם שעקספּיר די געטלעכע מליצה!

ביי די טויערן פון ירושלים

(אין בלוט־אונטערגאַנג איז איינגעטונקען געווען די ערד און די שטאָט פון אַלע שטעט, ירושלים, ווען עס האָט געשלאָגן די לעצטע שעה פון דעם „שטערן פון זיין תקופה“, פון ר׳ יהודה הלוי, וועלכער איז על־פי היינע „אַ ריזיקער עמוד האש — פאַרן קאַראַוואַן פון זיינע באַטרויערטע ברידער מיט אַ ליד געגאַנגען איבערן פינצטערן מדבר פון גלות“. אין יענעם פאַר־נאַכט האָט זיך ר׳ יהודה הלוי פאַר די טויערן פון ירושלים, פון וועלכע ער איז אַרויס — אָפּגעשטעלט. שטיל איז ער געזונקען אויף אַ שטיין, מיד און צעבראָכן און מיט אים איז בלויז זיין שאָטן געווען — זיין צוויטער „איך“ — אַבול־כאַסאַן אַל־לאַווי. יאָ, אַ פאַרנאַכט האָט נאָך אפשר קיין מאָל נישט געשפּילט אַזאַ ממעקימדיקן ניגון פון אַנטוישונג און יאוש, ווי דאָס איז געווען אָט אין יענעם פאַרנאַכט).

אַבול־כאַסאַן — אָקערשט אַרויס —

נאָך נישט אַדורך קיין הונדערט שריט...

און — מיד.

ר׳ יהודה הלוי — יאָ, מיד, אַבול־כאַסאַן:

די שוועסטע מידיקייט איז נישט פון גיין,

פֿון שפּאַנען מײַלן,

פֿון אַקערן די ימים און מדבריות;

די שווערסטע מידיקייט עס קומט,

אַז ס׳איז נישטאָ צו גיין אַוווּ,

נישטאָ די פוסטריט ווו צו ווענדן

און ס׳ווײַזט זיך אויס אין אויסגאַנגלאָזיקייט געקוועלט,

אַז אויך אין לאַנד פֿון אדני —

האָט גאָט פֿאַרפעלט!—

אַבול־כאַסאַן — מײַן גאָט! מײַן גאָט!

דאָ האָט געוווינט די שכינה
און דער נביא!

ר׳ יהודה הלוי — צוריק אַוועקגיין אין מײַן צווייטער היים,
טאָלעדאָ צי קאָרדאָווע,
וואָס האָט געבוירן מיך,
מיך אויסגעוויגט און אויסגעכאָוועט,
וואָס האָט דאָס ליד אין מיר פֿאַרזייט,
ווו ס׳איז די טאָכטער מײַנע
אין דער האָפֿענונג דערפֿרייט,
ווו ס׳זײַנען נאָנטע מײַנע,
מײַנע פֿרײַנד,
אין שטענדיקער דערוואַרטונג אויף באַשייד?
ווו זאָל איך גיין?
ווו זאָל איך זוכן איצט אַ וועג אַ נײַעם?

אַבול־כאַסאַן — צוריקגיין, ווו ס׳איז נאָנט —
ירושלים!

ר׳ יהודה הלוי — צוריקגיין קיין ירושלים,
וואָס ס׳איז נישטאָ —
וואָס אין דער ווירקלעכקייט איז נישט פֿאַראַן?
וואָס איז אַ דמיון בלויז,
אַ חלום גאָר,
אַ שאָטן — אָט ווי דו,
אַבול־כאַסאַן!

אַבול־כאַסאַן — מיר זײַנען דאָך אָקערשט אַרויס פֿון דאָרטן!
אָט זײַנען זיי די טויערן,
די בערג,
דער מגדל דוד,
אָט איז ירושלים־הימל —
מיר זײַנען דאָך אָקערשט אַרויס פֿון דאָרטן!

ר׳ יהודה הלוי — ס׳איז שאָטנס, שאָטנס נאָר —
געשפּענסטער־גאָרטן!
נישט דאָס ירושלים האָב איך אין מײַן טריט
און ליד
געזאָנט —
נישט דאָס איז דאָס געבענטשטע לאַנד,
וואָס ס׳איז פֿאַר וועלט געבאָטן,
ווי דו איז עס — אַצינד
בלויז צער־און־טרויער דורכגעזאַפּטער שאָטן,
פֿון קבֿר־אָבֿות־וואַנדערערס באַטראָטן!

אַבול־כּאַסאַן — קיין טוי עס פֿאַלט נישט אויף דײַן האָרץ,
יהודה —
קיין לינדערונג עס קומט נישט צו דעם דאָרשט פֿון דײַנע ווערק,
עס ליגט נישט איצטער אויף יהודה־בערג
קיין ראָסע...

ר׳ יהודה הלוי — אדני... נגדך כּל תּאוותי —
און וווּ ביסט איצטער, גאָט,
דאָס ווייס איך נישט!
אין וועלכן ביסטו עיר המקלט,
ווּ ביסטו ווּ דען אײַנגעהילט,
אין וועלכן סוד,
אין וועלכע שלייערן און הייליקע געווענדער —
אַז בינען־בינסטו* נישט
אין אָרט ווּ ס׳איז געווען דײַן יסוד,
אין האַרץ פֿון אַלע לענדער?!
אַבול־כּאַסאַן, דער שאָטן מײַנער
קאָן זײַן ווייסט —

* (פֿאָלקסטימלעך) זײַן — ביסטו. פֿון איך בין געשאַפֿן אָן אינפֿיניטיוו
בינען.

אַבול־כּאַסאַן — יהודה, זײַ געטרייסט:
די טרייסט־לײַטזעליקייט
וועט ברענגען דיך צום וויסן!

ר' יהודה הלוי — אַזוי אין דורות אָפּלעבן
און בלויז פֿון טרייסט געניסן,
מיט נחמו־נחמו
אויף געזאָטלטן בטחון,
אויף אַט־דעם אײַזעלע דעם אַלטן
אַרומרײַטן מיט אָפּגעשאָכטענע חלומות,
מיט האָפֿענונגען אָפּגעשטאָרבן,
אויף שטענדיק אײַנגעפּאַקט
אין אָרעמער, אין בעטלער־טאָרבע,
און אויסקוקן אויף צוגעוואָרפֿן ביין,
וואָס איז גאָר אָפֿט — אַ שטיין —
אַ שטיין וואָס האָט אונדז קיין מאָל אויסגעמיטן,
און שטענדיק אין דעם מיטן האַרץ געטראָפֿן,
און שטענדיק דאָרט געבליבן ליגן, ווי אַ לאַסט
אין ווונד, וואָס אייביק וועט זי בלײַבן אָפֿן
און פֿון אַכזריותן פֿאַרהאַסט —

אַבול־כּאַסאַן — איז קיין גואל און קיין רופֿא דען נישטאָ,
די ווונד צו היילן?

ר' יהודה הלוי — דאָס האַרץ דאָס גרויסע פֿון דער וועלט —
מײַן אומגליקלעך, ביז משוגעת־געהאַסטעס פֿאָלק,
וואָס אָפֿן איז פֿאַר יעדן לײַד און נויט,
קאָן אפֿשר אויסהיילן דער טויט —
אַ קבֿר פֿון פֿיר איילן!
די אורקראַפֿט רויע פֿון די פֿעלקער,
ווען ס'איז אַפֿילו מיטן מוח שטאַרק באַוואָפֿנט,
פֿירט אומאויפֿהערלעך דעם פֿאַרמעסט
אַנטקעגן האַרץ, וואָס — אַלע וויל אַרײַננעמען,

וואָס פֿאַר אַלעמען, אין גרויס רחמנות צו דעם קיום,
איז עס אָפֿן...
צי וואָלט נישט בעסער דען געווען דער טויט,
וואָס וואָלט אונדז פֿון די גורל־גרוילן אויסבאַהאַלטן,
ווי אויסבאַהאַלטן האָט עס
אונטער קנאָפּע קבֿרים און מצבֿות
אין דער געשיכטע, קונסט און די לעגענדן,
די אין פֿאַרגעסנקייט אַוועקגעגאַנגענע,
די פֿעלקער אַלטע?
צי וואָלט נישט בעסער דען געווען אַנטרינונג,
ס'פֿאַרשווינדן פֿון דער אויבערפֿלאַך פֿון דר'ערד —
צי וואָלטן מיר אין טויט די אויסלייזונג געפֿונען?
איז אָבער נישט באַשערט
פֿאַר אונדז דער טויט —
ווײַל מיטן אויסגיין פֿונעם הארץ,
מוז אומקומען דער גאַנצער גוף:
עס וועלן אָפּשטאַרבן די אבֿרים די אַלע
און אויסהויכן עס וועט די זינדיקע נשמה
פֿון דער גאָרער וועלט!
„אָ, ניין! מיר זײַנען נישט אין מעלה פֿון אַ מת!
מיר זײַנען נאָר אין מעלה פֿון אַ פֿיבערדיקן חולה.
פֿון וועלכן רופֿאים אַלע
עס האָבן זיך שוין אָפּגעזאָגט!
דערוואַרט דער חולה הילף זײַנע
אין ווונדער —
ער וואַרט זײַן תּשועה דורך אַ מופֿת,
דורך אַ שינוי,
דורך אַן ענדערונג אין די נאַטור־געזעצן!"
אַבֿול־כאַסאַן — ענדערונג פֿון טבֿע מענטשלעכער?
איז לאַנג צו וואַרטן נאָך?

ר׳ יהודה הלוי — אפשר אייביק —
ביז סוף פֿון מענטשן־מין,
עד סוף הדורות!
אַבול־כאַסאַן — ווי שוואַרץ! ווי פֿינצטער!
ר׳ יהודה הלוי — יאָ, שוואַרץ און פֿינצטער אָט אַזוי,
אַז אָפּטערס דוכט זיך מיר,
דאָס איז בעת בריאַת עולם
דעם אייבערשטנס באַפֿעל
„יהי אור" — אַוועק אין גיוועץ —
נישט דערהערט געוואָרן...
דו זעסט דאָך, זעסט, אַבול־כאַסאַן,
ווי ס׳זעט איצט אויס
דער בענקשאַפֿט אַנגעזעטיקטער בן ששים,
דער פֿון דער קלוגשאַפֿט איַינגעבויגטער מאַן —
ווי כ׳זע איצט אויס,
וואָס ס׳האָט אויף מיר געזאָגט
אין די בר מצווה־יאָרן
ר׳ משה אבן־עזרא,
אַז פֿון קאַסטיליע האָט אויפֿגעשטראַלט אַ ליכט,
וואָס וועט באַשײַנען גאָר די גאַנצע וועלט!
צי ווייסטו, ווי ס׳איז חושך אין דעם ליכט,
וואָס האָט געזאָלט די וועלט באַשײַנען?
אַבול־כאַסאַן — יהודה —
מיר האָבן זיי געגעבן ס׳ליכט פֿון לידער,
פֿון לידער, וועלכע זײַנען אויך אַ שײַן
פֿון אַהבֿה און פֿון תּפֿילה!
ר׳ יהודה הלוי — און ווען אַפֿילו —
און ווען אַפֿילו אין די יונגע יאָרן מײַנע,
וואָס איז געווען מער זינלעכקייט ווי זין,
פֿוז שטערן און באַגערן

די דורכגעפּלאָנטערטע באַווינקט,
און ווען עס האָט אַפילו
די שירות ותשבחות געזונגען נאָר — אינסטינקט,
און כ׳האָב פאַרכלינעט זיך אין הימנען
צו ווײַן, נאַטור, צו פרויען־שיינקייט,
צו אַהבֿה וווּנדערלעכער — צו דער ליבע
מעומקא דליבא —
האָב איך דאָך שנעל דעראָנט
מיט אַלע אבֿרים און אַלע חושים,
אַז באַשטימונג איז — דאָס גליק פאַר אַלע,
אַז פאַר אַלעמען באַשערט איז אַלדאָס וואָס ס׳איז שייך,
און אַז פאַרברעך איז יעדע גרענעץ
און באַגענוגענונג פון זיך, ווי אויך פאַר זיך אַליין!

אַבול־כּאַסאַן — ס׳איז מעשׂי־בראשיתדיקע פשטות —

ר׳ יהודה הלוי — יאָ, פשטות, און דערמיט איז׳ס אמת,
וואָס גילטן וועט עס
טראָץ פאַרקריפּלונגען לעולם ועד!
יאָ, יאָ, אַבול־כּאַסאַן,
יאָ, ווען איך קאָן איצט אויסטאָן
לבֿוש פון דעם מהות,
ס׳באַוווּסטזיין — מענטש און ייִד,
ווען כ׳בלײַב בלויז בײַ דער תמימות פון געמיט
פון פייגלשע פּאָעטן,
אָ, דעמאָלט וואָלט איך אויך אַוודאי
געצוויטשערט סתּם
אַ פריילעכע צי פינצטערע באַלאַדע,
אַ מיר־נישט־דיר־נישט־דאָ־געדאַכט־געדיכט,
אַ שיינעם, פּערלדיקן,
בלומענדיקן,
ריטערלעכן שיר —

אַבול־כּאַסאַן — פּרוביר אַזוי, ווי פֿרי״ר!

ר׳ יהודה הלוי — נאָר ווי איז מיר:

איך בין אַ תּהום — אַ ים
מיט כוואַליעס אויפֿגעשטורעמט,
מיט לײַד אויף לײַד, וואָס אויפֿגעטורעמט
און אינעם כאַאָס —
אינעם תּוהו ובוהו,
עד היום נאָך
צו די בראשית־אמתן נאָך־נישט דערפֿורעמט...
איך ווער געשלײַדערט אין דער אויסטערלישער
כּישוף־שיף —
צי גאָר איך האַלט זיך מיט די לעצטע כּוחות
אויף שטרוי איבערגעבראָכן —
אויף בטחון
און — בלית ברירה!
אָ, גאָט, מײַן גאָט,
צי ביסטו נעבן מיר?
„פֿאַרגעסן דיך עס הייסט דאָך —
זיך פֿאַרגעסן,
אדני, נגדך כל תאוותי״,
ווי קאָן איך אַדורכלעבן אַ טאָג אָן דיר
אין מורא פֿונעם זײַן אַליין,
מיט אַנגסטן פֿון פֿאַרצווייפֿלונג און פֿון שרעק באַגאָסן,
מיט צער און ווייטיק,
וועלכע האָבן איבערפֿולט שוין אַלע ברעגן, אַלע מאָסן,
אין אייביקער פֿאַרצווייפֿלונג פֿון יסורים,
דורך אַלעמען — פֿאַר אַלעמען
אַ הפקרדיקער יתום!?
„אַז ס׳איז קיין אָפּשטעל, קיין מנוחה,
נישט אויף מערבֿ, נישט אויף מזרח —

וווּ די רו דערגרייכן!
צי זיגן וועט ישמעאל,
צי אדום ווערן וועט דער בעל־נצחון —
בלײַבט לײַדן ווײַטער אונדזער צייכן.
און ס׳האָט מײַן האַרץ געריסן זיך צום מזרח,
בעת צוגעשמידט איך בין געווען צום מערבֿ...
אָ, פּראַכט פֿון אַלע לענדער,
די פֿרייד די גרעסטע פֿון דער וועלט,
ווי ס׳האָט געצויגן מיך צו דיר!
ווי גרויס דער צער געווען איז בײַ דערמאָנונג
פֿון וועגן דער געוועזענער דער גרויסקייט דײַנער,
און וועגן אַט־דײַן איצטיקער פֿאַרוויסטונג!
פֿון וואַנען נעמען האָב איך דען געוואָלט
דעם אָדלערפֿלי,
אום־פּדי מיט טרערן מײַנע צו באַגיסן
טאָלן דײַנע?
איך האָב געלעכצט נאָך דיר,
כאָטש חרובֿ איצט איז דײַן מלוכה,
און אויפֿן אָרט פֿון חייל־באַלזאַמען
עס ווידמענען זיך דאָ בלויז שלאַנגען, סקאָרפּיאָנען!
אָ, ווי געוואָלט האָב איך
די שטיינער דײַנע קושן —
פֿון האָניק זיסער זײַנען דײַנע חורבות
מיר געווען!״
נישט די ליבשאַפֿט מײַנע צו דער בת־יחידה
און צו קינדער אירע,
נישט די צוגעבונדנקייט צו פֿרײַנד די פֿילע
פֿון מײַן היימלאַנד,
נישט דער ווילטאָג און די זיבן זונען
פֿונעם היימלאַנד גופֿא,

פֿון מײַן צווייטן,
האָבן מיך געקאָנט פֿאַרהאַלטן,
ווײַל שטענדיק איז געשטאַנען מיר פֿאַר אויגן —
אויג אויף אויג:
„די טויב פֿאַרטריבן פֿון איר נעסט —
וואָס איז געבליבן הענגען אויפֿן ברעג פֿון תהום״,
ווײַל קיינער קאָן נישט לייקענען אין מײַנע ווערטער,
אַז — „אין שׂעיר כ׳בין פֿאַרוואָגלט,
אין קדר כ׳בין פֿאַריאָגט,
אין יוון כ׳וועד געבראָטן,
אין מדי כ׳וועד געפּלאָגט!
אָ, אויב ווי דו, נישטאָ איז
קיין רעטער — באָרכאַשעם *,
איז אויך נישטאָ אַ מענטש נאָך,
ווי איך — אין האָפֿענונג־קלעמ!
טאָ גיב־זשע מיר דײַן כּוח,
דײַן קראַפֿט וואָס אַן אַ שיר,
ווי איך האָב עס די ליבשאַפֿט
אוועקגעגעבן דיר!״

אַבול־כּאַסאַן —
(צוזאַמען מיט אַן עכאָ בכל תפוצות ישראל):

אין שׂעיר כ׳בין פֿאַרוואָגלט אַאַז״וו.

ר׳ יהודה הלוי — און נישט פֿון וועגן דעם איך האָב מײַן חלום אויסגעחלומט,

בלויז נאָר אַז דאָס פֿאָלק זאָל זעטיקן זיך פֿרײַ,
אַז זיצן זאָלן מיר און קילן זיך אין שאָטן
איעדערער דאָ אונטער פֿײַגנבוים און ווײַנשטאָק זײַנעם,
באַפֿאַכן זיך מיט פֿאַרמעט־בלעטער פֿון געשיכטע,

---

* ברוך השם.

און קוויקן ס׳נפש מיט רעכטפאַרטיקייט פון אָבות —
מיט מעשׂי־העלדנמוט פון די אַמאַליקע גיבורים —
נישט וועגן דעם האָט עס געבענקט
און אויך געדענקט מײַן האָרץ
פון וועגן „האָרץ פון אַלע לענדער״!
אָ, נישט פון וועגן דעם מײַן מידער גוף און מידע זעל
איז ,פירעים דאָ געפאַלן —
אַז אָנטרעפן איך זאָל
די עקדישן, די שלאַנגען, סקאָרפּיאָנען און שאַקאַלן,
דורך בייזע ווינטן פון די אַרבע פינות עולם,
אַרײַנגעטריבן אין דעם מענטש,
אין בני אָדם יושבֿי חושך וצלמוות!!!
איך האָב דאָ גאָט געזוכט,
און אָנגעטראָפן —
שרצישן, מיט סמים בײַסנדיקן, יעמערלעכן,
טײַוולאָנישן קאָטאָוועס!
דער ברודער מײַנער, פון איין פאָטער,
האָט שטאָט מיר שלום אָפּצוגעבן,
שטאָט אָרעמען און האַלדזן,
שטאָט מיר מיט זון אַנטקעגן גיין —
דעם שטיין באַהאַלטן אין זײַן טראַכט,
און טעמפּער מעסער לאַכט אין זײַנע ציין!
אַבול־כאַסאַן — טאָ ווו איצט גיין
אין ווו די הענט צו אָ געבעט
און אויגן נאָך דעם רחמים ריכטן?
ר׳ יהודה הלוי — אין עולמות פון העכסטן פּאַטאָס —
אין שטילקייט פונעם טויט, אַבול־כאַסאַן,
ווו אָנצוקומען קיין מאָל איז ניט שפּעט!
עס מאָלן אומגליק נאָך די מילשטיינער פון דער געשיכטע,
און ס׳מוזן נאָך אַדורך, ווײַזט אויס, אין העלישן שלהבֿת

די תּקופֿות פֿון דער גרויסער זעלבסטפֿאַרניכטונג,
ביז ס׳וועלן שטורעמווינטן פֿון דער צײַט
אין ווײַט און וויסט פֿאַרטראָגן אַלע פּלעוועס,
דאַן קומען וועט דאָס גרויסע ליכט
פֿון ירושלים של מעלה,
וואָס קאָן זײַן אַז גאָר אויפֿלויכטן עס וועט
אין אַ לאַנד — אַ קאַלטער דאָרף פֿון טרויער,
ווו משיח וועט געבוירן ווערן
מיט צייכן פֿון אַ רויטן שטערן,
און אין געשטאַלט
פֿון תּמימותדיקן פֿויער!
גיי, גיי, אַבול־כאַסאַן
אין אונטערגאַנג אין שטילן,
און איך וועל בלײַבן דאָ:
לעגענדע אייביקע און תּפֿילה,
צעשפּרייט, געפֿאַלן אויף׳ן דרך מלך,
אויפֿן ברייטן וועג
פֿון אומזוכן די שפּורן פֿון מײַן גאָט אין לעצטע שעהן,
צעטראָטן פֿון דער פֿעלקער־שׂנאה,
פֿון חיהשע, פֿון פֿערדישע די קלאָען!

(דער שאָטן — אַבול־כאַסאַן נידערט איבער דעם דיכטער־קעניג, וועל־כער פֿאַלט־צו צו דער ערד און קושט זי. אין דעם טיפֿן פֿאַרנאַכט וואַקסט־אויס אַ ריזן־געשפּענסט פֿון אַ בעדוין. אַ רייטער, וואָס דאָס יאָגן פֿון זײַן פֿערד שטאַרקט זיך, ווי אַ דונער־אָנקום, טראָגט זיך אַריבער איבער דעם אויסגעשפּרייטן גוף פֿון ר׳ יהודה הלוי, און פֿאַרפֿאַלט מיט אַן עכאָ אין די בערג. די לעצטע ווערטער פֿון דעם דיכטער זיינען ביים פֿאַרבייגיין פֿון אַן איינגעבויגענער מוטער־געשטאַלט)

אָפּגעטאָן זיך אַלץ...
און אָפּגעזוענדט זיך אַלע...
מאַמע —
ציון, הלא תּשאלי...

זײַן הויקער...

(בײַ גוגענהײמען אין שטוב. דער באַלעבאָס, ה׳ גוגענהײם, און משה מענדעלסאָן בײַם שאָך)

מענדעלסאָן — דער קעניג... ה׳ גוגענהײם, גיט אַכטונג:
עס איז דער קעניג אין געפֿאַר...

ה׳ גוגענהײם — יאַוואָל!... און מיר דערמאָנט עס, ראַבי...
אַז איר, ה׳ מאָזעס, זײַט געווען אין סכּנה
בײַ אונדזער מלכות, פֿרידריך, ירום הודו...

מענדעלסאָן — געווען... נאָר ניט געפֿערלעך —
ווי ס׳זאָל נישט זײַן —
אַ קעניג האָט נאָך מורא פֿאַר דעם שׂכל
און קריגט דעם אָפּשײַ...
צום שׂכל איז מען נישט געווינט —
און ס׳שרעקט אַ ביסל...

ה׳ גוגענהײם — ווי איז עס דען געשען?

מענדעלסאָן — גאַנץ געווײנטלעך:
דער גרויסער קעניג אונדזערער און דער געביטער
איז אויך — פֿאַר קיין שום ייִד געדאַכט — אַ שלעכטער שרײַבער,
ער דאַרף עס נישט צו דער פּרנסה,
ער דאַרף עס נישט צו ווײַבער
עס פֿעלט אים נישט צו פּאָליטיק
און נישט צום גליק,
און דאָך ער שרײַבט געמיינע, זייער־שלעכטע פֿערזן —
כע־כע, אָט סתּם אַ פֿרײַוויליקער הויקער...
נו, האָב איך שריפֿטלעך אָט־די־ קעניגלעכע שוואַכקייט זײַנע
שטאַרק געטאַדלט...

ה׳ גוגנהיים — אַ?! עפּנטלעך?...
ווי קאָן מען דען?!
מענדעלסאָן — יאָ, עפּנטלעך! איך האָב געזאָגט דעם אמת —
ה׳ גוגנהיים — שרעקלעך!... נו, ווייטער, ראַבי?
מענדעלסאָן — ווייטער — האָט מען מיך געמסרט:

„Als Jude die Ehrfurcht gegen
des Koenig's allerhoechste geheiligte
Person im frechen Urteil ueber
dessen Poesie hinauszusetzen"...

ה׳ גוגנהיים — נו, ווייטער?... ווייטער?...
מענדעלסאָן — געמסרט — און געשיקט מיך רופֿן
פֿונעם שלאָס
פֿון סאַנסוסי —
און איך, ווי איר, מײַן גנעדיקער ה׳ גוגנהיים,
מען האָט מיך דאָרט געפֿרעגט,
ווי האָב איך עס געוואָגט
באַליידיקן דעם קעניגלעכן דיכטער?
מען האָט געפֿרעגט מיך שאַרף און מיט אַ בייזער,
אויף וואָס איך האָב זיי, ווי געזאָגט, געענטפֿערט:

„Wer Verse macht— schiebt Kegel,
Und wer Kegel schiebt,
Sei er Koenig oder Bauer,
Muss sich gefallen lassen,
Das der Kegeljunge sagt,
*Wie er schiebt"... ***

* ווי דער ייד וואָס האָט דעם יראת־הכבוד קעגן דעם קעניגס פאַר־הייליקטער אַלהעכסטער פערזאָן אַרויסצוקומען מיט אַ חוצפּהדיקן פּסק וועגן זיין פּאָעזיע. ** ווער עס שרייבט פערזן — שפּילט אין אַ ראָד, און ווער עס שפּילט אין אַ ראָד, זאָל ער זיין מלך אָדער פויער, מוז ביי זיך פועלן, אַז דאָס ייִנגל, וואָס איז מיט אים אין רעדל, זאָל מעגן זאָגן ווי ער שפּילט...

ה׳ גוגענהײַם — גלענצנדז... װײַטער?
מענדעלסאָן — און װײַטער — גאָרנישט!
מען האָט מיר אָט — איר זעט? —
דעם הויקער נישט אַראָפּגענומען...
איך האַלט אים פֿעסט בײַ זיך...
און שרעקט זיך נישט...
אָ, גיכער שרעקט מען זיך פֿאַר מיר...
ה׳ גוגענהײַם — דאָס וויל איך, אמת, זאָגן, ראַבי...
מענדעלסאָן — וואָס ווילט איר זאָגן, גנעדיקער ה׳ גוגענהײַם?
ס׳איז מײַן פֿאַרלאַנג צו הערן,
וואָס האָט אײַך געזאָגט
די פֿיל־געשעצטע טאָכטער אײַערע,
די צנועהדיקע פֿרומעט בת אַבֿרהם שתּחיה...
אויך זי, ה׳ גוגענהײַם...
ה׳ גוגענהײַם — יאָ, פֿאַרערטער ראַבי...
זאָל איך ערלעך זאָגן?
מענדעלסאָן — נאַטירלעך.
ה׳ גוגענהײַם — כ׳האָב עגמת־נפֿש.
מענדעלסאָן — עס שאַדט נישט...
דעם עגמת־נפֿש לייגט־אַרויף אויף מיר...
איך וועל אַריבערטראָגן...
מיר זײַנען קינדער פֿון אַ פֿאָלק,
ה׳ גוגענהײַם,
וואָס גאָט באַשאַנקען האָט אין מדבר נאָך
מיט אַ באַרג —
אַ הויקער פֿון געדולד,
דער הר סיני און דאָס עם קשי עורף
זײַנען ווערט זיך איינס דאָס צווייטע,
און קיין שום לאַסט און צער עס קאָן אונדז נישט דערדריקן — —
ה׳ גוגענהײַם... וואָס האָט געזאָגט דאָס פֿרײַלײַן פֿרומעט?

ה' גוגענהײַם — אַ ראַבי מאָזעס...
געדענקט איר, אין דעם באַד פּירמאָנט
איך האָב אײַך אָנפֿאַרטרויט:
— „ראַבי מאָזעס, מיר פֿאַרערן אײַך...
צום מערסטן אָבער איז באַגײַסטערט
פֿון דער קלוגשאַפֿט אײַערער מײַן טאָכטער...
געדענקט איר — כ'האָב געזאָגט:
עס וואָלט געווען פֿאַר מיר דאָס העכסטע גליק
צו האָבן אײַך, ר' מאָזעס, פֿאַר אַן אײדעם...
מײַן טאָכטער פֿרומעט וועט זיך פֿרייען אײַך צו זען —
איך האָב איר פֿיל דערציילט פֿון אײַך"...
אַזוי האָב איך געזאָגט!

מענדעלסאָן — איך האָב איר נעכטן אויך דערציילט אַ סך —
פֿון אַלץ וואָס פֿרויען קאָן צום מערסטן אימפּאָנירן:
פֿון פֿילאָסאָפֿיע און מעטאַפֿיזיק פֿון די דאַמען־מאָדעס...

ה' גוגענהײַם — נו, זײַט איר דאָך, געשעצטער ראַבי,
אַ דענקער — דער „יִדישער סאָקראַטעס",
אַ גרויסער מאַן,
אַ קלוגער מוח...

מענדעלסאָן — יאָ, אָבער כ'וויל וויסן, גנעדיקער
ה' גוגענהײַם, וואָס זי...
וואָס זי געזאָגט האָט וועגן מיר...

ה' גוגענהײַם — אַ גרויסער חכם זײַט איר —
וועט איר נישט דעם קינד פֿאַראיבל נעמען...

מענדעלסאָן — אַך, זאָגט שוין!

ה' גוגענהײַם — זי האָט געזאָגט —
אַ שרעק האָט זי אַרומגענומען,
ווי נאָר זי האָט דערזען אײַך...
ווײַל... איר...

מענדעלסאָן — ווײַל כ'האָב אַ הויקער...

ה׳ גוגענהיים — לײדער...
מענדעלסאָן — יאָ... לײדער...
פרומעט — (איר שטימע פון יענער זייט טיר)
פאָפאָ! מען קאָן אַרײַן?...
מענדעלסאָן — לײדער... איך האָב עס אויך אַזוי געטראַכט!...
ביטע... קומט־אַרײַן!
(פרומעט און איר חברטע רויזליין קומען־אריין)
פרומעט — אַך, ס׳אַראַ גאַסט... פאָפאָ!...
פאַרוואָס׳טו נישט געזאָגט?...
(שטעלט־פאָר)
ה׳ מאָזעס מענדעלסאָן פון דעסאָו —
דער „דײַטשער פלאַטאָ״,
דער „יידישער סאָקראַטעס״...
מײַן פרײַנדין — רויזלײַן...
מענדעלסאָן — (פאַרנייגט זיך)
איך האָב עס אויך אַזוי געטראַכט —
הם... אַ רויז!...
און איך — אַ דאָרן...
רויזלײַן — אַך, הער מענדעלסאָן,
דער פרײַנד פון אונדזער דיכטער לעסינג...
מענדעלסאָן — אַן אָנגעשטעלטער פון דער פירמע בערנאַרד
אויס בערלין —
יאָ, איך אַליין — דער מײַסטער פון די מוסטערן פון דאַמען־שטאָפן...
בוכהאַלטער פון באַרוף
און דאָך „געטויפט״ אויף חכמת פילאָסאָפיע
וואָס זוכט די אַלע אומרעכט אין די רעכט
פון גוט און שלעכט
באַרעכטיקן פאַר אַלע...
פרומעט — די רעכט באַרעכטיקן... אָ, הערלעך!
וואָס זאָגסטו, רויזלײַן?

רויזלײַן — הערלעך!

ה׳ גוגנהײַם — איר װעט מיר מוחל זײַן אַ װײַלע, ראַבי מאָזעס,

װאָס כ׳װעל דאָ איבערלאָזן אײַך,
אין דער געזעלשאַפֿט פֿון די ראַמען!
(צו די מיידלעך)
כ׳גיי זאָגן דער מאַמאַ,
זי זאָל מכבד זײַן דעם גרויסן גאַסט,
דעם גאַסט דעם טײַערן מיט כּיבוד —
װי עס פּאַסט!

פֿרומעט — פּאַפּאַ! מיר װעלן ביידע
געבן זיך די מי.
פֿאַרװײַלן זיך מיט רייד
פֿון פֿרייד־פֿילאָסאָפֿי!

רויזלײַן — כי־כי, פֿילאָסאָפֿי...
פֿילאָסאָפֿי פֿון פֿרויען איז פֿאַרװײַלונג —
נישט װאָר, ה׳ מענדעלסאָן?

פֿרומעט — נישט װאָר, ה׳ מענדעלסאָן?

מענדעלסאָן — יאָ, די שיינקייט פֿריידיקע עס איז די טוגנט פֿון די פֿרויען...

פֿרומעט — אַך, זאָ, ה׳ מענדעלסאָן —
כ׳האָב דערציילט פֿאַר רויזלײַן,
װי ס׳האָט אַ גלח פֿאַרגעלייגט אײַך,
איר זאָלט זיך שמדן,
און װאָס איר האָט דערויף געענטפֿערט.

רויזלײַן — זי קאָן זיך נישט דערמאָנען, װי עס קלינגט דער פֿערז...

פֿרומעט — װי קלינגט עס?

רויזלײַן — זאָגט עס אונדז!

מענדעלסאָן — איך בין בוכהאַלטער, ווי באַקאַנט,
און קויפמאַן —
אַז כ׳גיב עפּעס — דאַן מוז איך וואָס באַקומען...
וואָס קריג איך, אַז כ׳וועל זאָגן?
פרומעט — איר וועט שוין זען, ה׳ מענדעלסאָן...
רויזלײַן — מיר האָבן שוין באַשלאָסן...
מענדעלסאָן — קריג איך, הייסט עס?
ביידע מיידלעך — איר וועט זען...
מענדעלסאָן — ס׳וועט זײַן אַ ריווח והצלה...
צי אפשר אַ פאַרלוסט גאָר —
ווי וווּנדערבאַר,
צווישן פרויען — ווערט דער פילאָסאָף אַ נאַר...
רויזלײַן — מיר האָבנ׳ס גוט געהערט, ה׳ מענדעלסאָן...
פרומעט — און... לוסט דערפאַר עס ווערט זײַן שכר...
מענדעלסאָן — אַלזאָ, געווען איז׳ס אַזוי:
ס׳האָט דער גלח, טעלער איז זײַן נאָמען,
געשריבן צו מיר אַן אײַנלאַדונג,
איך זאָל זיך טויפן —
געשריבן העכסט־פּאָעטיש — אַרויסגעזוּנגען,
און ס׳האָט די אײַנלאַדונג אַזוי געקלונגען:

„An Gott, den Vater, glaubt Ihr
schon,
So glaubt doch auch an seinen
Sohn,
Ihr pflegt doch sonst bei Vaters
Leben
Dem Sohne gern Kredit zu geben"— *

* אין רבוני של עולם, טאַטע־פאָטער, גלייבט איר שוין, מעגט איר בכן שוין אויך גלייבן אין זיין זון — איר פלעגט דאָך בפירוש, בשעת דער טאַטע האָט געלעבט, מיט חשק געבן דעם זון קרעדיט.

דאָס האָט ער מיר אַזוי געשריבן,
דער גלח טעלער,
און כ׳האָב אים אויך געענטפֿערט —
אַרויסגעלייגט אים אויפֿן טעלער,
ווי מײַן שטייגער — „סוחריש״,
נאָר אין גראַמען:

„Wie koennten wir Kredit Ihm geben?
Der Vater wird ja ewig leben!“ *

ביידע מיידלעך — ווונדערבאַר!
פרומעט — נו, רויזלײַן?!.
רויזלײַן — ווונדערבאַר!... געטלעך!
פרומעט — וואָס האָב איך דיר געזאָגט?
מענדעלסאָן — יאָ, וואָס האָט איר צוגעזאָגט?
פרומעט — מיר געדענקען!

רויזלײַן וועט אונדז עפּעס זינגען.

מענדעלסאָן — מיר וועלן הערן...
רויזלײַן — גוט, כ׳וועל זינגען:

אין אַ וועג אַ ווײַטן, זייער ווײַטן,
האָט אַ יונגער ריטער זיך פֿאַרמאָסטן — ווײַט...
ס׳איז געווען אין אַלטע, אַלטע צײַטן,
האָט דער יונגער ריטער זייער לאַנג געריטן...

— ריטער, ריטער, ביסט אַ נאַר,
דו פֿאַרשטייסט נישט דײַן פֿאַרלאַנג,
איז דײַן האַנט דען האַרט און שטאַר,
שטרעק דײַן האַנט אויס און דערלאַנג.

---

* ווי קענען מיר אים געבן קרעדיט? דער טאַטע וועט דאָך אייביק לעבן!

ריטער, ריטער, קוק זיך אום,
רייט נישט ריטער, רייט נישט ווייט,
נעם דיין כּלה, האַלדז־אַרום,
דאָ איז זי דאָך — ביי דיין זייט!
אַט־דער יונגער ריטער, שטאָלץ און איידל,
אויסגעפּוצט אין סאַמעט, אויסגעצירט אין זייד,
האָט געזוכט זיין זיווג, ס׳כּלה־מיידל,
ס׳האָט דער יונגער ריטער ס׳ליובן לאַנג געררייט.

— ריטער, ריטער אַאַז״וו.

און נאָך איצט דער ריטער — אַט דער ריטער,
קלאָגט זיך — ער געפינט נישט ס׳גליק אין ווייטן וועג,
אים איז טאָקע, נעבעך, זייער ביטער,
און ער קאָן נאָך שטאַרבן יונג, ווי זיינע טעג!

— ריטער, ריטער אַאַז״וו.

(ביידע מיידלעך טאַנצן אַ מענועט. מענדעלסאָן מישט זיך אַריין אין טאַנץ — מאַכט עטלעכע פּאַס*. פרומעט טאַנצט ווייטער. רויזליין בלייבט שטיין, קוקט אים אָן און לויפט אַרויס מיט אַ געלעכטער. פויזע. פרומעט — אַרונטערגעלאָזט די אויגן)

מענדעלסאָן — ס׳פרײלײן רויזלײן האָט מיר שוין באַצאָלט —
ס׳איז זייער שיין געווען דאָס ליד
און דאָס געלעכטער — אויך...
פרומעט — **אַנטשולדיקט** —
מסתּם איז עפּעס איר געשען...
כ׳וועל גיין אַ קוק טאָן...
מענדעלסאָן — **ניין, בלייבט** —
איר חוב זי האָט דערליידיקט שוין;
זי איז אַנטשולדיקט...

---

* (פראַנצ׳) טריט (ביים טאַנצן).

נאָר איר, געשעצטע, ליבע פֿרומעט,
איר זײַט נאָך שולדיק...
איר זײַט מיר... גאָט... מײַן גאָט —
די נשמה שולדיק!
(לענגערע פּויזע)

פרומעט — ה׳ מענדעלסאָן,
כ׳האָב געוואָלט אײַך פֿרעגן...

מענדעלסאָן — פֿרעגט!

פרומעט — איז עס וואָר, ה׳ מענדעלסאָן,
צי גלייבט איר —

מענדעלסאָן — גלייבן גלייב איך שטענדיק...

פרומעט — צי גלייבט איר דען, אַז גאָט אין הימל
איז מזווג־זווגים?...

מענדעלסאָן — געוויס, געשעצטעס פֿרײַלײַן פֿרומעט,
אויף הימל און אויף דר׳עדד...
די גמרא זאָגט:
אַרבעים יום קודם יצירת הולד —
מיט פֿערציק טעג נאָך אײדער
עס ווערט דאָס קינד געבוירן,
רופֿט מען אויס אין הימל:
„בת פלוני לפלוני״...
און אײדער כ׳בין געקומען אויף דער וועלט,
איז אויך געוואָרן אויסגערופֿן דאָרט... מײַן זיווג...

פרומעט — ה׳ מענדעלסאָן...

מענדעלסאָן — יאָ, פֿרײַלײַן גוגענהײַם...
כ׳האָב אָבער דעמאָלט גלײַכצײַטיק פֿאַרנומען,
אַז מײַן באַשערטער איז באַשערט...

פרומעט — ה׳ מענדעלסאָן...

מענדעלסאָן — אַז מײַן באַשערטער כּלה איז באַשטימט
צו האָבן אויפֿן רוקן גאָר אַ גרויסן הויקער...

נו, האָב איך זיך צעוויינט
פאַר אונדזער אָבֿ הרחמים
אין טרערן — אין אַ טײַך — צעוויינט זיך,
און גאָט געבעטן:
— גיב, ליבער, הימלדיקער פֿאָטער
מיר דעם הויקער,
און זאָל די כּלה מײַנע זײַן מיט לײַטן גלײַך.
ווי פֿרײַלײַן פֿרומעט, ווי איר, ווי דו...

(פרומעט שטרעקט אים אויס די האַנט, צו וועלכער ער פאַלט צו מיט הייסע קושן. עכאָ פונעם מענועט־ניגון. פרוי גוגענהייט גייט פאַמעלעך אַריין מיט אַ טעלער אויבסט. ס'פאַלט־אַרויס פון איר האַנט און צעברעכט זיך. פרומעט לויפט צו איר צו, באַהאַלט דאָס פנים אויף דער מאַמעס ברוסט)

פרוי גוגענהײַים — מזל טובֿ דיר, טאָכטער!
מזל טובֿ אײַך, ראַבי מענדעלסאָן!

(ס'קומען אָן: ה' גוגענהיים און רויזליין. מען קושט זיך. מען גיט זיך אָפּ מזל־טוב)

מענדעלסאָן — מן השמים איז עס אָפּט אַזוי:
ווער ס'איז דעם דאָזיגן דורש וחוקר —
דער ווייסט, אַז ס'קומט דער הויקער גאָר דער פֿרוי...
און דאַך — דער מאַן נעמט פֿרײַוויליק אויף זיך דעם הויקער!

די קוקאווקע...

דער דאַזיקער מוזיקאַלישער סקעטש ווערט געשטאַלטיקט אין נאַכט־בלוי און לבנה־זילבער, וועלכע שטראָמען־אַריין דורכן גרויסן פענצטער.

פיגורל — טיק־טאַק, טיק־טאַק, טיק־טאַק, טאַק־טיק,
איז דעם אַלטן זייגערס טאַקטיק,
טיקט ער, טאַקט ער: טיק־טאַק, טאַק־טיק.
גייט ער, גייט ער — האָט ער פּראַקטיק.
אויף דעם ציפערבלאַט שפּאַצירן
שטיל די ווײַזערס, קוים זיך רירן:
טיק־טאַק, טיק־טאַק... זיי פּרובירן
זאַנפט אַ חלום־שמועס פירן...
טיק־טאַק, טיק־טאַק, טיק־טאַק, טאַק־טיק,
ס'איז אַ שפּיל מיליאָנען־אַקטיק!
טיקט עס, טאַקט עס: טאַק־טיק, טיק־טאַק,
הוידעט טרוים זיך אין אַ וויגטאַקט!
טיק־טאַק־טאַקטיק איז זײַן שטייגער...
און אַז ס'ווײַזט שוין צוועלף דער זייגער,
און — בײַנאַכט, אין טונקל דווקא,
קומט־אַרויס באַלד די קוקאַווקע,
קומט־אַרויס באַלד די קוקאַווקע,
וואָס אין קוקן איז זי בקי...

קוקאַווקע — קוקוק — קוקו — קוקו — קוקו —
קוקוק — קוקו — קוקו — קוקו —
קוקוק — קוקו — קוקו — קוקו —

פ י ג ו ר ל — און אַז ס׳שפּילט־אויף דאָס מוזיקי
טיף אין זייגער אָט־דאָס שטיקל...

ס׳מוזיקל — (קלאַוויר — אויף דער העכסטער אָקטאַווע)

פ י ג ו ר ל — און אַז אָפּגעשפּילט דעם ניגון,
הייבט זיך אָן דאָס אַלטע קריגן
צווישן אָט־די אַלטע ביידע,
צווישן באָבע, צווישן זיידע:

ז יי ד ע — ווידער צערעווועסטו, זלאָטע,
אויף דער זאַק אַ נײַע לאַטע?
ס׳נעמט דאָך אָן אַ שרעק, אָן אימה...

ב אָ ב ע — ס׳איז דײַן שקאַרפּעטקע, בהמה!

ז יי ד ע — נאָר בהמות האָסט אין זינען...
קאָנסט קיין בעסערס נישט געפֿינען...
נייך, ס׳געפֿעלט מיר נישט דײַן מינע...

ב אָ ב ע — וואָס, שוין ווידער קנאה־שׂנאה?

ז יי ד ע — קנאה־שמינע... געלע־גרינע...
ס׳איז מיר נישט קיין נפקא מינא...
אַלץ די זעלבע מעשׂה הער איך...

ב אָ ב ע — שווײַג שוין... שווײַג, דו אַלטער תּרח!!!

ז יי ד ע — טערעך—שמערעך... טראַכט איך, קלער איך:
אוי, ווי דײַנער פּטור ווער איך...
ס׳איז מיר ביטער — אַ סכּנה...

ב אָ ב ע — אוי, ווי ווער איך אָן אַלמנה!!!

פ י גֹ ו ר ל — טיק־טאַק, טאַק־טיק, טיק־טאַק, טאַק־טיק,
גייט אַזוי די לעבנס־פּראַקטיק.
תּמיד קריגט זיך באָבע־זיידע,
כאָטש שוין ביידע — אין גן־עדן!
ס׳טרעפֿט אַמאָל — אָן אויסנאַם טאַקע,
טיק־טאַק, טאַק־טיק, טיק־טאַק, טאַקע,

ס׳טרעפֿט אַמאָל, ווען נאַכט און רו איז,
הערט מען גאָר אַן אַנדער שמועס
ס׳שפּילט ס׳מוזיקל נײַס אַ שטיקל,
אַזאַ ניגון — אַן אַנטיקל!

ס׳מוזיקל — (שפּילט אַן אַנדער ניגון)
קוקאַווזקע — קוקוק — קוקו — קוקוק — קוקו —
זײדע — זלאַטע, קוקו! זלאַטע, קוקו!
באָבע — ס׳אַרא קוקו? וואָסער קוקו??
זײדע — אפֿשר מאַכסטו אַ הפֿסקה?
באָבע — וואָס עפּעס אין מיטן דרינען?
זײדע — כ׳ווייס... עס קומט מיר אויפֿן זינען...
באָבע — וואָס, למשל?... וואָס — אַ שטייגער?
זײדע — טו אַ קוק נאָר אויפֿן זייגער!...
באָבע — דאַכט זיך: צוועלף שוין... מיט מינוטן...
זײדע — זאָג דער שקאַרפּעטקע: „אַ גוטן"...
באָבע — ס׳איז אַ חכמה נישט קיין קלוגע...
פֿריש, געזונט און סתּם משוגע...
זײדע — כ׳מיין... זיך צולענען אַ ביסל...
באָבע — זע נאָר ס׳חזיר־כּשר־פּיסל...
זײדע — ס׳איז שוין איינס... עס איז באַלד צוויי שוין...
באָבע — בעל עבֿירהניק, איך ווייס שוין...
פֿיגורל — טיק־טאַק,טיק־טאַק,טיק־טאַק, טאַק־טיק...
און לויט דער אַלטער פּראַקטיק:
זײדע — כ׳זאָל זיך אפֿשר פֿאַר דיר נייגן??
באָבע — גוט שוין... שרײַ נישט... כ׳גיי זיך לייגן...
פֿיגורל — און כאַטש לאַנג, כאַטש לאַנג מיר האָבן,
סײַ דעם זיידן, סײַ דער באָבען
דאָרט, אויף יענער וועלט — זיי בײדן,
אין דעם ליכטיקן גן־עדן —

וױלן זײ אין פּונקט געװיסן
עולם־הזהדיקס געניסן...
װאָרעם טיק־טאַק, װאָרעם טאַק־טיק,
ס'איז פֿון אײביק אַזאַ טאַקטיק...
טיק־טאַק, טאַק־טיק, טיק־טאַק, טאַק־טיק —
אַזאַ שטײגער זײגער־פּראַקטיק!

ס'מוזיקל — (שפּילט אויף אַ װיגטאַנץ)

אוי, עס טרעפט, עס טרעפט א מאל

מעשהלעך פאַר קינדער

מיט אילוסטראַציעס פון אַרטור שיק

באָבע יאַכנע

פֿול לבֿנה, פֿול מיט שטערן,
און די שטילקייט לאָזט זיך הערן.
און די נאַכט איז בלוי און גרוים —
מכשפֿה גייט-אַרוים.

פֿון איר אײַנגעבויגן הײַזל
שלײַכט-אַרוים אַ פֿלינקע מײַזל,
שמעקט-אַרום די לופֿט אַרום:
ס׳איז אין דרויסן שטיל און שטום.

איז אין דרויסן שטיל און שטילער,
איז אין דרויסן קיל און קילער —
שפּרינגט די מויז צוריק אַרײַן,
און פֿאַרנייגט זיך שיין און פֿײַן.

דרײַ מאָל דרײַ זיך אײַנגעבויגן,
און געפּינטלט מיט די אויגן,
זאָגט זי: ס׳איז די רעכטע צײַט
פֿאַר די אונדזעריקע לײַט!

פֿאַטשט די קראָ מיט שוואַרצע פֿליגל,
מאַכט אַ ראָד — אַ גלײַכן עיגול *,
און זי פֿרייט זיך: ס׳קומט די שעה
פֿון די שוואַרצע — נאַכט און קראָ.

---

* קרייז, אַרום־און־אַרום.

קאַטערל מיט גרינע אויגן
מאַכט פֿון עק אַ פֿײַלנבויגן,
און די אַלטע ער באַלעקט,
און די אַלטע ער באַשמעקט.

יעמאָלט ערשט אין זיבן טיכער,
בײַצושטיין דעם שטורעם־וויכער,
וויקלט זיך די אַלטע אײַן
און זי קריכט אין שטוים אַרײַן.

און אין שטוים אַרײַנגעקראָכן,
רוקלענד זיך שיִער געבראָכן —
פֿאָרט זי מיט אַ טרייסלערײַ
צו דער נאַכט און אויף דער פֿרײַ.

פֿליִען פֿייגעלעך אַ מחנה —
יאָגט זיי נאָך די באָבע יאַכנע
אויף דעם טרייסלדיקן שטוים
מיט אַ רעש און טומל גרוים.

מיט העוויות, פּילדערײַען,
מיט אַ הייזעריקן שרײַען,



און מיט פײַער, און מיט פלאַם,
און מיט כּישוף-טאַראַראַם.

פליִען פייגעלעך אַ מחנה —
יאָגט זיי נאָך די באָבע יאַכנע,
יאָגן זיי צו אַ פרעמדן לאַנד
מיט דעם מעכזשער* אין דער האַנט.

און אַז פאַרטיק מיט די פייגל,
צינדט זיך אָן איר בלינדע אייגל —
ווערט איר שופר-נאָז פאַרשפּיצט,
און עס דונערט, און עס בליצט.

און — אַז דונערן און בליצן —
קאָן זי ניט אין שטויסל זיצן,
הייבט עס איר אין לופטן הויך
צו אַ וואָלקנדיקן רויך.

הייבט דער שטויס זיך אָן צו הייבן
ביז צו סאַמע טיפן אויבן —
און געקומען ווו מען דאַרף,
גיט ער זי פון זיך אַ וואַרף.

און אַ שליידער און אַ טרייסל
מיטן אייבערשטן פון שטייסל,
און אַ שיט פון זיך אַראָפ
מיט די פיס און מיטן קאָפ.

כאַפט אַ בליץ דער באָבען אונטער —
ווערט די באָבע רויט, ווי צונטער,
און אין וואָלקנס מען שפּאַצירט
פעך און שוועבל, ווי דערשפּירט!

---

* שטויסל (מערזשער), ס'רוב פון בראָנדז.

פֿירט מיט בליץ אַ שטומען שמועס,
מאַכט העוויהלעך און תּנועות,
און מען פֿליט, מען ברויעט*-אום —
ביז אַ דונער טוט אַ ברום.

ווערט אַ שטורעם, אַ געטומל —
בעזימט באָבע אוים דעם הימל,
בעזימט-אוים, און רוימט, און קערט —
וואָלקן ווערט איבערגעקערט.

איבערגעקערט און איבערפֿאַרבן
ליגן וואָלקנס — אָפּגעשטאָרבן,
אויפֿגעבויטעט** גרוי און גרעל*** —
שוין געמאַכט פֿון זיי אַ תּל!

און די באָבע פֿליט פֿאַרהאַוועט,
און דעם אָנהייב האַרבסט זי פּראַוועט,
גיעל ווי זאַפֿרען און פֿאַרוועלקט —
מעלקט זי וואָלקן-זאַפֿט און מעלקט.

* מען טומלט, קאָמאַנדעוועט. — ** (סטיל פֿון בויען) צונויפֿגעמישט. — *** שרייענדיק, שאַקירנדיק.

מעלקט זי רעגן אויף די פֿעלדער,
אויף די פֿעלדער, אויף די וועלדער,
אויף די דערפֿער, אויף די שטעט,
און צו זיך, צו זיך זי רעדט.

שפּרעכט אַ שפּרוך * פֿון הארבסט און רעגן,
פֿון דעם קאַלטן נאָדל־רעגן,
און פֿון רעגן, און פֿון ווינט,
און פֿון קרענק אויף קייט און קינד.

אַלע קעלטן אויפֿגעריזלט,
וועבט זי גרויקייט און זי שפּיזלט,
און צו זיך אַליין גערעדט —
אַט אַזוי פֿון פֿרי ביז שפּעט.

אַט אַזוי ביז שפּעט און שפּעטער —
פֿאַלן פֿון די בײמער בלעטער,
אויסגעווייקטע און פֿאַרגעלט,
אָפּגעחלשטע פֿאַר קעלט.

און דער הימל גרוי און שטאַר איז,
דיק פֿאַרצויגן מיט די כמאַרעס,
און דער רעגן כליאַפּעט, גיסט —
הוסט די באָבע און זי ניסט.

יעמאָלט ערשט אויף רעכט פֿאַרקאַטערט,
אײַנגעבויגן, אײַנגעמאַטערט,
גייט זי פֿון דער קעלט אַרויס,
און זי לאָזט זיך צו איר הויז,

צו איר הינער־פֿיסל־הײַזל.
עפֿנט איר די טיר דאָס מײַזל

---

* אַ כישוף־פּראָזע.

מיט אַ שׂמחה, מיט אַ פֿרייד,
פּישטשעטשענדיק די מײַזנפֿרייד.

און דערפֿרייט איז קראָ און קאָטער,
וואָס פֿון אַרבעט איז שוין פּטור
באַבעשי, און איז צוריק --
אָט, אַ שׂמחה, אַן אַנטיק!

קאָכט מען פֿאַר דער באָבען יאַיכלעך,
בראָט מען גענדז מיט פֿעטע בײַכלעך,
און מען קעכלט זי צו זעט,
און מען לייגט זי אײַן אין בעט.

און כּדי די צײַט פֿאַרברענגען —
לאָזט מען זיך די קאָרטן ברענגען,
לייגט זי זיי און טאַשט און טאַשט,
הייסע זויערמילך מען נאַשט.

און מען שפּילט בײַנאַנד אַן אָקע*,
עמעץ קוואַקעט ווי אַ קוואַקע —
אין דער באָבע יאַכנעס הויז:
באָבע, קאָטער, קראָ און מויז.

---

* קאָרטנשפּיל.

בושל

אויף אַ בוים און אויף אַ דאָרן,
אויף אַ דאָרן, אויף אַ הויכן,
אַז ס׳איז שווער אַהין צו קומען
צו דער הויכקייט אָנצושפּאָרן,
אויף אַ בוים און אויף אַ דאָרן
האָט דער בושל לאַנגער שנאָבל
אויסגעבויט זײַן נעסט.

און די נעסט — אַ גרויסער טעלער,
קײַלעכדיק אַרומגענומען,
פֿעסט אַרײַנגעזעצט אין צווײַגן,
ווינט ניט קאָנען זאָל גאָר קומען
צו דער נעסט, צום גרויסן טעלער,
און ניט ווערן אויפֿגענומען
זאָלן פֿרעמדע געסט.

זיצט זיך בושל, בושעליכע
זאַלבאַנאַנד — מען האַלט אין ריידן,
און מען שמועסט זיך געלאַסן
פֿונעם גיהנום און גן־עדן,
און מען וואַרעמט־אויס די אייער,
אויסגעהאַלטן און באַשיידן,
ווי ס׳באַדאַרף צו זײַן!

בושל איז אַ קנאַפּער ריידער,
שטייט ער שעהן לאַנג, כּסדר,
און ער הערט זײַן ווײַבלס שמועס

וועגן פֿעדערן און קליידער,
וועגן יחוס, וועגן אירן —
בושל איז אַ קנאַפּער ריידער,
טראַכט ער נאָר אַרײַן!

ראַכט ער, טראַכט ער, און פֿאַרטראַכט
פֿון געמויזעכץ, שאַלעמויזן,
פֿון דער סאַדזלקע דער טיפֿער,
פֿון איר רוגזהדיקן ברויזן...
און פֿון שנייען פֿאַראַיאָרן,
און פֿון זײַנע קורצע הויזן
אויף די לאַנגע פֿיס.

און עס ווערט אים וואָס ניט ניחא,
אָן אַ תּכלית אַלץ — נישט ניחא,
הייבט ער אָן די פֿיס צו בײַטן —
טרעט ער אויף זײַן בושעליכע
און פֿאַרענטפֿערט זיך פֿאַר ווײַבל
אויף העברעיִש: „סליחה! סליחה!״
לאַקריצדיק און זיס.



שמייכלט בושעליכע: „ס׳טרעפֿט זיך...
זאָל עס זיך אַזוי ניט טרעפֿן!״
און זי געניצט זאַט און ברייטלער,
און דעם שנאָבל טוט אַן עפֿן:
„נעם זיך ניט אַזוי צום האַרצן!...
„זאָל עס זיך אַזוי ניט טרעפֿן,
„ווי עס טרעפֿט צומאָל!...״

בעט דער בושל לאַנג זי איבער:
„פֿלי זיך, פֿלי שפּאַצירן ליבער! —
„דו ביסט מיד... און איך בין — גאָרניט...
„אויף די אייער לאָז מיך איבער!
„איך וועל שוין מײַן חובֿ דערפֿילן...״ —
בעט דער בושל לאַנג זיך איבער
מיט אַ מילדן קול.

הייבט זיך בושעליכע אויפֿעט *
פֿון געזעס, פֿון נעסט פֿון אירן,
ציט זי האַלדז, און פֿיס, און שנאָבל.
און זי הייבט זיך אָן צו רירן
אינעם וועג אַרײַן צום טײַכל,
אינעם וואַסער צו שפּאַצירן,
אינעם שפּיגלנעץ.

טוט אַ זעץ זיך תּיכּף בושל
אויף די אייער היים און וואָרעם,
מיט אַ פֿלינקייט, מיט אַן אימפּעט —
גאַט אין הימל זיך דערבאָרעם! —
און פֿאַרטרוימט זיך, און פֿאַרטראַכט זיך.

---

* אויך.

טוט אַ זעץ זיך — ס׳איז נאָך ווארעם
אָבער ס׳אַרא זעץ!

אונטער זיך געמאַכט אַ חורבן!
בושל ווייסט נאָך גאָר ניט אָבער
ס׳אַרא גאָב ער וועט באַקומען
פון דער פלוניתטע דער גראָבער,
ס׳אַרא גאָב זי וועט אים געבן,
בושל ווייסט נאָך גאָר ניט אָבער,
און ער זיצט, און טראַכט.

טראַכט ער טראַכטונגען פאַרשיידן,
וועגן לייטערלעך און דראַבעס, *
וועגן אייביקן גן־עדן,
און מאכלים נאָר פון זשאַבעס
לעבעדיק און צוגעפרעגלט,
און פון יום־טוב — כולו־שבת —
אויגאַנעס ** פאַרמאַכט...

— און אַז צוגעמאַכט די אויגן —
ווייסט שוין גאָר ניט, ווייסט שוין קנאַפּער
ווו ער האַלט איצט, ווו ער איז עס,
עפנט ער זיין שנאָבל־קלאַפּער,
אויף איין פוס ער שטייט געצויגן,
און די לופט עס טוט אַ כאַפּ ער,
און ער קלאַפּט און זינגט.

זינגט מיט אים דער גאַנצער אויר... ***
און אַ קראַ טוט זיך באַמיען
אים צו העלפן אין נגינה,
און די קולות שטאַרק צו ציען,

* פרימיטיוו־געמאַכטע לייטערס, וועלכע מ׳באַניצט פאַר פויערשע ווע־געלעך. — ** גרויס־אַרויסגעשטאַרצטע אויגן. — *** לופט.

קראַקען מיט די גאַנצע כּוחות —
און אויף קלאַפּעריי צו פליִען
בושעליכע קומט.

קומט מיט זשאַבעלע אין שנאַבל...
און צופרידן אָן אָן ערך,
און — — דערזען, וואָס פאַרגעקומען,
מאַכט זי גוואַלדן: „אַלטער תּרח!
„ווי איז מיר, צו מאַמעס יאָרן!
„אוי, וואָס זע איך! אוי, וואָס הער איך!"
בושל, נעבעך שטומט —

קומט צו זיך און קוקט זיך אומעט **,
אומעטיק און פול מיט טרערן,
און עס עפנט זיך ניט שנאַבל
עפּעס פרווון צו דערקלערן,
און מיט האַרצן, און מיט שווערן
— וויל ער גיט דער וועלט געהערן
פאַלט פון בוים אַראָפ...

און די בושעליכע, נעבעך,
קלאַפּט זיך קאָפּ אָן בוים פאַר ווייטיק,
יאָמערט אויפן קול און קלאָגט זיך:
„וועמען איז מיין לעבן נייטיק?!"
און אויף טויט דערגייט זיך יאָרן
פאַר דעם בושלדיקן ווייטיק
און צעקלאַפּט דעם קאָפּ...

אָט אַזוי ווערט עס אַ חורבן
קומט צו זיך, און קוקט זיך אומעט *,

* אום, אַרום.

וווּ ניט לײַכט איז צוצוקומען,
צו דער הויכקייט אָנצושפּאַרן,
אויף אַ בוים, און אויף אַ דאָרן,
וווּ דער בושל, שנאָבל־קלאַפּער
האָט געהאַט זײַן נעסט.

און די נעסט — אַ גרויסער טעלער,
קײַלעכדיק אַרומגענומען,
פֿעסט־אַרײַנגעשטופּט אין צווײַגן —
ווינט נישט קאָנען זאָל גאָר קומען
צו דער נעסט, צום אייער־טעלער,
און ניט ווערן אויפֿגענומען
זאָלן פֿרעמדע געסט...

לעקעשל דער בער

אין אַ וואַלד, אין ווילדן וואַלד,
האָט געלעבט שוין יאָרן לאַנג
לעקעשל, דער אַלטער בער —
יאָרן לאַנג, אוי, יאָרן לאַנג.

האָט געלעבט זיך רויִק שטיל,
האָט געלעבט זיך גוט און פֿרום,
גייט זיך אויף די הינטערפֿיס
באַלעבאַטיש שיין אַרום.

אָט אַזוי זיך לײַטיש שיין
וואַנדלט ער אַהין, אַהער.
קאָפּ פֿאַרריסן אין דער הייך,
לעקעשל דער ברוינער בער.

גייט ער, קאַנטשאַפּט פֿירט ער נאָר
מיט יחסנים, גרויסע לײַט.
גייט-אַרום זיך אינעם וואַלד,
גייט-אַרום און בײַסט און קײַט.

וואָרעם האָט דען אַ באַדײַט
נאָך אַ ביסל האָניק זיס?
גייט ר׳ לעקעשל אָן זאָרג,
פּלאָנטערט זיך אויף הינטערפֿיס.

און שפּאַצירנדיק אַזוי,
טרעפֿט מען אָנעט ווען מען דאַרף.

טרעפֿט מען אויף דאָס פֿיקסל אָן
מיטן צינגל שפּיציק שאַרף.

און דאָס פֿיקסל, ווייסט מען דאָך,
רעדט בנעימות, שטילערהייט,
און בטבֿע האָט ער נאָך
פּונקט געציילטע ניַין מאָס רייד.

האָט מען זיך אַ קאָפּ צערעדט,
האָט מען זיך צעשמועסט נעט,
און דאָס פֿיקסל האָט דעם בער
קודם־כּל מיט רייד געגלעט:

אָט אַזוי און אָט אַזוי,
איר זיַיט איידל, פֿיַין און שיין,
און די אויגן זיַינען מילד,
און זיי האָבן טויזנט חן.

און אויך דאָס, אויך דאָס איז גוט,
וואָס איר האָט קיין סימן עק:
ס'איז אַ סימן — ווילדעניש
איז פֿון איַיך געווים אַוועק!



שמועסט מען און סתּם מען רעדט —
בוידעם, ציבעלע און קלאָץ
(אַז מען רעדט, דעררעדט מען זיך
אויך צו מעשׂים טובֿים גאָטס).

פֿאַלט דעם פּיקסל פּלוצלינג איַין:
— איַי, ווי שיין! און איַי, ווי פֿיַין!
ווען איר טוט אַ מלבוש אָן,
איַי, ווי טיַיער וואָלט עס זיַין!

איַי, ווי שיין, און איַי, ווי פֿיַין!
און אַ שוץ פֿון קעלט און היץ,
און ס'וואָלט קומען איַיך צו ניץ,
איַיך אַ פֿאַרטוכל פֿון ציץ!

איַי, ווי שיין! און איַי, ווי פֿיַין
וואָלט עס קליידן איַיך געווים,
אויף טשיקאַוועס פֿאָלגט מיך נאָר:
זיַין וועט איר ווי האָניק זים!

איז עס לעקעשלען אריַין
ווי אַ שריַיפֿל אינעם קאָפּ,
און ער טראַכט פֿון פּיקסלס רייד,
און עס לאָזט אים שוין ניט אָפּ.

ווו ער גייט און ווו ער שטייט,
סיַי אויף צוויי און סיַי אויף פֿיר —
טראַכט ער תּמיד וועגן דעם,
ווי מען ווערט עס אַ גבֿיר,

און מען האַנדלט איַין פֿאַר זיך,
און מען האָט אין דעם באַזיץ —

אײַ, אַ פּאַרטוכל פֿון ציץ!
אײַ, אַ מלבֿושל אַ פּראַכט,

וואָלט ער אָבער נאָר פֿאַרמאָגט
אַט־דאָס פּאַרטוכל — דער בער,
ווער געגליכן וואָלט צו אים
דעמאָלט וואָלט געווען, ווער?

ווער, איך בעט אײַך, דעמאָלט וואָלט
זײַן געבענטשטן שטאָלץ געהאַט,
און זײַן הילוך און זײַן שטעל,
און זײַן קעניגלעכן שטאַט?

עלעהיי — ס׳איז טאַקע שווער
צוצופּאַסן זיך אַ קלייד!
וואָס־זשע טויגן פּיקסלם רייד,
נײַן מאָס האָניק־זיסע רייד?

אַז עס ווערט דער קאָפּ פֿאַרדרייט,
אַז נישט ניחא ווערט דער וואַלד,
אַז די מרה־שחורה ווילד
לעקעשלען אין וואַלד באַפֿאַלט?!

גייט־אַרום אין וואַלד דער בער,
מרה־שחורהדיק און שווער,
ניט דערפֿילט איז זײַן פֿאַרלאַנג,
ניט דערפֿילט איז זײַן באַגער.

און זײַן טרויערן איז גרויס
און עס וואַקסט אין אים אַ שרעק,
אַן אָן אָנהייב, אָן אַ סוף,
אָן אַ סוף, און אָן אַן עק.

לעבט אַזוי דער וואַלד אין בער,
לעבט אַזוי דער בער אין וואַלד.
פֿינצטער ווערט פֿון טאָג צו טאָג,
פֿינצטער ווערט אים זײַן געשטאַלט.

און ס׳פֿאַרלויפֿט אַזאַ מין זאַך.
זומער איז די זאַך געשען.
בער איז מאָגער נאָך געווען,
בער איז הונגעריק געווען.

איז ער זיך אַוועק אין דאָרף,
וואָס פֿון וואַלד — אויף יענער זײַט,
וואָס איז גאָרניט אַזוי ווײַט,
הונדערט טריט אויף יענער זײַט.

גייט ער, גייט ער, און ער זוכט —
שטוב צו שטיבל אײַנציקווײַז:
טאָמער וועט זיך מאַכן אים
עפּעס צו דעם מאָגן שפּײַז.

טאָמער מאַכט זיך אים אַ שעפּס,
טאָמער מאַכט זיך אים אַ לאַם,
טאָמער דאָס ניט און ניט יענץ —
איז באַדאַי* אַ הינטל סתּם!

און אַזוי ווי לעקעשל
טרעט פּאַמעלעכן און טרעט —
זעט ער — זע נאָר! זע נאָר! זע!
אויף אַ פּלאַנצן** הענגט זיך גרעט!
אויף אַ פּלאַנקן** הענגט זיך גרעט!

---

* (פּויל׳) זאָל כאָטש זיין. — ** פּלויט.

און אַז גרעט, און ס'טריקנט זיך,
איז בכן, איז וואָס דער רעש,
אַז צו קײַען טויג עס ניט,
און עס טויג ניט אויף אַ נאַש.

וואָלט עס ווינציק אים געאַרט,
וואָלט ער ניט פֿון דעם געדענקט —
זעט ער ס'הענגט אַ פֿאַרטוכל,
זעט אַ רויטער פֿאַרטוך הענגט.

האָט ער זיך אַזוי דערפֿרייט,
איז די פֿרייד אים צו צום האַלדז,
אַז פֿאַרגעסן אָן דעם בויך,
אַז פֿאַרגעסן גאָר פֿון אַלץ.

האָט ער זיך אַזוי דערפֿרייט,
און געכאַפּט דעם פֿאַרטוך באַלד
אונטער פּאַכווע*, און אַוועק
טוץ**-צוריק אין ווילדן וואַלד.

און געקומען, און אין וואַלד,
און געקומען אין זײַן הייל,
האָט ער אויסגעמאָסטן אים
פּונקט געטראָפֿן: אייל אויף אייל!

האָט זיך לעקעש צוגעפּוצט,
האָט זיך לעקעש צוגעקעמט,
און דאָס רויטע פֿאַרטוכל
אָנגעטאָן אויף זיך פֿאַרשעמט...

---

* אָרעם. — ** (אויסרוף, דינאַמיש) פּוץ! טוץ! איינס און צוויי, איידער מ'קוקט זיך אום...

אָנגעטאָן און גוט פֿאַרקניפּט,
מיט אַ שלייפֿעלע געמאַכט,
און אין וואַסערל געקוקט,
ווי עס ליגט אויף אים — אַ פּראַכט!

איצטער — קלערט ער — איז שוין גוט,
איצטער וועט דער נס געשען,
איצטער וועט שוין קיינער ניט
לעקעשן אַז עך דערזען.

און אַזוי, און פּלוצלינג גאָר,
קוים געהאַפּט און אויסגעקלערט,
האָט ער ס׳פֿאַרטוכל בײַ זיך,
ס׳פֿאַרטוכל אַזוי באַגערט.

און פֿון דעמאָלט, און פֿון דאַן
האָט אים לעקעש אָנגעטאָן
פֿאָרנט, פֿאָרנט ווי מען דאַרף.
צוגעבונדן אויבנאָן!

טראַמפּלט ער, און קלעטערט־אום,
און ער פֿילט זיך שטאַרק און שטאָלץ —
אַז עס קנאַקט דאָך אונטער אים
וואַלד און בוים, און צווײַג, און האָלץ.

און ווען טרעפֿן טרעפֿט ער אָן
פּיקסלען גיין זיך שטילערהייט —
לאָזט ער זיך שוין ניט אַרײַן
מיט דעם פֿוקס אין לאַנגע רייד.

נאָר מיט אויגן ווינקט ער אָן
אויף דעם פֿאַרטוכלס אַ ברעג.

און עס שמייכלט לעקעשל:
קיינער ווייסט ניט פֿון מײַן עק.

קיינער ווייסט עס ניט צומאָל,
צי איך האָב ניט, צי איך האָב —
פּטור — פֿאַרטיק — ס׳פֿאַרטוכל —
און מען דרייט מיר ניט קיין קאָפּ.

לעבט ער ווײַטער גוט און פֿרום,
ווײַטער לעבט ער רויִק שטיל,
און ער ווייס — ער האָט דערגרייכט
צו דעם אויסגעבענקטן ציל!

אָט אַזוי זיך, לײַטיש, שיין,
וואַנדלט ער אַהין, אַהער,
קאָפּ פֿאַרריסן צו דער הויך —
לעקעשל דער ברוינער בער.

גייט, און קאַנטשאַפּט פֿירט ער נאָר
מיט יחסנים, גרויסע לײַט,
ווייסט וואָס פֿאַרגעניגן איז —
און פֿון האָניק דעם באַדײַט.

דאָס ציגן-בערדל

ניט אַ מעשׂה פֿון אַ רײַטער,
ניט פֿון זײַנס אַ פֿערדל:
כ'וועל אַ מעשׂה אײַך דערציילן
מיט אַ ציגן-בערדל.

ובכן — אַמאָל מיט יאָרן —
בײַ מײַן רבינס לעבן,
האָט געלעבט בכבֿוד גדול
ציגעלע בײַם רבין.

האָט דאָס ציגעלע דאָס ווײַסע,
מיט זײַן ווײַסן פֿעלכל,
זיס, געשמאַק זײַן ליד געזונגען
אויף זײַן קאָזע-קולכל.

אינעם שטעלכל זיך געציקלט,
וואָלעכלעך געזונגען,
און פֿון פֿרי ביז שפּעט אין אָוונט
„קדוש" נאָר געשפּרונגען.

און פֿון זינגען, און פֿון שפּרינגען
ווערן דאַר די קנאָכן —
האָט געלעבט די ציג די ווײַסע
לאַנגע טעג און וואָכן.

דאַרף זיך טרעפֿן, גראָדע טרעפֿן —
טרעפֿט אַזאַ מין מעשׂה,

אַז דערזען בײַ זיך דאָס בערדל
האָט די ציג די ווײַסע.

און דערזען, און טיף פֿאַרטראַכט זיך,
און פֿון דעם פֿאַרטרויערט —
האָט איר טרויער לאַנגע וואָכן,
וואָכן לאַנג געדויערט.

און דערזען, און פֿונעם טראַכטן
מוח זיך געבראָכן.
און פֿון שטערן האָבן האָר איר
ביסלעכווײַז געקראָכן.

אַלץ פֿון טראַכטן, אַלץ פֿון קלערן
קריכן האָר און קריכן!
אַלץ פֿון טראַכטן, אַלץ פֿון קלערן
ווערן גרויסע פּליכן!

מילא — קריכט, איז דאָך פֿאַרפֿאַלן,
קריכט — מסתמא נייטיק!
בערדל נאָר פֿון אָרט ניט רירט זיך —
הערל אַזאַ מין ווייטיק!

אַ פֿאַרדראָס, אַן עגמת-נפֿש
ניט צום חוזק מאַכן!
אַזאַ חרפּה, אַזאַ בושה —
שלעכטע נאָר צום לאַכן!

וואָס-זשע מאַכט מען דאָ, אַ שטייגער,
ס'איז דאָך שווער צו וויסן.
וואָס קאָן ציגעלע דאָ, נעבעך,
טראַכטן און באַשליסן?

ווײַנט עס אויף זײַן זיסן קולכל,
טרערן גיסן, פֿליסן.
וואָלט עס אָנטאָן זיך אַ כּוח —
בערדל אויסגעריסן!

דרייט עס מיטן ווײדל פּזרם —
סימן טיפֿער טראַכטן.
ציגן־ניגעלעך אין גאָרגל
ווערגן זיך און שמאַכטן.

און געטראַכט אַזוי ביז וואַנען
אויסגעדאַרט — אַ ריטל.
און אַן עצה זיך געגעבן,
אויסגעזוכט אַ מיטל.

ציגן־טראָט און ציגן־טריטל,
גייט עס זיך געלאַסן
איבער גאַסן, איבער געסלעך,
איבער לאַנגע גאַסן.

גייט עס, גייט עס — באַלד דערגייט עס
מיט זײַן לאַסט דער שווערער,
מיט זײַן טרייסל־בערדל גייט עס
צו דעם שטעטל־שערער.

און געקומען, און דערגאַנגען
צו דעם שערער־געסל.
און געזעצט זיך, ברייט פֿאַרנומען,
אין דעם ווייך געזעסל.

האָט שוין שערערל פֿאַרשטאַנען
ציג נאָך וואָס געקומען:

פינדזל, גאָלמעסער און האַנטוך
אין די הענט גענומען.

און גענומען רײַבן, פּינדזלען,
בערדל צו באַמאָלן,
און מיט גאָלמעסער דעם שאַרפֿן
בערדל אָפּצוגאָלן.

און געקראַצט, געשפּריצט, געריבן,
אָן אַ שיער געריבן,
ביז קיין הערל אויף אַ זכר
איז פֿון באָרד געבליבן.

און מיט באָרד באַצאָלט דעם שערער.
דאַנקען אָנגעפֿאַנגען,
און מיט גאָמבעלע מיט גלאַטער —
איז אַוועקגעגאַנגען.

שטאָלץ פֿון זיך, און פֿון דער קלוגשאַפֿט,
וואָס זי האָט פֿאַרשטאַנען
הילף פֿון וואַנען אויסצוזוכן,
און איר טרייסט פֿון וואַנען.



הייסט עס שוין — עס איז די ענדע,
שוין אַ סוף צו מעשׂה.
עט, עס איז פֿון סוף נאָך ווײַטער,
ציגעלע, דו ווײַסע!

איצט ערשט האָט עס זיך צעלאָזן,
וואַקסן אָנגעהויבן —
און עס וואַקסט ערשט אָן אַן אָפּשטעל,
גאָר ניט, ווי צום גלייבן.

שוין אַריבער קני דאָס בערדל,
פּלאָנטערט זיך צופּוסן.
ס'וואַקסט דאָס בערדל, ווי אויף הייוון —
גאָר ניט, ווי צום שטותן.

וואַקסט און וואַקסט אַזוי כּסדר,
ס'העלפֿט ניט זיך צו קליגן —
אַגבֿ לוינט זיך ניט מיט מזל
סתּם אַרומצוקריגן.

צוגעקומען איז דער ציג נאָר
נאָך אַ נײַער ניגון —
אַזאַ טרויעריקן מזל
האָבן, נעבעך, ציגן!

הײַזעלע-ברײַזעלע

אין ערגעץ שטייט אַ הײַזעלע,
דאָס הײַזעלע — אַ ברײַזעלע,
אַ ברײַזעלע פֿון ביר,
מיט פֿענצטער און מיט טיר.

אין ברײַזעלע — אַ װעכטערל
צוזאַמען מיט זײַן טעכטערל,
אין ברײַזעלע דאָרט װױנט,
פֿון עמעצן באַלױנט.

דאָס טעכטערל, אַ זינגערקע,
אַ טענצערקע, אַ שפּרינגערקע,
נאָר זינגען, טאַנצן בלױז —
איז לעבעדיק אין הױז!

און קײנער קומט צו זײ אַהין:
אין יעדן װינקל װױנט אַ שפּין,
און קלערט זײַן שפּינענקלער,
און װײַטער — קײנער מער!

אַן אַלמערל — אַ שרענקעלע,
צװײ בעטן און אַ בענקעלע,
אַ טיש און שטולן צװײ —
אַט דאָס פֿאַרמאָגן זײ.

---

* אַ פֿאַבריקל פֿון בראָנפֿן, ביר.

אָט-דאָס איז גאָר! אַ שטיבעלע
פֿיר איילן קוים — אַ גריבעלע,
אַ דעכעלע אויף ווענט,
אויף ווענטעלעך געלענט.

און אונטער שטרויען-דעכעלע,
און אונטער שטרויען-סטרעכעלע —
אַ בוידעמל גאָר קליין,
דאָס בוידעמל אַליין.

און אויפֿן בוידעמל פֿאַרשפּאַרט,
פֿון טעכטערל אַרייַנגענאַרט,
אַ שדעלע דאָרט וווינט
אַ קלייניקער, וואָס שטווינט —

און שטווינט, און טראַכט און וווּנדערט זיך,
פֿון אַלע אָפּגעזונדערט זיך
שוין נישט די ערשטע וואָך —
און לעבעדיק איז דאָך.

פֿאַרשלאָסן אויף אַ שלעסעלע
זיצט שדעלע פֿאַרגעסעלע
און גענעצט מיטן טראָפּ,
און שאָקלט מיטן קאָפּ.

אויף בוידעם אין אַ פּעסעלע
ער האָט דאָרט זייַן געזעסעלע,
אין טינדעלע* — וואָס לער
און ער — און קיינער מער.

אַ שדעלע — אַ לצעלע,
אַ קייַלעבדיקער פּלעצעלע,

---

* פּעסעלע.

וואָס ס'וואַקסט אויף אים דאָס שמאַלץ,
וואָס דיקער ווערט ווער אַלץ.

— „מײַן שעצעלע, מײַן קעצעלע,
„מײַן לאַקריץ־זיסער פּלעצעלע!"
רופֿט טעכטערל אים מילד:
— „מײַן פּלעצעלע געפּילט!"...

און טראָגט אים אויף אַ טעצעלע,
און שפּילט זיך מיט דעם לצעלע
דאָס טעכטערל, און לאַכט
פֿון פֿרי ביז שפּעט בײַנאַכט...

פֿאָרט וועכטערל אין געסעלעך,
מיט ביר מיט פֿולע פֿעסעלעך,
פֿאַרמאַטערט און פֿאַרשמאַכט,
פֿון טעכטערל פֿאַרטראַכט.

ער פֿאָרט אַהין, ער פֿאָרט אַהער,
און פּלוצלינג ווערט אים שווערער שווער,
און ס'פֿאַלט אים פּלוצלינג אײַן:
מיט טעכטערל וואָס ט'זײַן?



מיט טעכטערל וואָס ווערן ווען?
צו וועמען אַלץ געהערן וועט,
ווען ווערן וועט ער אויס?
ווען ווערן וועט זי גרויס?

אויף הייוון אַ געקנאָטענע,
זי וואַקסט דאָך אַ געראָטענע —
אויף הייוון פֿונעם ברויז
פֿון שוים פֿון ביר אַרויס!

וואָס ט'זײַן, וואָס ט'זײַן מיט טעכטערל?
פֿאַרטרויערט ווערט דאָס וועכטערל,
פֿאַרחושט זיך אין דער מיט,
און פֿאַרט מיט שווער געמיט —

אין קרומע, לאָמע געסעלעך
מיט טומלדיקע פֿעסעלעך —
ער פּלאָנטערט זיך אַרום,
אַנטשווויגן שטיל און שטום.

און אָפּגעפֿאַרטיקט מיטן ביר,
ער אײַלט צו טעכטערל, צו איר,
פֿאַרדאַגהט און פֿאַרקלערט,
און פֿינצטער, ווי די ערד —

צוריק, צוריק צום הײַזעלע,
צום הײַזעלע — צום ברײַזעלע,
מיט פֿענצטער און מיט טיר,
צום ברײַזעלע פֿון ביר!

אַ מידער, אַ געבויגענער,
מיט שטימע אַ צעצויגענער —

ער קומט אין שטוב אַרײַן
מיט ווערטער: וואָס וועט זײַן?"

און מער אַ פּיפּס ניט, און פֿאַרקלערט,
און מער ניט, וואָס אַ האָר איז ווערט,
און מרה־שחורהדיק און שווער,
און אין דעם בערדעלע אַ טרער,

און זעצט זיך לער און אָפּגעלאָזט,
דעם קאָפּ צו דר'ערד אַראָפּגעלאָזט,
און וואָרט פֿאַרשטאַרטערהייט
אויף טעכטערלס די רייד.

און יענע ווייסט שוין וואָס ער מיינט,
צעשמייכלט זיך אַזוי באַחנט,
און טוט דאָס אירע, טוט,
און ענטפֿערט: „זייער גוט!"

און טוט אַ שפּרונג ביז דעכעלע,
ביז דעכעלע מיט סטרעכעלע,
ביז בוידעמל אַרויף,
ביז בוידעמל אַרויף!

און דאָרט — גלײַך צום פּעסעלע,
צום שדעלעס געזעסעלע.
אַ שאָקל מיטן קאָפּ:
און פּעסעלע — אַראָפּ.

— „אַראָפּ, אַראָפּ דו, קייקעלע,
„דו אָנגעבלאָזן פּײַקעלע!
„אַראָפּ, אַראָפּ צו אונדז,
און ווײַז אַ נײַעם קונץ!"

און פּעסעלע, און שדעלע,
געטריבן, ווי אַ רעדעלע,
געיאָגט און ניט געשטערט
זיי פֿאַלן צו דער ערד.

און שדעלע אויף דילעכל *
צעיאָגט זיך, ווי אַ מילעכל,
און היפּערט אויף איין פֿוס —
אַן אמתער גענוס!

ווי אַ צעשטיפּטער ייִנגעלע,
ער ווייַזט אַ רויטן צינגעלע,
צעפּלאַקערט און צעברענט,
און שטעלט זיך אויף די הענט.

און קרימט די שרעק און שרעקעלעך,
און קנייַפּט זיך אין די בעקעלעך,
די רויטע פֿאַרב זאָל שטיין,
און קייַכט מיט אַ געוויין,

און שלאָגט זיך אין זייַן ברוסטעלע,
און הוסט מיט דראָבנעם הוסטעלע,
און הוסט און ניסט און זינגט,
און מיט אַן אייגל ווינקט —

און אַז שוין גוט צעהוליעט זיך,
ער ברעכט זיך, און ער קוליעט זיך,
און ווונדער-קונצן מאַכט —
ווערט שטיבעלע צעלאַכט:

און פֿריילעך איז דאָס וועכטערל,
און לעבעדיק דאָס טעכטערל,

* דיל — פאל, פאדלאגע.

און שפּינעלעך — צעטאַנצט
אין שפּינעכצן געגלאַנצט — —

יאָ, יאָ — עס שטייט אַ הײַזעלע,
אין ערגעץ שטייט אַ ברײַזעלע,
צופרידן אָן אַ שיער —
אַ ברײַזעלע פון ביר.

אין ברײַזעלע אַ װעכטערל
צוזאַמען מיט זײַן טעכטערל
אין ברײַזעלע דאָרט װוינט,
פון עמעצן באַלוינט!

אַ ברײַזל, װי אַ ברײַזעלע!
אַזאַ אין כּישוף-קרײַזעלע
נעמט ס׳ברײַזעלע אַרום
פון אומעט אומעטום...

און דאָרטן אין אַ פּעסעלע
װוינט לצעלע פֿאַרגעסעלע,
פֿאַרגעסעלע מיט זיי,
ביז פֿאַלן װעט אַ שניי!



משה בראָדערזאָן מיט זיין פרוי, שוישפּילערן
שיינע־מרים, און טאָכטער, אין 1934

צו דער כאראקטעריסטיק

פון משה בראדערזאנס לעבן און שאפן

בלעטער פון געשיכטע, שפּראַכפאָרשונג, קריטיק און זכרונות

י. י. טרונק

משה בראָדערזאָן אין דער ספּערע פון לאָדזש *

לאָדזש איז געווען די טעריטאָריע צו כאַפּן שטערן פון דער לופטן און צו לויפן אויף די גרויסע געווינסן. זי איז עס געווען פון קדמונים. לאָדזשער יידן האָבן אין זיך געהאַט אַ סך פון די לעגענדאַרישע רויטע יידעלער און פון שלום עליכמס מנחם־מענדל. לאָדזשער יידן זיינען פון תמיד געווען בעלנים אויף ווילדע גליקן. דווקא האָבן זיי געוואָלט גיין אויף די גליטשיקע וועגן. אין דער בייער צייט, ווען די ברונעמער פון די אויסטערלישסטע מעגלעכ־קייטן האָבן זיך געעפנט מיט ווילדער שפע, זיינען לאָדזשער יידן געשטאַנען צעיאָכמערטע און מיט פאַרקאָטשעטע פּאָלעס. זיי האָבן געשעפּט און גע־שעפּט מיט פולע און מיט געלעכערטע שעפן.

...עס איז אָקערשט געווען נאָך דער דייטשער אָקופּאַציע. פּוילן איז געווען אויסגעליידיקט פון רוישטאָפן. מיטן גאַרנישט אין די הענט האָבן לאָדזשער יידן זיך גאָר פלוצים מיישב געווען און געלאָזט אין גאַנג אַלע רעדער און קוימענס פון די לאָדזשער פאַבריקן. בוימוואָל און וואָל האָט מען געשאַפן פון דער לופטן. לאָדזש האָט אָנגעהויבן צו קלאַפּן און צו רויכערן גלייך עס וואָלטן געווען די אַמאָליקע צייטן — די צייטן ווען די רוסישע מרחקים זיינען געשטאַנען מיט אָפענע מיילער און איינגעשלונגען דאָס, מיט וואָס לאָדזש האָט זיי געפּאַשעט.

...דאָס בעמלעכע איז געשען אין דער יידישער ליטעראַטור. אויך דאָ האָט לאָדזש זיך פלוצים מיט גרויס טראַסק אַ נעם געטאָן צו רוקן פאָרויס און צו וואַרפן די אַלטע געטער. לאָדזש האָט אָנגעהויבן צו ווייזן צייגער דער אַלטער וואַרשע און צוכאַפּן די בכורה. לאָדזש האָט פאַרמאָגט דעם פאַרשייטן אימפּעט פון אויפגעקומענקייט און פון בייע מענטשן. איז דאָך פון תמיד לאָדזש געווען די שטאָט פון די אויפגעקומענע — און זי האָט אויך אין דער יידישער ליטעראַטור געוואָלט ווייזן ווער עס איז עלטער. וואַרשע האָט אין דער מלחמה כמעט אַלצדינג פאַרלוירן. די שענסטע יידישע גבי־

---

* פון 6טן בוך פּוילן, נ"י 1951, פראַגמענטן פון זז' 97—106.

רישע משפּחות אירע זייַנען געוואָרן יורדים און פֿאַרלוירן זייער גלאַנץ. די יידישע ליטעראַרישע משפּחה אין וואַרשע האָט פֿאַרלוירן פּרצן. וואַרשע איז מיטאַמאָל געבליבן שטיין אָן אַ קרוין אויפֿן קאָפּ. לאָדזש האָט געוואָלט פֿאַרכאַפּן די קרוין... דער לאָדזשער יידישער דיכטונג האָט נאָר געפֿעלט דער גרויסמייסטער... און... מען האָט נישט לאַנג באַדאַרפֿט וואַרטן. דער גרויסמייסטער צו דער יידישער דיכטונג אין לאָדזש איז געקומען אין דער פּערזאָן פֿון משה בראָדערזאָן.

...אויף משה בראָדערזאָנען איז אויסגעפֿאַלן דער גורל צו זיין די זון און דער גרויסטשעמפּיאָן פֿון דער עקספּערימענטירנדיקער דיכטונג אין לאָדזש. אַ דיכטונג וואָס האָט אַלעמען פֿאַרבליפֿט און דערשראָקן ווי אַ געוויטער וואָס איז פּלוצים אַרונטערגעפֿאַלן פֿון די הימלען. דאָס פּרצלאָזע וואַרשע איז אויך געבליבן שטיין פּריטשמעליעט און אַרונטערגענומען דאָס היטל. אויף זייַנע דיכטערישע פֿאַרנאַסן איז משה בראָדערזאָן אַרויפֿגעטראָגן געוואָרן פֿון לאָדזשער מזל דווקא פֿון די באַשיידנסטע טאָלן פֿון דער יידישער ליטעראַטור. עס האָט פֿולשטענדיק געשטימט מיט דער לאָדזשער טבע.

...בראָדערזאָן האָט באַלאַנגט צו דער ליטעראַרישער משפּחה אין לאָדזש נאָך פֿאַר דער מלחמה. זיין אָרט אין איר איז געווען גאָר אַ שטילס און אָן גרויסע פּרעטענזיעס. ער האָט דעמאָלט געשריבן לייַכטע דערציילונגען אין דער לאָדזשער יידישער פּרעסע... גיכער געהערט צו דער פּרעסע ווי צו דער ליטעראַטור. האַרט פֿאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט משה בראָדערזאָן אַרויסגעגעבן אַ ביכל לידער — „שוואַרצע פֿליטערלעך”. עס איז אַרויס כמעט ווי אומבאַמערקט און קיינער האָט עס נישט גענומען ערנסט. אַפֿילו אין באַפֿליגלטן לאָדזש איז משה בראָדערזאָן געבליבן אָן פֿליגלען.

...פּלוצים האָט אייסגעבראָכן די מלחמה. די רוסן האָבן פֿאַרלאָזן פּוילן. אַ סך יידן זייַנען ווי פּליטים פֿאַרוואָגלט געוואָרן קיין רוסלאַנד. אויך משה בראָדערזאָן איז געווען פֿון די פֿאַרוואָגלטע.

...משה בראָדערזאָן איז געווען אין מאָסקווע, ווען די שטורעמדיקע וואַסערן פֿון דער רוסישער דיכטונג האָבן זיך געפּאַליעוועט אין דער הויך, און ער האָט געזען וואָס עס לאָזט זיך מאַכן מיט פֿערזן און מיט גראַמען. ווען מען די רעוואָלוציע אין דער רוסישער דיכטונג אַריבערפֿירן ווי זי שטייט און גייט אין דער יידישער דיכטונג — קאָן מען באמת אַלעמען אין פּוילן, סיי די לייענערס, סיי די פּאָעטן, געבן דעם קנאַק איבערן קאָפּ. זיי וועלן ווערן פּריטשמעליעט, זיך רייבן די אויגן, זיך וווּנדערן און טראַכטן: אָט־אָ־דער משה בראָדערזאָן וואָס איז אַוועקגעפֿאָרן פֿון לאָדזש אַזוי שטיל און באַשיידן — אים האָט זיך אויך אין ווייַטן מאָסקווע דאָס רעדעלע געטאָן אַ דריי... עס איז היינט אַ צייט אַזאַ. מען ווייסט נישט ווען עס

שפּילט־אויף דאָס מזל און וועמען „די פייגעלעך אויף דיביימער וועלן אַרויסציען דאָס גרויסע געווינס. „הכל צריכים מזל אַפילו ספר־תורה שבהיכל״. אומעטום דאַרף עס גאָר אָפּגילטן — אַפילו אין דער ליטעראַטור.

„משה בראָדערזאָן איז באַלד נאָך דער מלחמה צוריקגעקומען פון מאָסקווע קיין לאָדזש מיט אַלע אויסערלעכע און אינערלעכע רעקוויזיטן פון אַ גרויסן, אפשר דעם גרעסטן יידישן פּאָעט. ער האָט געוווסט, אַז אין רעוואָלוציאָנערע צייטן ווערט מען מיט באַשיידנקייט צעטרעטן אונטער די פיס ווי אַ ווינציק שטויבעלע. ער האָט טאַקע זייַנע אַמאָליקע באַשיידנקייטן אַריינגעוואָרפן אין דעם גאַנצן אַלטן ברוכוואַרג פון פאַר דער מלחמה.

שוין אין זיין אויסערלעכער פיזיאָנאָמיע האָט זיך משה בראָדערזאָן אָנגעהויבן צו באַווייזן אין לאָדזש ווי דער ליבליגג פון די מוזעס. ער האָט זוי אַ דיכטערישער לייב געטראָגן אַ קאָפּ פול מיט שוואַרצע האָר, ווי אויך שוואַרצע באַקנבערד אַ לאַ פּושקין. פון דער רוסישער רעוואָלוציע האָט ער מיטגעבראַכט דאָס שוואַרצע רוסישע אַרבעטער־העמד, וואָס האָט פון משה בראָדערזאָנען אַראָפּגעשריגן אויף די לאָדזשער גאַסן ווי אַ פאַרניכטנדיקע דראָונג. אויף דעם דאָזיקן שוואַרצן פּראָלעטאַרישן העמד האָט ער געטראָגן אַלערליי קייטעלעך פון בורשטין און קאָראַלן. עס זיינען געווען ווי די דרשה־געשאַנקען פון די מוזעס וואָס זיינען אין אים פאַרליבט. בראָדערזאָנס לייבישע און דיכטערישע מאַנסבילקייט האָבן אָט־די תכשיטים גאָר צוגעגעבן קאָקעטישע ווייבערישע חנען... אויף זייַנע לאַנגע אויסגעצויגענע פינגער — ערשט איצט האָט לאָדזש דערזען אַז משה בראָדערזאָן האָט לאַנגע פאַרחלומטע פינגער זוי אַ שאָפּען — האָט ער געטראָגן אַלערליי איינגערעמטע געשניטענע שטיינער און קמיעות. מען האָט געזען באַשיינפּערלעך, אַז ווען די דאָזיקע פינגער נעמען נאָר די פען אין דער האַנט, קאָן זי באמת באַווייזן כישוף.

לאָדזש האָט באַלד אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. משה בראָדערזאָנס נאָמען האָט אָנגעהויבן צו שאַלן באַגלייך די באַרימטקייטן אויף אַנדערע געביטן פון לאָדזשער הרהאָ״.

לעאָ קעניג

די תקופה פון יונג־יידיש און משה בראָדערזאָן *

„אַלע בייע שטרעבונגען און פּרווח צו באַשיינען און פאַרשענערן די ירושה־אוצרות פון אונדזער אייגנאַרטיק, אייביק פאָלק וועלן מיר מיט אונ־דזער גאַנצער התלהבות און יונגער האַרציקייט אויפנעמען. קום צו אונדז און מיט אונדז, וואַנגדיקע יוגנט. אונדזערע וועגן פירן צו דער זון" — — —

אָט־דעם זייער כאַראַקטעריסטישן אויפרוף געפינען מיר אינעם 2טן־3טן בויגן יונג־יידיש, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין לאָדזש פון אַ גרופּע יונגע פּויליש־יידישע דיכטער און פּלאַסטישע קינסטלער אין אָנהייב פון די צוואַנציקער יאָרן.

כ'ווייס נישט צי ס'איז צופעליק אָדער נישט, נאָר אונדזערע ליטעראַ־טור־קריטיקערס און ליטעראַטור־היסטאָריקערס האָבן זיך ס'רוב באַשעפטיקט מיט יחידים — מיט אונדזערע עלטערע און נייערע קלאַסיקערס, מיט די איינצלנע פּראָמינענטע יידישע דיכטערס און פּראָזאַיקערס, און אַזוי זעלטן און ווייניק מיט די פאַרשיידענע יידישע ליטעראַריש־קינסטלערישע גרופּירונגען.

*

...יונג־יידיש איז געווען איינע פון די אינטערעסאַנטסטע אויסגאַבעס פון דעם מין, וואָס זיינען ביי אונדז דערשינען אין אָנהייב פון די צוואַנ־ציקער יאָרן.

פאַר מיר ליגן עטלעכע העפטן אָדער נומערן (זיי האָבן זיך אָנגערופן „בויגנס") פון יונג־יידיש, געדרוקט אויף ברוינעם דיקן פּאַפּיר. דווקא אויף ברוינעם דיקן פּאַק־פּאַפּיר, הגם יונג־יידיש, גלייב איך, איז געווען די מייסט־אילוסטרירטע יידישע פּעריאָדישע אויסגאַבע, וואָס מיר האָבן ווען געהאַט, און האָט אַוודאי פאַרדינט געדרוקט צו זיין אויפן בעסטן פּאַפּיר. אָבער ווו האָבן נאָך אין יענע יאָרן יונגע יידישע דיכטערס און קינסטלערס

* פון די גאָלדענע קייט, תל־אביב 1956, נ' 26, זז' 92—102.

געקענט קריגן אַ מעצענאַט פאַר אַזעלכע דרייסטע, דעמאָלט רעוואָלוציאָנערע, מאָדערנע „לידער אין וואָרט און צייכענונג" ווי זייערע? איז שוין בעסער און עסטעטישער געווען צו דרוקן זייערע אויפרופנדיקע און אַרויסרופנדיקע שאַפונגען אויף ברוינע בויגנס פּאַק־פּאַפּיר, ווי אויף דעם געווייגטלעכן באַלעבאַטיש־שיינעם און גלאַטן פּאַפּיר.

אין דעם ערשטן נומער יונג־יידיש זיינען פּאַרטראַטן מיט „לידער אין וואָרט און צייכענונג" — יעקב אַדלער (דער פּראַכטפולער קינסטלער האָט זיך נאָך אַ פּנים דעמאָלט נישט גערופן מיטן נאָמען יאַנקל, מיט וועלכן ער איז שפּעטער באַקאַנט געוואָרן אין דער גרויסער קינסטלערישער וועלט), חנוך באַרטשינסקי, משה בראָדערזאָן, יצחק ברוינער, יצחק קאַצענעלסאָן און מאַרק (שפּעטער מאַרעק) שוואַרץ.

אין 2טן־3טן בויגן געפינען מיר אַ חוץ די פריערדיקע דיכטערס אויך די נעמען: הערשעלע, ה. ל. זשיטניצקי, י. מ. נייטמאַן און אלימלך שמולאָוויטש.

אין 4טן־5טן־6טן בויגן (אין איין אויסגאַבע) קומען נאָך צו די נעמען פון נייע מיטאַרבעטערס, דיכטערס און גראַפיקערס: ש. בלאָט, א. צ. גרינבערג, דניאל, ק. הייגעקע, ר. טיזמאַן, פ. לינדפעלד, משה נאַדיר, חיים קרול, מלך ראַוויטש, ח. ל. פוקס, מאַרק שאַגאַל, י. שטורעם און ישראל שטערן.

...ס'איז קיין ספק נישט, אַז די יונג־יידיש־שרייבערס און קינסטלערס זיינען שטאַרק געווען אונטער דער השפּעה פון י. ל. פּרץ — פון זיין חסידיש־קינסטלערישן טעמפּעראַמענט און פון זיין אידעאָלאָגיע „צו באַשיינען און פאַרשענערן די ירושה־אוצרות פון אונדזער אייגנאַרטיק, אייביק פאָלק".

ס'איז געווען די צייט, ווען אין דער ליטעראַריש־קינסטלערישער אייראָפּע האָט געהערשט אַ רעאַקציע קעגן דעם „טרוקענעם" רעאַליזם און נאַטוראַליזם פון זאָלאַ־גאָנקור אין דער ליטעראַטור און קעגן די רעאַליסטן און אימפּרעסיאָניסטן אין דער מאָלעריי. י. ל. פּרץ איז געווען דער ערשטער אין אונדזער ליטעראַטור, וואָס איז באַוווסטזיניק גאַנץ אַוועק פון דעם טרוקענעם רעאַליזם; אָבער די דיכטערס און קינסטלערס פון יונג־יידיש זיינען נאָך ווייטער אַוועק: אין זייערע צייכענונגען און קאָמפּאָזיציעס זעט מען שוין די השפּעה פון די פראַנצייזישע פוטוריסטן און פון די דייטשע עקספּרעסיאָניסטן; און אין דער דיכטונג — פון די רוסישע „שיפּאָווניקעס", פון די פראַנצייזישע פּאַרנאַס־דיכטערס, פון באָדלער, רילקע, עלזע לאַסקערשילער א"אַ.

אָבער דאָס כאַראַקטעריסטישע און אפשר ווערטפולסטע, וואָס זיי האָבן געירשנט פון פּרצן איז געווען דאָס דינען דער גאַנצער ליטעראַטור און נישט נאָר איין געביט פון דער ליטעראַטור. אַלץ, וואָס פּרץ האָט געשריבן, איז

געווען פאַר דער גאַנצער ליטעראַטור: די ליטעראַטור האָט געדאַרפט פאָלקס־טימלעכע און חסידישע דערציילונגען — האָט ער זיי געשאַפן. די ליטע־ראַטור האָט געדאַרפט אַזאַ מאָדערנע און סימבאָלישע פּיעסע ווי די גאָלדענע קייט, האָט ער זי אָנגעשריבן; די ליטעראַטור האָט געדאַרפט גוטע פּובלי־ציסטיק, גוטע ליטעראַרישע פעליעטאָנען אאַז״וו — האָט ער עס געגעבן.

פּרץ איז ניט געווען בלויז פּאַסקינסטלער ווי אונדזערע אַנדערע גרוי־סע שרייבערס; ער איז געווען אידעאַליסטישער, אַזוי צו זאָגן: ער האָט גע־דינט דער גאַנצער ליטעראַטור.

און אָט־דעם אידעאַליזם פּרצעס — דאָס דינען דער גאַנצער ליטעראַטור — האָבן געירשנט די דיכטערס און גראַפיקערס פון יונג־יידיש.

די יונגע האָבן זיך באַטראַכט ווי יונגע כוהנים אין אַ נייעם מישכן, וואָס זיי גייען אויפשטעלן, אַ מאָדערנער מישכן מיט באַרייכערטע ירושה־אוצרות, וואָס וועט וואַנדערן מיטן אייביקן פאָלק; זיי וועלן בשותפות מאָלן וויטראַזשן פאַרן מאָדערנעם מישכן; זיי וועלן שרייבן נייע קאַפּיטלעך תהילים. זיי וועלן באַנייען און ייִנגער מאַכן דאָס אַלטע פאָלק ישראל.

דאָס דינען דער גאַנצער ליטעראַטור, דאָס בשותפותדיקע שאַפן, האָט אויסגעצייכנט יונג־יידיש פון די אַנדערע אפשר מער ליטעראַרישע יונגע אויסגאַבעס פון יענער צייט.

●

...ער איז געבליבן יונג־יידיש דאָס גאַנצע לעבן, ביזן סוף פון זיינע טראַגישע טעג.

משה בראָדערזאָן האָט זיך נישט ספּעציאַליזירט נאָר אַלס דיכטער אָדער נאָר אַלס קליין־טעאַטער־קינסטלער אָדער נאָר אַלס דערציילער צי עסייסט; ער איז געווען און איז געבליבן יונג־יידיש, איבערהויפּט אין זיין פילפאַכיקייט און פילזייטיקייט: ער האָט געשריבן לידער, האָט עקספּערי־מענטירט מיט טעאַטער, אויפגעפירט פּיעסן, געשאַפן אַ מאַריאָנעטן־טעאַ־טער, אָנגעשריבן אַ ביבלישע אָפּערע בת־שבע. געווען שטענדיק אין אַ חבריש־שעפערישן קאָנטאַקט מיט די יידישע מאָלערס, מוזיקערס און יונגע שוישפּילערס. ווייל זיין ציל אין לעבן איז געווען צו דינען דעם מאָדערנעם יידישן שאַפן, אין אַלע פאָרמען.

...בראָדערזאָן איז געווען אַן עכטער, שיינער רעפּרעזענטאַנט פון דער טראַגיש־קורצער רענעסאַנס־תקופה אין דער יידישער ליטעראַטור פון די צוואַנציקער יאָרן.

און ער איז געבליבן אַ טראַגיש־איינזאַמע רענעסאַנס־פיגור אויך אין די שרעקלעכע יאָרן פון סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע קאַטאַסטראָפעס, וועלכע זיינען שיער נישט געוואָרן פאַטאַל פאַרן קיום פון יידישן פאָלק, זיין פאָלק.

ש. ניגער

משה בראָדערזאָנס ברויזנדיקע יוגנטלעכקייט *

...אַז איך האָב זיך געטראָפן מיט אים אין מאָסקווע, ווו ער איז געוואָרן פאַרכאַפּט פון דעם האַלב־ראַפינירטן, האַלב־ווילדן רוסישן „פוטור־ריזם", איז יעדעס ליד זיינס, וואָס איך פלעג לייענען, געווען אַ קנויל „פאַרברעכנס" קעגן דעם אָנגענומענעם נוסח און געשמאַק. אָבער יעדעס ליד איז, מיט אַלע זיינע פעלערן, געווען אַן אויפטו און אַן אַקט פון דרייסט־קייט. אַן אויפטו אין דעם סוזשעט, אין דעם געפיל, אין דער שטימונג, אין דעם ריטעם, אין דער שפּראַך און אין דעם גאַנצן אייגנאַרטיקן כישופדיקן געמיש פון אַלטער, פאָלקסטימלעכער יידישלעכקייט מיט דעם „נייסטן וואָרט" פון דער מאָסקווער פּאָעטישער באָהעמע.

איך האָב דאַן נאָך נישט געזען קראַפט (קראַפט — אין קונסט — איז אינעווייניקסטע דורכזיכטיקייט, געלייטערטקייט — דאָס האָט אפשר נאָך געפעלט), אָבער איך האָב געפילט אין אים אַ גרויסן און אַן עכטן פּאָעטישן אימפּעט: אַן אומרו און אַ שטורעמדיקייט וואָס זאָגט עדות אויף אַ ברויזן פון נישט־אַרויסגעבראַכטע יוגנטלעכע כוחות. אַ פאַרבאָרגענער קוואַל וואָס רייסט זיך אַרויף און קאָן זיך נאָך נישט אַרויסרייסן — און איז איבער פול.

אַזוי איז ער געטריבן געוואָרן פון זיין יוגנטלעכן אימפּעט, אַז ער האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און אָפּשטעלן זיך, ווען ער פלעגט נעמען די פען אין האַנט. די בילדער און די קלאַנגען פלעגן יאָגן איינע די אַנדערע, גיסן זיך ווי אַ שטראָם און אָפּט זיך צונויפגיסן ריטמיש, רוישיק און שפּריצנ־דיק אין אַלע זייטן ווי אַ קליינער וואַסערפאַל.

ער האָט געשריבן נאָר לאַנגע און צעשפּריצטע לידער. ער האָט נישט געהאַט נישט קיין געדולד און נישט קיין רויקייט אַריינצושמידן זיין געדאַנק אין אַ קליינער צאָל פערזן. אַפילו די קורצע, קאָנצענטרירטע יאַפּאַנישע

---

*) פון יידישע שרייבער אין סאָוועט־רוסלאַנד, אַר׳ פון ש. ניגער בוך־קאָמיטעט ביים אַלוו׳ ייד׳ קולטור־קאָנגרעס, ניו־יאָרק, 1958, זז׳ 262—264 און 268—263.

טאַנקעס (טאַנקי איז אַ ליד וואָס באַשטייט פון פינף שורות, וועלכע גראַמען זיך די 1טע מיט דער 3טער, די 2טע מיט דער 4טער און 5טער שורה), האָט ער אונדז געגעבן אין זיין ביכעלע טוי (מאָסקווע, 1919) — שנורן, ציקלען גאַנצע, צו אַ פינף און צוואַנציק אין יעדערן. ער האָט זיך נישט געקאָנט אָנזעטיקן מיט דער שטילער, שלויער שיינקייט פון דער נייער, פרעמדער כישופדיקער פאָרעם. און אַזוי ווי זי זעצט־פאָרויס זייער אַ צונויפגענגמענעם און געדיכטן אינהאַלט (זי וויל איינשליסן אַ ליד, אַ וועלט אַ גאַנצע, אין פינף שטרענג־געבונדענע פערזן!) און זי איז באַשאַפן נאָר פאַר גרויסע מייסטערס מיט אַן אַלטער קונסט־געניטקייט, איז זי, פאַרשטייט זיך, אין פיר פאַלן פון פינף, אויב נישט אָפטער נאָך, נישט געלונגען בראָדערזאָנען. אָבער נישט דאָס אינטערעסירט מיך דאָ, נאָר די איילִיקייט און די דאָרשטיקייט, מיט וועלכער ער כאַפּט זיך אָן פאַר יעדער נייער פאָעטישער אידייע. אָט־די אימפּעטדיקע דאָרשטיקייט, נישט־אָנגעזעטיקטקייט און ברענענדיקע גלוסטונג צו שעפן פון אַלע קוואַלן, און דאָס געשעפטע צו צעשפּריצן, איז דער כאַראַקטער־שטריך פון דעם גאַנצן איצטיקן, נישט רייפן, אָבער רייכן באַזיס פון בראָדערזאָנס צוזאַגנדיקער אַנטוויקלונג.

*

און ווען פעלערן און גרייזן וואָלטן נישט געווען אַזוי מענטשלעך און אומפאַרמיידלעך אין דעם שאַפן פון אַ יונגן אָריגינעלן דיכטער, וואָלט איך פריער פון אַלץ אפשר געדאַרפט ריידן וועגן זיינע פעלערן און גרייזן. זיי זיינען דאָך פונקט אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר אים ווי זיינע מעלות. אָבער וואָס איז יוגנט אָן פעלערן און געפאַרן? אַלץ, נאָר נישט קיין יוגנט. און מיר געפעלט דווקא אין בראָדערזאָנען זיין פרישע, ברויזנדיקע יוגנטלעכקייט. ער איז דאָך אַליין אַזוי פאַרשיכורט פון איר —

אויב איך בין יונג,\
וועל איך נאָך מער זיך ייִנגערן;\
אַן אויפגעפלאַמטער פון יעטוועדן פונק,\
פאַרליבט אין יעדן שטערן ווונק,\
פאַרטויבט אין יעדן ווערטער־קלונג,\
אין יעדער סודי־סודות־זינגערן...

פאַרליבטקייט — דאָס איז דער איצטיקער צושטאַנד זיינער: נִיט מענטשלעכע ליבע, נאָר יוגנטלעכע פאַרליבטקייט. ליבע ברענט, פאַרליבטקייט צינדט זיך אָן — און פאַרלעשט זיך. וואָס מאַכט עס אויס, אַז עס פאַרלעשט זיך? עס וועט זיך ווידער אָנצינדן — און ווידער זיך פאַרלעשן? — און ווידער זיך אָנצינדן! — — —

*

...ער האָט גענומען ביי פּרעמדשפּראַכיקע (דערהויפּט רוסישע) מאָדערנע דיכטערס געוויסע פאָרמען און פּרינציפּן און פריער ווי אַלץ — דעם פּרינציפּ פון דיכטערישער פרייהייט, דעם פּרינציפּ, וואָס איז „קעגן יעדן צוגאַנג פון דינים", אָבער ער האָט אַליין, אויף זיין אייגענעם אופן, אָנגעווענדט די אַלע נייע מעטאָדן פון פּרינציפּן. ער האָט נישט באַנוצט קיין פּאַרטיקע, פרעמדע מוסטערן. ער איז נישט געוואָרן קיין נאָכמאַכער.

*

דאָס זעט מען דערהויפּט אין דער נייער, פרישער און לעבעדיקער אויסטייטשונג, וואָס ער האָט, באַוווסט אָבער אומבאַוווסט פאַר אים אַליין, געגעבן דעם פּרינציפּ פון מאָדערניטעט אין דער פּאָעזיע. ביי אַ געוויסן מין „מאָדערניסטן" אונדזערע איז די „מאָדערניטעט" — אַ מעכאַנישע, אַ טויטע. און דערפאַר אַן אומפּרוכטבאַרע. אַזוי ווי זי וואָלט אויף זיי געווען אַרויפּצוּוונגען פון דרויסן. אַזוי ווי זיי וואָלטן, נעבעך, געמוזט מקיים זיין די מצווה פון „צוהערן זיך צו די שטימען פון דער צייט", כאָטש זיי קריכן זיי גאָר נישט אין די אויערן. די דאָזיקע מעכאַנישע אָדער, אויף פּראָסט יידיש, געמלאכהטע „מאָדערניסטן" זיינען אין דער אמתן נישט קיין קאַמפּליצירטע מאָדערנע מענטשן, נאָר, נעבעך, פּשוטע מענטשן פון היינט, מענטשן אָן וואָרצלען, אָן טראַדיציעס. אַזוי ווי זיי וואָלטן ערשט היינט געבוירן געוואָרן. קוקט זיך צו צו זייער לשון, וועט איר זען, אַז ער באַשטייט בלויז פון קאַלטע, פרעמדע, אָן ירושהדיקע ווערטער.

בראָדערזאָן איז ווייט פון זיי און זייער שרייענדיקער, מיט פרישער פאַרב שמעקנדיקער נייקייט.

ער איז נישט קיין „אויפגעקומענער". ער קומט צו אונדז ווי אַ נייער, אָבער נישט ווי אַ פרעמדער: ער קומט מאָנען זיין חלק ירושה; ער וויל מיט אים באַהעפטן זיין פאָרמעג; זיינע נייע ריגעז וויל ער אין די אַלטע קייטן אַריינפלעכטן. ער זוכט אַ סינטעז צווישן דעם אַלטן, פאָלקסטימלעכן נוסח און דעם נייעם, אינדיווידועלן און ראַפינירטן סטיל.

1924

מלך ראַוויטש

אין דער לאַבאָראַטאָריע פון יידישע דורות *

וואָס פאַר אַ וווּנדערלעכע ראַסן־מישוגנען האָבן דאָס אין דער לאַבאָראַטאָריע פון יידישע דורות אויסגעאַרבעט אַזאַ פּערפעקט־אומיידישן פּראָדוקט, אַזאַ איבערראַסישע פיזיק ווי די פיזיק פון דעם דיכטער משה בראָדערזאָן? און וואָס פאַר אַ וויץ איז דאָס ווידער געווען דווקא אין דעם מענטש. מיט דעם פּנים, וואָס אַלץ איז אין אים איבערמעסיק גרויס, אַ גרויס מויל, אַ גרויסע נאָז, גרויסע אויגן — אַ גרויסער שטערן — און דאָס פּנים אַליין איז פּראָפּאָרציאָנעל און זייער עסטעטיש — נישט שיין, נאָר עסטעטיש, ווי אַ קונסטווערק איז — יאָ, וואָס פאַר אַ וויץ איז דאָס געווען דווקא דעם ראַסנלאָזן מענטש, וואָס דערמאָנט אַ ביסל אַן אַמעריקאַנישן אינדיאַנער גאָר — צו געבן אַזוי פיל יידישע שפּראַך? דערצו די קלאַנגיקע, אָרגלדיקע, צו־גרויסע שטימע (פאַרגעסט נישט, אַז אַלץ אין בראָדערזאָנס פּנים איז צו גרויס), וואָס קען דעם גאַנצן אָרקעסטער פון זיין שפּראַך אויסשפּילן.

דאָס איז אַן אומגליק צו האָבן אַזוי פיל שפּראַך. דאָס איז עפּעס פּונקט ווי צו פאַרמאָגן אַן אויטאָמאָביל, וואָס אַז מען זעצט זיך אין אים אַריין, הייבט עס אָן אַליין צו פאָרן. אין אַזאַ אויטאָ קען מען נישט אַלע מאָל פאַרפאָרן וווּהין מען וויל. דאָס איז עפּעס פּונקט ווי מען האָט אַ קלאַוויר אין שטוב, וואָס קוים מען זעצט זיך צו צו דעם, הייבט עס אָן אַליין צו שפּילן, רוקט דיר אונטער מעלאָדיעס, לאַשטשעט זיך, קוים רירסטו אָן איין קלאַוויש האָבן געעגטפערט צוועלף — אויף אַזאַ קלאַוויר איז שווער אויסצושפּילן וואָס מען וויל.

...ווי אַ סך אין אונדזער ליטעראַטור, איז אויך דער ענין בראָדערזאָן, שפּראַך, פאָרעם, סטיל, ריטעם, קלאַנג, אינהאַלט, גראַם, אַליטעראַציע און אַלע אַנדערע עסטעטישע צוגעהערעכישן נישט געהעריק אויסגעפאָרשט געוואָרן ביז איצט. דאָ איז נייטיק אַ שטודיע פון אַ ספּעציאַליסט. זי וואָלט גרויסע און אינטערעסאַנטע רעזולטאַטן געגעבן. עס וואָלט זיך אַרויסגעוויזן,

---

* פון מיין לעקסיקאָן, באַנד 1, מאָנטרעאַל 1945, ז״ז 49—51.

אַז דער דיכטער האָט באַרייכערט דעם אוצר פֿון דער יידישער שפּראַך — נישט געטאָן די גרויסע און הייליקע אַרבעט פֿון קאָנסערוואַציע, ווי די קלאַסיקערס — נאָר טאַקע באַרייכערט, ביי געשאַפֿן, ווייל עס איז שוין צייט געווען, ווייל די אַרבעט פֿון דער קאָנסערוואַציע איז שוין געווען דורכגעפֿירט, און מען קען שוין גיין ווייטער. אַגב, געהערט די אַרבעט פֿון שפּראַך־באַרייכערונג דווקא צו פּאָעטן און נישט צו פּראָזאַיקערס. און בראָדערזאָן איז פֿון קאָפּ ביז פּיס, פֿון זיין קאָלאָסאַלער קראַוואַטן־נאָדל ביז זיין איבער־מענטשלאַכן פֿינגער־רינג אַן עסטעטישער דיכטער.

ביי בראָדערזאָנען איז פֿאָרעם צופֿיל פֿאָרעם — שווימט־אַרום דער אינהאַלט אָפּט ווי אַ קינד אין טאַטנס קליידער, אָבער ניין, דאָס איז אַ נישט־עסטעטישער פֿאַרגלייך — און בראָדערזאָן איז דאָך עסטעטיק, נאָר די פֿאָרעם איז פֿאָרט צו־גרויס ביי אים פֿאַר דעם אינהאַלט און דאָס איז פּונקט אַזוי נישט גוט ווי ווען די פֿאָרעם איז צו־קליין און זי פּלאַצט און עס זעט זיך אַרויס דער — באַקעטער אינהאַלט. אָבער אויך דאָס איז נישט עסטעטיש — און מען טאָר נישט אַזוי זיין, ווען מען רעדט וועגן בראָדערזאָנען.

